STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06411

PROMETEUS, DER GOYEL

Percy Bysshe Shelley

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג
ל.מ.שטיין
שיקאגא

פראָמעטעאוס, דער גואל

פּוירסי ב. שעלי

• • •

יידיש:

מ. בלעכמאַן

פאַרלאַג ל. מ. שטיין שיקאגע

COPYRIGHT 1953 BY
L. M. STEIN, PUBLISHER
210 S. CLINTON STREET
CHICAGO, ILL.

PROMETEUS-UNBOUND
L. M. STEIN, PUBLISHER
CHICAGO, ILLINOIS - NINETEEN FIFTY THREE

PRINTED IN THE
UNITED STATES OF AMERICA

INTERNATIONAL PRINTING COMPANY
CHICAGO
557

Percy B Shelley.

מיין מאַמען אַלטע־חוה
אין מאַמע־לשון.



מ. בלעכמאַן

אַ פּאָר ווערטער

א׳ אדר, תשי״ב (27טן פעברואר 1952) איז משה בלעכמאַן, מיטאַר־בעטער פון שיקאַגער אפטייל פון „פאָרווערטס״, נאָך אַ לענגערער קראַנק־הייט אין שפּיטאָל, געשטאָרבן אין עלטער פון 56 יאָר, ממש אין מיטן זיין לעבנס־ארבעט.

אַ שטורמדיק לעבן, פול מיט אויפטרויסלונגען און איבערברוכן, האָט בלעכמאַן געלעבט. געבאָרן אין אַ שטעטל לעבן בריסק, איז ער אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ בעלי־בתּישער אָבער אָרעמער היים. זיין פאָ־טער האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, ווו ער האָט געהאָפט זיך צו רע־עטאַבלירן און אַרויסנעמען דערנאָך זיין פאַמיליע. די גרעסטע השפּעה אויף אים האָט געהאַט זיין מוטער, אַלטע־חוה, וועלכע איז איצט 87 יאָר אַלט און וווינט אין קעמדען, ניו דזשוירזי. אַ פּאַטעטישע נאַטור, האָט די מוטער זיינע פון זיין פריער קינדהייט דערוועקט אין אים אַ געפיל פאַרן שענערן אין לעבן. משה בלעכמאַן האָט דורכגעמאַכט, ווי אַלע יידישע קינ־דער פון שטעטל, דעם טראַדיציאָנעלן חדר און דערנאָך איז ער געשיקט געוואָרן אויף עטלעכע יאָר אין דער ישיבה אין בריסק. דאָרטן האָט ער זיך אָנגעשטעקט מיט די אידייען פון דער נייער צייט, פלייסיק גע־לייענט די העברייאישע און יידישע ליטעראַטור, און באַשלאָסן צו לערנען וועלטלעכע וויסנשאַפטן. אין בריסק האָט ער אויך זיך באַקאַנט מיט דער רעוואָלוציאָנערער יידישער באַוועגונג און מיטגעצויגן געוואָרן מיטן שטראָם יונגע סטודענטן, ביי וועלכע די אידייע פון וועלט־איבערבוי איז געוואָרן זייער איינספּירירנדיקער אידעאָל.

צו 15 יאָר איז בלעכמאַן געקומען מיט זיין מוטער קיין אַמעריקע. ער מאַכט דורך די אַלגעמיינע מיטלשול און טרעט אריין אין אוניווערזי־טעט. באַזיצנדיק אַ שטאַרקן דאָרשט נאָך וויסן, הערט ער לעקציעס אויף פאַרשיידענע סאָציאַלע טעמעס. אָבער וויפיל ער לערנט ביי אנדערע, לערנט ער נאָך מער אליין. ער שלינגט ממש הונדערטער ביכער איבער סאָציאָלאָגיע, פילאָזאָפיע, ליטעראַטור. אין זיין וועזן ווערן צוזאַמענגע־וועבט די אידעאַלן פון די נביאים, דער איינערלעכער דראַנג נאָך גערעכ־טיקייט, און די נייע לערעס פון סאָציאַליזם. ער ווערט אַריינגעצויגן אין דער ראַדיקאַלער באַוועגונג, זייענדיק זיכער אַז מיט זיין ארבעט און צו־שטייער ברייגנט ער די וועלט, וואָס איז פול מיט אומרעכט, נעענטער צו דער בעסערער און שענערער צוקונפט. אויסערלעך אַ קאַלטער, שווייגנ־דיקער מענטש, איז ב. אָבער אינערלעך פול מיט טעמפּעראַמענט און פייערדיק, ער גיט זיך איבער דער באַוועגונג בלב ונפש און דינט זי מיט ערנסט און אויפריכטיקייט. אין די 30ער יאָרן שליסט ער זיך אָן אָן דער „פריהייט״־רעדאַקציע און שרייבט קורצע עסייען איבער וויסנשאַפט־

לעכע פראגן. ער שרייבט א בוך אין ענגליש א. נ. „וואטער־טאון“, אין וועלכן ער שילדערט די צופוילונג פון יידישן „בעבית־קלאַס.“ שפּעטער מיט יאָרן ווערט ער פאַרוואַלטונג־רעדאַקטאָר פון קאָמוניסטישן זשורנאַל „האַמער.“ ער רעדאַגירט אויך אַ בוך ראַדיקאַלע לידער און פּאָעמעס פון י. גרינשפּאַן.

אין דער תוך־תוכיות פון זיין נשמה אָבער איז בלעכמאַן געווען מער אַקאַדעמישער דיינקער און מער זוכער פון שיינקייט און גערעכטיקייט, ווי שטורמער פון איינגעפונדעוועטע אינטיטוציעס. ווען ער שטויסט זיך אָן אין די שטייפע רעגלאַמענטן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי־דיס־ציפּלין, האַלט ער ניט אויס די פּראָבע און ווערט באַלד „אַ פּערסאָנאַ נאָן גראַטאַ.“ וואַגנדיק אַרויסצוזאָגן זיינע אייגענע מיינונגען וועגן ארץ ישראל, און וועגן די טרויעריק־באַרימטע מאָסקווער פּראָצעסן, ווערט ער גאָר גיך אויסגעשלאָסן אלס „אומפּאַראַנטוואָרטלעכער“ און אפילו „ניט אָרענט־לעכער“ מענטש און ער פאַרלירט זיין שטעלע אין רעדאַקציע. דער צאַר־טער און פיין־פילנדיקער ב. נעמט די קלעפּ מיט האַרצקלעמעניש און טיפן פיין. געפינענדיק זיך אין א מצב פון אַן אַרויסגעשטויסענעם, גייט ער אַרום ווי אין אַ קאָשמאַר. לסוף קומט אַרויס ב. מיט אַן אָפענער דער־קלערונג אין „פאָרווערטס“, אָקטאָבער 1939, אין וועלכער ער מאַכט קלאָר פאַר דער עפנטלעכקייט זיין שטעלונג.

משה בלעכמאַן רעזומירט זיין שטעלונג אַט אזוי: „איך בין דאָן — מיט אנדערהאַלבן יאָר צוריק (1937) — ניט בלויז געווען ברוגז אויפן קאָמוניסטישן חזן, נאָר איך האָב שוין אויפגעהערט צו גלויבן אין דער קאָמוניסטישער קדושה. איך האָב שוין דאָן איינגעזען, אַז די קאָרופּציע און די שווידערלעכע דעמאָראַליזאַציע, וואָס הערשט אין די פירנדיקע קריי־זען פון דער פאַרטיי, זיינען ניט קיין אויבנאויפיקע, צופעליקע דער־שיינונגען, נאָר אַז די גאַנצע סיסטעם, וואָס דער באָלשעוויזם האָט אויפ־געבויט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און איבער דער גאַנצער וועלט, איז פויל, מאָראַליש באַנקראָט.“

ב. איז געוואָרן אַ בעל תשובה און זיך דערקלערט אלס נאַציאָנאַלער ייד, אָנשליסנדיג זיך אלס מיטגליד אין „יידיש־נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַר־באַנד.“

פאַרשטייט זיך, אַז דער שרייבער פון די שורות, דערציילנדיק וועגן דעם, נעמט זיך ניט אונטער צו זיין אַ פוסק און משפטן עמיצן. דאָ ווערן בלויז קאָנסטאַטירט פאַקטן. די וואָס האָבן אים געקענט ווייסן, אַז בלעכ־מאַן האָט ניט נאָר באַוויזן גרויס גבורה ווערנדיק אַ ראַדיקאַל, נאָר אפשר נאָך מער גבורה האָט ער באַוויזן צו ווערן אויס ראַדיקאַל. די נשמה־אויפ־טרויסלונגען וואָס ער האָט דורכגעמאַכט האָבן ניט אין קיין קליינער מאָס גורם געווען זיין פריצייטיקן טויט.

**
*

ווי שטאַרק פאַראינטערעסירט משה בלעכמאַן איז געווען אין סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראַגן, האָט ער אָבער כסדר געהאַט אַ באַזונדער ווארעם ווינקל פאַר שיין־ליטעראַטור, דער עיקר פּאָעזיע. נאָך צו דרייצן יאָר, האָט ער געשריבן העברעיאישע און יידישע לידער.

אַלס מיטאַרבעטער פון „יידישען קעמפער" האָט ער, אויסער גרע־סערע עסייען איבער פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פראַגן, אָפּגעדרוקט פון צייט צו צייט לידער אין יידיש, אָדער איבערזעצט לידער פון דער וועלט־ליטעראַטור. ווען דאָס אייראָפּעאישע יידנטום איז געפירט געוואָרן צו דער עקידה, האָט ב. געשריבן צאַרן־און צער־לידער וואָס האָבן גע־פונען אַן אָפּקלאַנג אין אַ סך הערצער.

אָבער ווי זיין גרויסע לעבנס־אַרבעט האָט ער באַטראַכט די אי־בערזעצונג פון שעלי׳ס מייסטערווערק „פּראָמעטעאוס, דער גואל" („פּראָ־מעטעאוס אנבאונד"), איבער וועלכער ער האָט געאַרבעט יומם ולילה. שוועבענדיק איבער די שורות פון אָט דער קלאַסישער דראַמע, האָט זיין צעבראָכענע נשמה אין איר געפונען אַ תיקון. מיט די לעצטע כוחות האָט ער איבערגעדיכט די גרויסע פּאָעמע, ווערנדיק געשטאַרקט און געמו־טיקט פון זיין איבערצייגונג, אַז ער דינט דערמיט זיין פאָלק און דער יידישער ליטעראַטור וואָס ער האָט ליב געהאַט. מחמת אייניקע האָבן אים קריטיקירט וואָס ער ווידמעט אַזוי פיל צייט צו אַ ווערק פון אַ פרעמ־דער ליטעראַטור, האָט ער אָנגעשריבן אַ ספּעציעלע הקדמה, אין וועל־כער ער באַרעכטיקט זיין אַרבעט. די רעדאַקטאָרן פון בוך האָבן ניט איינ־געזען די נויטווענדיקייט פון אַזאַ אַפּאָלאָגעטישער הקדמה און זיינען גע־קומען צו דער מסקנא, אַז עס איז בעסער זי אויסצולאָזן, און כדי יוצא זיין פאַר אַ געשטאָרבענעם קאָלעגע וועט די הקדמה מעגלעך ערגעץ־ווו אַנדערש אָפּגעדרוקט ווערן.

שעלי׳ס מייסטערווערק האָט הינגעריסן דעם פאַרשטאָרבענעם דיכ־טער און עסייאיסט, מחמת איר קאַרדינאַלע אידייע איז נאָענט צום יידישן באחרית־הימים אידעאַל, ווען — „ומלאה הארץ דעה כמים לים מכסים", און די ערד וועט ווערן פול מיט וויסן, ווי די וואַסער וואָס דעקן צו דעם ים־פלאַך.

שעלי באַפרייט פּראָמעטעוס׳ן, נאָכדעם ווי דער לעצטער האָט אַזוי לאַנג און אַזוי פיל געליטן אַלס עונש פאַר זיין זינד וואָס ער האָט געבראַכט פייער און ליכט צום מענטשן. פּראָמעטעאוס נצחון איז דער נצחון פון גע־רעכטן און דער סימבאָל פון דערלייזטן מענטשן. בלעכמאַנ׳ס נשמה האָט זיך בכן געוואַרעמט ביים ליכט פון באחרית־הימים־אידעאַל נאָכדעם ווי דער טיפער יאוש האָט שוין געהאַט כמעט צעגריזשעט זיין נשמה. קיין חידוש ניט פאַרוואָס בלעכמאַן האָט געפילט, אַז מיט דער איבערזעצונג איז ער מתקן זיין אייגן לעבן און ברענגט אויך עפּעס צו צו דער דורות׳דיקער קולטור פון זיין פאָלק.

די איבערזעצונג פון דער קלאַסישער דראַמאַטישער פּאָעמע, וואָס ב. האָט געמאַכט צום ערשטן מאָל אין יידיש, איז, צוליב כמה וכמה טעמים, געווען ניט קיין לייכטע אַרבעט. שעלי גופא האָט אין דער דראַמע נאָכגעפאָלגט דעם סטיל און זשאַנר פון די פּאַרצייטיקע גריכישע דראַמאַטורגען, בעיקר עסכילעס׳ן, וועלכער ווערט באַטראַכט, און מיט רעכט, ווי דער פאָטער פון דראַמאַטישער און עפּישער טראַגעדיע. עסכילעס טראַגעדיע „פּראָמעטעאוס דער געבונדענער", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין אַטען אָנהייב 5טן יאָרהונדערט פ"ק, איז, בלי ספק, איינע פון די קונסטווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור און ווערט געשטעלט אין איין קאַטעגאָריע מיט „איוב", וועלכער, ווי פּראָמעטעאוס, רעבעלירט קעגן גאָט (פּראָמעטעאוס רעבעלירט קעגן צעאוס׳ן דעם הויפּט־גאָט). צווישן די 70 טראַגעדיעס וואָס עסכילעס זאָל האָבן געשריבן, איז אויך געווען אַ דראַמע „פּראָמעטעאוס דער אויפגעבונדענער, אָדער באַפרייטער". די דראַמע איז אָבער פאַרלאָרן געגאַנגען. שעלי האָט בכן געוואָלט אויספילן אַ בלויז אין דער וועלט־ליטעראַטור. אָבער, שאַפנדיק די דאָזיקע דראַמע, האָט ער זיך געשטעלט ברייטערע און גרעסערע אויפגאַבן, ווי דער גריכישער קלאַסיקער, אונטער די תנאים פון זיין צייט, האָט זיך געקאָנט האָבן געשטעלט. די פאַבולא האָט שעלי כמעט איבערגעלאָזן אומבאַרירט, אויך טייל נעמען פון די פיגורן, אָבער די אידייען זיינען דורכאויס מאָדערנע. דער ריטם פון דער דראַמע, שוין ניט רעדנדיק וועגן פּאָעטישן לשון, וואָס שעלי האָט דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה, האָבן געלייגט באַזונדערע שוועריקייטן אויפן וועג פון איבערזעצער.

בלעכמאַן האָט געאַרבעט זייער שווער, מעסטנדיק און וועגנדיק און שלייפנדיק יעדן וואָרט, כדי צו ברייגען די איבערזעצונג צו דער העכסט־מעגלעכער שלימות. אויף וויפיל דאָס איז אים געלונגען, וועט דער אויפמערקזאַמער לייענער דאַרפן אַנטשיידן.

לייענענדיק די פּראָבן און פאַרגלייכנדיק אין אַסך פלעצער דעם אָריגינאַל מיט דער איבערזעצונג, האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ שפּאָר ביסל שפּראַכלעכע אויפטועך, באַזונדערס דער כח־הצמצום וואָס דער איבערזעצער האָט אַרויסגעוויזן. אין די ראַמען פון דעם יידישן לשון האָט ער, בלי ספק, אַסך דערגרייכט.

צום סוף פון בוך געפינען זיך אויך דריי לידער פון שעלי׳ן, לידער וואָס זיינען אַנערקענט אין דער ענגלישער ליטעראַטור ווי קונסטווערק — די בעסטע צווישן שעלי׳ס אינדיווידועלע לידער. אויך אין זיי האָט ב. באַוויזן מייסטערשאַפט, סטאַרנדיק זיך צו געבן אין יידיש דעם אינערלעכן ריטם און קלאַנג פון די שעלישע פערזן.

נפתלי קראַוויץ.

יאַנואַר, 1953

שעלי, דער זינגער פֿון גאולה

(אַריינפֿיר־עסיי)

.1

פֿאַראַן אַ פּאָעט, געבוירן אין אַ זיידן העמדל, וועלכער ווערט אויפּגעכאַפּט און אַנערקענט פֿון זיין דור און געקרוינט אַלס גרויסער מייסטער; אַן אַנדערער, פֿאַרקערט, בלייבט נישט אַנערקענט און פֿאַרשפּאָט אין דער צייט פֿון זיין לעבן און ערשט די קומענדיקע דורות נעמען אים אָפּשאַצן און אַנערקענען זיין גרויסקייט. און נישט איינמאָל האָט עס געטראָפֿן, אַז איינער וואָס האָט פֿאַרבלענדט זיין אייגענעם דור מיט זיין טאַלאַנט, זאָל שפּעטער ווערן פֿאַרבלאַסט און פֿאַרטונקלט אין לויף פֿון דער צייט, ביז זיין נאָמען בלייבט נישט מער ווי אַ שאָטן פֿאַר די קומענדיקע דורות; און פֿאַרקערט, איינער וועמען דער אייגענער דור האָט פֿאַרזען און פֿאַרשעמט, זאָל אויפֿלייכטן פֿאַר די דורות נאָך אים און זיין טיפֿע אינעווייניקסטע ליכט זאָל ווערן גרעסער און גרעסער מיטן גאַנג פֿון די יאָרן.

שעלי און קיטס, היינט צוויי פֿון די גרעסטע און שיינענדיקסטע נעמען אין דער ענגלישער פּאָעזיע, געהערן צו דער צווייטער קאַטעגאָריע. די צוויי פּאָעטן, וועלכע האָבן געלעבט אין איין צייט, זיינען געווען אַזוי פֿאַרשיידן לויט זייער סאָציאַלן אָפּשטאַם, און לויט זייערע כאַראַקטערן און פּערזענלעכקייטן, ווי צוויי מענטשן קענען נאָר זיין. שעלי איז געבוירן געוואָרן אין אַ רייכער אַריסטאָקראַטישער משפּחה, מקורבים פֿון דעם פֿירשט („דיוק“) פֿון נאָרפֿאָלק, בעת קיטס איז געווען דער זון פֿון אַ פֿערדיונג, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פֿון זיין באַלעבאָס און איז געוואָרן דער אייגנטימער פֿון דער שטאָל מיט די פֿערד; שעלי איז געווען הויך, בלאָנד, אימפּעטיק, נישט־געצוימט, און סיי פֿיזיש, סיי גייסטיק העכסט אָנציענדיק פֿאַר פֿרויען, בעת קיטס איז געווען נידעריק געוואָקסן, שעמעוודיק, צוריקגעהאַלטן און ער האָט געקענט אָנציען פֿרויען בלויז מיט זיינע גייסטיקע אייגנשאַפֿטן, מיט זיין קלוגן פּנים און נשמה־פֿולע,ליידנשאַפֿטלעכע אויגן; שעלי האָט געפֿיבערט מיטן גייסט פֿון זיין

צייט, איז געווען עקסטרעמיסטיש און רעוואָלוציאָנער אין זיינע נייגונגען און ער האָט זיך געוואָרפֿן מיט ברען אין די פּאָליטישע, סאָציאַלע, רעליגיעזע און פֿילאָזאָפֿישע פּראָבלעמען און קאַמפֿן, וועלכע האָבן אין יענער צייט, אין דעם פּעריאָד נאָך דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, אויפֿגערודערט די וועלט און צעטיילט די ענגלישע און אייראָפּעישע געזעלשאַפֿט אין צוויי פֿיינטלעכע לאַגערן; קיטס, פֿאַרקערט, האָט נישט געהאַט קיין אינטערעס אין די פּאָליטישע און סאָציאַלע באַוועגונגען און קאַמפֿן פֿון זיין צייט, און ער האָט זיך פֿולשטענדיק צוריקגעצויגן אין זיין אייגענער לירישער וועלט אַריין, אין דער וועלט פֿון זיינע פּאָעטישע שאַפֿונגען, אין וועלכע ער האָט געגעבן אויסדרוק צו זיינע אינדיווידועלע ליידן און פֿריידן, צו זיינע פּערזענלעכע עסטעטישע און עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען; שעלי איז געווען איבערגעלאָדן מיט דעם געפֿיל פֿון סימפּאַטיע צו אַלע ליידנדיקע פֿאַר וועמען ער איז תמיד געווען גרייט זיך מקריב צו זיין, אַוועקצוגעבן ממש די העמד פֿון לייב צו אַ נויטבאַדערפֿטיקן, און ער האָט זיין פּאָעזיע געווידמעט צו דעם אידעאַל און חלום פֿון דער באַפֿרייאונג פֿון דער וועלט פֿון אַלע ליידן, עוולות און אומגערעכטיקייטן; קיטס, פֿאַרקערט, האָט זיך געשטעלט איין ציל אין לעבן און אין זיין פּאָעזיע — צו שאַפֿן „זאַכן פֿון שיינקייט", וועלכע זאָלן לעבן אייביק און אייביק געבן גייסטיקע רו און טרייסט צו מידע און ליידנדיקע הערצער.

און דאָך, נישט געקוקט אויף זייערע דיאַמעטריש קעגנזעצלעכע כאַראַקטערן, פּערזענלעכקייטן און אויסקוקן אויפֿן לעבן, האָבן די צוויי פּאָעטן געהאַט זייער פֿיל בשותּפֿותדיקס צווישן זיך — זייער עקשנותדיקייט, טראָציקייט און אומאָפּהענגיקייט פֿון גייסט; זייער טיף־אינדיווידועלע אייגנאַרטיקייט און אָריגינאַליטעט; זייער פֿעסטן גלויבן און אינערלעכע זיכערקייט אין זייער פּאָעטישער צוקונפֿט, טראָץ דער קאַלטקייט און צינישער אָפּשפּאָטונג פֿון אַ פֿיינטלעכער וועלט; זייער ביידנס טיפֿע פֿאַראַכטונג צו יעדער פֿלאַכקייט, באַנאַליטעט און מיטלמעסיקייט, וואָס האָט פֿאַרפֿלייצט די ליטעראַטור פֿון זייער צייט, ווי דאָס פֿאַרפֿליצט די ליטעראַטורן פֿון אַלע צייטן; זייער ברייטער שווונג, זייער שטענדיק עקספּערימענטירן און זוכן נייע פֿאָרמען, און איבערהויפּט זייער גרויסע שעפֿערישע ענערגיע, וואָס האָט שנעל אויסגעברענט אין זיי די קנויטן פֿון זייערע לעבנס, ביז וואַנען דער זעלבער טראַגישער גורל וואָס האָט צוזאַמענגעבונדן זייערע נעמען ביים לעבן, האָט זיי ענדלעך אומצושיידבאַר פֿאַראייניקט אין טויט. און מערקווירדיק — די דאָזיקע צוויי פּאָעטן, וועמעס נעמען ווערן היינט שטענדיק דערמאָנט צוזאַמען, ווי אַן אומצושיידבאַרע פּאָר, האָבן זיך פּערזענלעך וויניק געקענט ביים לעבן און זיך

כמעט נישט באַגעגנט. דער גרויסמוטיקער שעלי האָט זיך פונדערווייטנס אָנגעגנומען די קריוודע פֿון קיטסן, ווען די קריטיק האָט אַרונטערגעריסן זיין לאַנגע פּאָעמע „ענדימיאָן". שעלי, וועלכער איז געווען מיט קנאַפּע דריי יאָר עלטער פֿון קיטסן, האָט געשריבן פֿון איטאַליע, וווּ ער האָט געוווינט אין די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן, אַ דערמוטיקנדיקן בריוו צו זיין ייִנגערן קאָלעגע אין ענגלאַנד. שעלי האָט אין זיין בריוו געשריבן, אַז ער האָט געפֿונען שטעלן פֿון וווּנדערלעכער שיינקייט אין „ענדימיאָן". ס'איז געווען קלאָר, אַז שעלי איז אויך ניט געווען צופֿיל באַגייסטערט פֿאַר דער פּאָעמע אַלס אַ גאַנצע, אָבער ער האָט געזען אין קיטסן סימנים פֿון אַ גרויסן פּאָעטישן טאַלאַנט און ער האָט אים געוואָלט דערמוטיקן, ווייל ער אַליין איז שוין דאַן געווען נישט איינמאָל אַ קרבן פֿון דער זעלבער שמאָלקעפּיקער און ענגהאַרציקער ענגלישער קריטיק פֿון יענער צייט.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן די צוויי פּאָעטן, וואָס איז געוואָרן אַ וויכטיקער טייל פֿון דער געשיכטע פֿון דער ענגלישער ליטעראַטור. פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ איז קלאָר, אַז שעליס פּאָעזיע האָט געמאַכט אַ טיפֿן רושם אויף דעם ייִנגערן קיטס. אים איז אָבער שטאַרק ניט געפֿעלן דאָס וואָס שעלי פֿאַרנעמט זיך צופֿיל אויף פּאָלעמישע דרכים, אַ טענדענץ וואָס האָט אים געשעדיקט, ווי קיטס האָט געגלויבט, אַלס פּאָעט. אין איינע פֿון זיינע באַרימטע בריוו האָט קיטס געשריבן צו שעלין נישט ווי אַ ייִנגערער קאָלעגע, נאָר ווי אַן עלטערער, קליגערער און פֿון דערפֿאַרונג געצאַמטער דיכטער, וואָס גיט אַן עצה צו אַ יונגן, היציקן און נאָך נישט געצאַמטן קאָלעגע, זוכנדיק אים מדריך צו זיין אַלס פּאָעט. קיטס האָט געשריבן:

„דו האָסט געמעגט צאַמען דיין גרויסמוטיקייט און אָנלאָדן יעדן שפּאַלט פֿון דיין טעמע מיט מעטאַל . . . אָבער — האָט ער באַלד צוגעגעבן — דער געדאַנק פֿון אַזאַ דיסציפּלין מוז פֿאַלן ווי קאַלטע קייטן אויף דיר, וועלכער ביסט מסתמא קיינמאָל נישט געזעסן מיט צונויפֿגעלייגטע פֿליגל זעקס חדשים דורכאַנאַנד . . . "

דער קלוגער קיטס האָט גוט געוווּסט, אַז זיין עצה צו שעלין וועט בלייבן אַרויסגעוואָרפֿן, אַז שעלי איז און וועט בלייבן שעלי, דער אומרואיקער הימל־לאַרק, וואָס פֿליט רק אין די העכסטע הויכן „ווי אַ וואָלקנדל פֿון פֿייער", דער שטורעמדיקער מערב־ווינט, וואָס איז „אומצוימבאַר, שטאָלץ און שנעל", פּונקט ווי ער, קיטס, איז און וועט בלייבן — טראָץ אַלע עצות פֿון גוטע פֿריינט — דער שטילער, טיף־לירישער נאַכטיגאַל, וועלכער האָט בלויז איין פֿאַרלאַנג — אָפּזינגען זיין געטלעך געזאַנג, און „פֿאַרלאָזן די וועלט אומגעזען — פֿאַרשווינדן אין דעם טונקעלן וואַלד . . . "

דער אומעטיקער פֿאַרלאַנג וואָס קיטס האָט אפֿשר בלויז פּאָעטיש־פֿיגוראַטיוו אויסגעדריקט אין זיין אומשטערבלעכער „אָדע צו אַ נאַכטי־גאַל" איז, צו זיין און דער וועלטס אומגליק, מקוים געוואָרן צו שנעל. עס האָט גענומען בלויז איין יאָר צייט און דער טיף־שטילער, ביטער־זיסער זינגער האָט פֿאַרענדיקט זיין אומפֿאַרגעסן און אומפֿאַרגעסלעך גע־זאַנג אויף אייביק, און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער האָטווירקלעך פֿאַרלאָזן די וועלט אומגעזען, פֿאַרשווּנדן אין טונקעלן וואַלד, און אויס. ער איז געשטאָרבן אין רוים, באַלד נאָך זיין אָנקומען קיין איטאַליע אין אַ לעצטן פֿאַרזוך צו ראַטעווען זיך אין דעם דאָרטיקן וואַרעמען קלימאַט פֿון דער שווידערלעכער לונגען־קראַנקהייט וואָס האָט אים געמאַטערט אין די לעצטע עטלעכע יאָר פֿון זיין לעבן. זיינע פֿון טובערקולאָזיס צעפֿרעסענע לונגען האָבן אָבער מער נישט געקענט אויסהאַלטן און זיי האָבן געפּלאַצט איי־דער ער האָט צייט געהאַט זיך אָנצוּוואַרעמען אין די שטראַלן פֿון דער דרום־זון. דאָס איז געווען אין יאָר 1821, ווען קיטס איז געווען בלויז 26 יאָר אַלט.

שעלי, שטאַרק געטראָפֿן פֿון קיטס טראַגישן סוף, האָט דאַן אָנ־געשריבן זיין גרויסע און ביטערע עלעגיע „אַדאָנאַיס", באַוויינענדיק דעם טויט פֿון זיין חבר. אין דער עלעגיע האָט שעלי געהאַלטן די צוואה פֿון זיין פֿאַרשטאָרבענעם קאָלעגע און ער האָט אין איר באמת „אָנגעלאָדן יעדן שפּאַלט פֿון זיין טעמע מיט מעטאַל" — מיט דעם סאַמע ריינסטן גאָלד. שעלי האָט אין „אַדאָנאַיס" דערגרייכט, אפֿשר, זיין העכסטע מייַ־סטערשאַפֿט.

די עלעגיע האָט דערגרייכט אַ טאָפּלטן צוועק — זי האָט געבראַכט אָן אָנהויב פֿון אָנערקענונג סיי פֿאַר שעלין, דעם באַוויינער, סיי פֿאַר קיטסן, דעם באַוויינטן פּאָעט. עס איז אָבער שוין געווען צו שפּעט פֿאַר ביידן. קיטס איז שוין געווען טויט און שעלי איז אומגעקומען מיט אי־בער אַ יאָר שפּעטער, ווען זיין היימיש־געמאַכט זעגל־שעפֿל „אַריאַל" האָט זיך איבערגעקערט אין אַ שטורעם אין ספּעציאַ ים־איינגוס ביים ברעג פֿון צפֿון־איטאַליע. די צוויי פּאָעטן זיינען געבראַכט געוואָרן צו קבורה איינער לעבן אַנדערן אויף דעם פּראָטעסטאַנטישן בית עולם אין רוים. אַזוי זיינען, שעלי און קיטס, פֿאַראייניקט געוואָרן אויף אייביק נאָכן טויט. און מיט יאָרן שפּעטער, ווען מ'האָט אַלץ מער גענומען לייענען און באַוואונדערן זייערע ווערק, זיינען ביידנס נעמען צוזאַמען אַריינגענומען געוואָרן אין דעם פּאַנטעאָן פֿון דער גרויסער ענגלישער פּאָעזיע, ווו זיי פֿאַרנעמען היינט אַ פּאָזיציע אין סאַמע אויבן־אָן, אָנערקענט אַלס די צוויי גרעסטע ענגלישע לירישע פּאָעטן. היינט דיסקוסירט מען בלויז ווער פֿון די צוויי איז געווען דער גרעסערער לירישער פּאָעט. דאָ איז דער לאַגער

פֿון פּאָעזיע־קריטיקער און פּאָעזיע־מבינים צוטיילט אין צוויי מחנות — אין שעליאַנער און קיטסיאַנער. דאָס איז אָבער בלויז אַ פֿראַגע פֿון פּערזענלעכן געשמאַק אָדער נייגונג. קיינער איז היינט נישט מסופק, אַז די צוויי שטעלן מיט זיך פֿאָר צוויי פֿון די סאַמע העכסטע באַרגשפּיצן פֿון לירישער פּאָעזיע אין דער ענגלישער ליטעראַטור.

.2

אויב דער גייסט פֿון קיטסן האָט שפּעטער געפֿונען זיין פֿולע רו אין דער אַלגעמיינער אַנערקענונג וואָס ער האָט מיט יאָרן דערנאָך געוווּנען אַלס איינער פֿון די גרעסטע לירישע פּאָעטן אין דער ענגלישער ליטעראַטור, האָט דער אַמעריקאַנער גייסט פֿון שעלין נאָך אַלץ נישט געפֿונען זיין מנוחה, טראָץ דער אַלגעמיינער הסכמה אויף זיינע קלענערע לירישע לידער (ווי „דער וואָלקן", „צו אַ הימל־לאַרק", „אָדע צו דעם מערב־ווינט" און פֿיל אַנדערע פֿון זיינע שטימונגפֿולע און טאָנרייכע לידער סאָנאַטן און סערענאַדעס) אַלס מייסטערווערק און פּערל פֿון דער ענגלישער פּאָעזיע. די „בעביטס" פֿון 19טן יאָרהונדערט האָבן נישט געקענט פֿאַרגעסן שעליס אַלטע חטאים — זיין פֿרי־יוגנטלעכן מיליטאַנטישן אַטעיִזם, צוליב וועלכן מ'האָט אים אויסגעשלאָסן פֿון אָקספֿאָרד אוניווערזיטעט; זיינע פּאָליטיש און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע טענדענצן; ווי אויך דאָס וואָס ער האָט פֿאַרלאָזן זיין ערשטע פֿרוי העריעט און איז אַנטלאָפֿן מיט מערי גאָדווין, די טאָכטער פֿון דעם סאָציאַל־אוטאָפּישן פֿילאָזאָף וויליאַם גאָדווין — און זיי האָבן פֿאַרגעזעצט דעם „הייליקן קרייצצוג" קעגן שעליס נאָמען לאַנג נאָך זיין טויט. אָפּקלאַנגען פֿון יענעם מין אַנטי־שעליאַניזם קען מען נאָך געפֿינען דאָ און דאָרטן אין די שריפֿטן פֿון געוויסע בורזשואַז־קאָנסערוואַטיווע ליטעראַטור־קריטיקער אויך אין אונדזער 20טן יאָרהונדערט.

געווען אַזעלכע אין 19טן יאָרהונדערט, און נאָך פֿאַראַן אַזוינע אין אונדזער צייט, וועלכע האָבן געקעמפֿט קעגן שעלין אין נאָמען פֿון „ריינעם" עסטעטיזם. זיי איז נישט געפֿעלן דאָס וואָס אין שעליס גרעסערע פּאָעטישע ווערק געפֿינט זיך צופֿיל „פּריידיקונג" פֿון דעם סאָציאַלן אָדער מאָראַלן מין, צופֿיל „טענדענץ". פֿאַר אַנדערע איז שעליס העכסטע פּאָעזיע פּשוט געווען איבער זייערע השגות, אָדער צו אַבסטראַקט און נישט לויט זייער געשמאַק. די דאָזיקע האָבן כמעט שטענדיק אויפֿגעהויבן הויך דעם ריין־עסטעטישן קיטס, כדי אַרונטערצוואַרפֿן שעלין. אַנדערע האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו געוויסע שוואַכערע, סענטימענטאַלע לידער, ווי זיין „אינדישע סערענאַדע", כדי אים מבטל צו זיין.

פון די וואָס האָבן אין 19טן יאָרהונדערט געפּרוּווט מבטל זיין שעליס פּאָעזיע, איז געווען דער טיפּיש־וויקטאָריאַנער פּאָעט און ליטעראַטור־קריטיקער מעטיו אַרנאָלד, וועלכער האָט כאַראַקטעריזירט שעלין אַלס „אַן אומעפעקטיווער מלאך, וואָס פּאָכעט מיט זיינע פליגל אומזיסט אין אַ ליידיקן רוים". דער היינט־צייטיקער אַמעריקאַנער פּאָעט־קריטיקער, ט. ס. עליאָט, האָט איבערגענומען די פאָן פון דעם „הייליקן קריגך־צוג" קעגן שעלין אין 20טן יאָרהונדערט. אין אַן עסיי מיטן נאָמען „שעלי און קיטס"*) מאַכט ער איינע פון די שאַרפסטע אַטאַקעס וואָס זיינען וועןעס־איז געמאַכט געוואָרן אויף שעליס אידייען און פּערזענלעכקייט, הגם ער גיט צו די גרויסקייט פון שעליס אומפאַרגלייכלעכן פּאָעטישן טאַלאַנט. פּאַקטיש טרעטן אַרויס אין דעם עסיי צוויי עליאָטס, וועלכע זיינען זיך גאַנץ היפּשלעך סותר איינער דעם אַנדערן. עליאָט דער פּאָליטיקער, דער אַנהענגער פון פויפסטלעכן אויטאָריטאַריאַניזם (אפשר אויך פון פּאַשיסטישן — לכל־הפּחות אין 1933), קען ניט פאַרטראָגן שעלין. ער קען ניט קיין הנאה האָבן פון שעליס פּאָעזיע, זאָגט ער, דערפאַר וויל זיינע אידייען זיינען אים אַזוי שטאַרק ווידערווילדיק. ער איז זיך מודה, אַז אין זיין יוגנט האָט ער אַליין געזינדיקט מיט אַ גרויסן ענטוזיאַזם פאַר שעליס פּאָעזיע, אָבער דאָס איז געווען איידער ער איז רייף געוואָרן, איידער ער איז געקומען צו זיין פולן דערוואַקסענעם פאַרשטאַנד. „מיר זיינען אַלע אַמאָל געווען שעלי־ענטוזיאַסטן", פאַרענטפערט ער זיך פאַר זיין גרויסן יוגנט־חטא. אָבער היינט איז דאָס שוין פאַראיבער.

„איך געפין זיינע (שעליס) אידייען אָפּשטויסנדיק — שרייבט עליאָט דער פּאָליטיקער — און די שוועריקייט אָפּצוטיילן שעלין פון זיינע אידייען און גלויבנס, איז נאָך גרעסער ווי ביי וואָרדסוואָרטן... עס איז שווער צו לייענען זיין פּאָעזיע און נישט איגנירן האָבן דעם מענטש; און דער מענטש איז געווען הומאָרלאָז, פּעדאַנטיש, עגאָ־צענטריש, און אָפטמאָל אַפילו אַן אויסוואורף . . . ער מאַכט אַ שטוינענדיקן קאָנטראַסט מיט דעם סימפּאַטישן קיטס".(*

אָבער אין דעם זעלבן עסיי צעגייט נאָך אַלץ עליאָט דער פּאָעט פון התלהבות פאַר דער דערהויבנקייט און געלייטערטקייט פון שעליס פּאָעזיע. שעלי, זאָגט ער דאָרט, האָט געהאַט „אין אַ הויכער מאָס די אומגעווייגלעכע פעיקייט פאַר ליידנשאַפטלעכער באַגרייפונג פון אַבסטראַקטע אידייען".

„די גאַנצע טענדענץ פון שעלין איז צו אַ לייטערונג און אַן אַב־

---

* T. S. Eliot — The Use of Poetry, Harvard University Press, 1933.

סטראַקציע פֿון געדאַנק — אַוועק פֿון דעם פּערזענלעכן און פּאַרטיקולערן און צו דעם אַלגעמיינעם און אוניווערסאַלן . . . די העכסטע שיינקייטן פֿון זיין פּאָעזיע מיניען זיך שנעל פֿאַרביי אונדז און מיר קענען זיי נישט אָנכאַפּן — געדאַנק אַזוי דעליקאַט און אינטואיטיוו, אַז ס'האָט נישט קיין וויזועלע פֿאַרגלייכלעכקייט, קיין פּאָזיטיוון אימפּאַקט".(*

עליאָט שטעלט אַרויס דאָס ליד „לעבן פֿון לעבן" (אין סוף פֿון צווייטן אַקט פֿון „פּראָמעטעאוס" — זע זייט ??? אין דעם בוך) אַלס דער העכסטער טיפּ פֿון שעלים פּאָעטישן אויסדרוק — יעדעס בילד צעגייט אין דער לופֿט, יעדע פֿאָרם ווערט אויפֿגעלייזט אין פֿייער. די אויסגעדריקטע אידייע — דער געדאַנקלעכער אינהאַלט — איז כמעט אומבאַדייטנדיק; די פּאָעזיע באַשטייט אין דער סוספּענסיע פֿון מיינונג, אין דער אויסמיידונג פֿון אַקטואַליטעט.(**

ציטירנדיק פֿון באַיראָנס אַ בריוו צו שעלין אין וועלכן ער האָט אים געשריבן: „דו ווייסט מיין הויכע מיינונג וועגן דיין פּאָעזיע . . . ווייל זי געהערט נישט צו קיין שול", גיט עליאָט צו זיין פּירוש:

„שעלי געהערט נישט צו קיין שול; דאָס מיינט צו זאָגן, אַז ער איז איבער אַלע שולן, אוניווערסאַל אין דעם אופֿן פֿון זיין אויסדרוק און אין דער ליידנשאַפֿט פֿון זיין געדאַנק".(***

און צום סוף: „די ענדגילטיקע קוואַליטעט פֿון שעלים פּאָעזיע איז אומענדלעכקייט . . . פֿון זיין געדאַנק און זיין סימפּאַטיע . . . דאָס זיינען עקספּאַנסיווע מעלות, וואָס זיינען נישט בנימצא אין דער טרוקענער לופֿט פֿון דיסילוזיע, נאָר זיי וואַרטן אויף אַ וועלט פֿון שלום און גערעכטיקייט פֿאַר זייער געהעריקער אָנערקענונג".(****

דאָס זיינען אמתע ווערטער וואָס ווייזן טיפֿע פֿאַרשטענדעניש און כמעט פֿאַרגעטערונג פֿון שעלים פּאָעזיע, וואָס קלינגט זייער מאָדנע נאָך דער ביטערער און ווילדער אַטאַקע וואָס דער קריטיקער האָט פֿריער געמאַכט אין דעם זעלבן עסיי אויף שעלין. נישט אַנדערש, עליאָט דער פּאָעט און שעלי־ענטוזיאַסט פֿון דער יוגנט, האָט פֿאַרראַטן עליאָטן דעם שוואַרץ־פֿאַרפֿאַנצערטן ביטערן פּאָלעמיקער פֿון דער עלטער.

3.

אויסרעכענען אַלע פּאָעטן פֿון 19טן און 20טן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן געלויבט שעלין סיי אַלס פּאָעט, סיי אַלס מענטש, אָדער וועלכע זיי־

*) דאָרט, ז. 83.

**) דאָרט, ז. 84.

***) דאָרט, ז. 85.

****) דאָרט, ז. 86.

נען געווען שטאַרק אונטער זיין איינפֿלוס, וואָלט פֿאַרנומען צופֿיל פּלאַץ. איך וועל זיך דעריבער אָפּשטעלן בלויז אויף דריי גרויסע פּאָעטישע נע־מען פֿון 19טן יאָרהונדערט — ראָבערט בראַונינג, סווינבורירן און פֿרענ־סיס טאָמפּסאָן.

ראָבערט בראַונינג, אָן ספֿק איינער פֿון די ריזן פֿון דער ענגלישער פּאָעזיע, האָט אָפֿן צוגעגעבן דעם מאַגישן איינפֿלוס וואָס שעלים פּאָעזיע האָט געהאַט אויף אים אין זיין יוגנט און ער איז פֿאַרבליבן אַ שעלי־ענטו־זיאַסט ביזן סוף. ער האָט באַזונגען שעלין דעם פּאָעט און שעלין דעם מענטש סיי אין לידער, סיי אין פּראָזע. אין איינעם פֿון זיינע עסייען וועגן שעלין טיילט ער איין אַלע פּאָעטן אין צוויי קאַטעגאָריעס: פּאָעטן־זאַמ־לער, וועלכע זאַמלען, פֿאַרצייכענען און באַזינגען די ווערטן און שיינקייטן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט און דער קעגנוואַרט, און פּאָעטן־נביאים, וועלכע גייען ווייט פֿאָרויס פֿון זייער צייט און זיינען די אָנזאָגער פֿון אַ ווייטער אָנקומענדיקער צוקונפֿט. שעלי איז, ווי בראַונינג האַלט, דער העכסטער טיפּ פֿון דעם פּאָעט פֿון צווייטן מין, פֿון דעם פּאָעט־נביא.

נאָך מער ענטוזיאַסטיש פֿאַר שעלין איז געווען דער גרויסער לי־רישער פּאָעט סווינבורירן, וועלכער האָט געלעבט שפּעטער פֿון בראַונינגן. סווינבורירן, וועלכער איז אויך געווען אַ זייער באַדייטנדיקער ליטעראַטור־קריטיקער אין זיין צייט, האָט געקרוינט שעלין אַלס דער מייסטער־זינ־גער פֿון דער ענגלישער פּאָעזיע און אַלס איינער פֿון די דריי אָדער פֿיר גרעסטע לירישע פּאָעטן פֿון אַלע צייטן.

„מיט דער גאַנצער פּראַכט פֿון זיין התלהבות, ענערגיע און הו־מאָר, איז באַיראָן געווען אַ זינגער וואָס האָט נישט געקענט זינגען. שעלי האָט איבערגעזונגען אַלע פּאָעטן פֿון דער געשיכטע, אַ חוץ צוויי אָדער דריי; זיינע טיפֿקייטן און הויכקייטן פֿון אינווייניקסטער און אויסווייניק־סטער מוזיק זיינען אַזוי געטלעך ווי דער נאַטורס, און פּונקט אַזוי אומ־אויסשעפּלעך . . . זיינע געדאַנקען, ווערטער, טאַטן, האָבן געזונגען אַלע צוזאַמען . . . ״ *)

אָבער דעם העכסטן הימן צו שעלים פּאָעזיע האָט געזונגען איינער פֿון די טאַלאַנטפֿולסטע — און אומגליקלעכסטע — ענגלישע פּאָעטן פֿון שפּעט־19טן יאָרהונדערט, דער מיסטיש־סימבאָליסטישער, טיף־סוביעק־טיווער, אירלענדיש־ענגלישער פּאָעט פֿרענסיס טאָמפּסאָן, אין זיין באַ־רימט־געוואָרענעם עסיי וועגן שעלין.

„ער (שעלי) — האָט טאָמפּסאָן געשריבן — איז געשטאַנען אויף די סאַמע פֿאַרבינדונג־ליניעס צווישן דעם געזעענעם און דעם אומגע־זעענעם, און ער האָט געקענט בייטן די פּונקטן ווי ער האָט געוואָלט . . .

*ALGERNON C. SWINBURNE — Notes on the Text of Shelley.

ער האָט געקענט אויסדריקן דאָס מאַטעריעלע און דאָס אוממאַטעריעלע איינס אין די טערמינען פֿון דעם אַנדערן. ס׳איז נאָך קיינמאָל נישט געווען קיין פּאָעט וואָס האָט זיך געקענט גלייכן מיט אים בנוגע דער דאָזיקער פֿעיִקייט, און ס׳גלויבט זיך קוים, אַז ס׳וועט זיין אַ פּאָעט וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן מיט אים בנוגע דעם אין דער צוקונפֿט״.

מיט באַזונדערן עקסטאַז באַזינגט טאָמפּסאָן „יענעם שעלישן אוצר״ Prometheus Unbound — וואָס איז, זאָגט ער, „אָן ספֿק דער גרע־סטער און רייכסטער אויסדרוק״ פֿון שעליס פּאָעטישער קראַפֿט. ער באַ־צייכנט די דאָזיקע גרויסע ליריש־פֿילאָזאָפֿישע און טיף־סימבאָליסטישע דראַמאַטישע פּאָעמע אַלס „אַ שטויגנענדיקע לירישע וועלט, ווו אומשטערב־לעכע אויפֿלייכטונגען זיפּצן פֿאַרביי אין די ריחות פֿון די בליִעכצן, זיינען פֿול אין די אָטעמונגען פֿון די ווינטלעך, שטויסן זיך אָן און פֿינקלען אין די בלעטער וואָס טרייסלען זיך אויפֿן צווייג; ווו דאָס גראָז אַפֿילו פֿלי־טערט און פֿלאַטערט כסדר מיט אַלערליי וווּנדערשיינע גייסט־זאַכן, און אַ וויינענדיקע ראָסע פֿון מוזיק פֿילט אָן די לופֿט. די לעצטע סצענעס באַ־זונדער זיינען אַזאַ וואַקכאַנאַלישער געדריי און געלאַף, געשטיפֿעריי און געטאַנצעריי פֿון שיינקייט, אַזש עס פֿאַרדרייט זיך דער קאָפּ און מען נעמט זיך וואַקלען אויף די פֿיס; פּאָעזיע גיסט זיך ווי וויין, מוזיק ווערט פֿאַר־שוועבט אין אַ שיכורן איבערפֿלייץ. די כאָרן יאָגן זיך פֿאַנאַנדער מיטן ווינט, געיאָג נאָך געיאָג, ביז די אָטעם־פֿאַרכאַפּטע נשמה נעמט בעטן פֿאַר אַן אָפּרו פֿון דער פֿאַנאַנדערגעוויקלטער פּראַכט״.

אַנדערע באַוווּסטע שעלי־חסידים צווישן די אָנגעזעענע ענגלישע און אַמעריקאַנער פּאָעטן, שריפֿטשטעלער און געלערנטע זיינען געווען: וויליאַם באַטלער יִיטס, דער גרויסער אירלענדיש־ענגלישער פּאָעט און עסייאיסט; דער באַרימטער אַמעריקאַנער פּאָעט־פֿילאָזאָף דזשאָרדזש סאַנ־טאַיאַנאַ; בערנאַרד שאָ, און דער גרויסער ענגלישער מאַטעמאַטיקער־פֿי־לאָזאָף פּראָפֿעסאָר וואַיטהעד, וועלכע געהערן אַלע דריי צום סוף 19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט. דער לעצטער איז באַזונדער געווען באַ־גייסטערט פֿאַר שעליס גרויסן אינטואיטיוון געניוס פֿאַר דער פֿאַרשטענ־דעניש און לייזונג פֿון פֿילאָסאָפֿישע און באַזונדער וויסנשאַפֿטלעכע פּראָ־בלעמען. ער האָט געשריבן, אַז ווען שעלי וואָלט געבוירן געוואָרן מיט הונדערט יאָר שפּעטער, וואָלט ער, אפֿשר, געווען אַ „ניוטאָן צווישן כע־מיקער״.

דר. קאַרל גראַבאָ, פּראָפֿעסאָר־עמעריטוס פֿון דער שיקאַגאָ אוני־ווערזיטעט באַרימט אַלס אַ שעלי־פֿאָרשער, האָט באַנוצט פּראָפֿעסאָר

וועלכע ער האָט געשריבן אין זיינע לעצטע יאָרן: „שעלי״, „זיינע פּאָעזיע און פּראָזע״, „אַ זעקס־בענדיקע זאַמלונג פון זיינע ווערק״. ווײטהעדס פּראָזע אַלס מאָטאָ פאַר איינס פון זיינע ביכער וועגן שעלין. דאָס בוך הייסט „אַ ניוטאָן צווישן פּאָעטן״ און דער מחבר זוכט דאָרט צו באַווייזן אויפן יסוד פון ציטאַטן פון „פּראָמעטעאוס״ און פון פיל אַנדערע פון שעליס ווערק, אַז דער פּאָעט איז געווען אַ גרויסער אינטור־איטיווער וויסנשאַפטלעכער געניוס און אַז ער האָט אויך אַ הויך־אימאַ־זשינאַטיוון פּאָעטישן אופן פאָרויסגעזען פיל פון די טעאָרעטישע אַנטדע־קונגען אין די געביטן פון עלעקטריציטעט, כעמיע און אַנדערע נאַטור־וויסנשאַפטן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון פאַרשיידענע וויסנשאַפט־לעכע פאָרשער ערשט אין סוף 19טן און אין אָנהויב 20טן יאָרהונדערט.

.4

די גרויסע און כסדר וואַקסנדיקע ביאָגראַפיש־קריטישע און פאָר־שערישע ליטעראַטור וועגן שעלין, באַווייזט דעם גרויסן, וואַקסנדיקן אינ־טערעס פון דער אינטעליגענץ פון די ענגליש־ריידנדיקע (און אויך אַנ־דערע) לענדער אין דער נישט־געוויינלעכער פּערזענלעכקייט און אין דעם געניאַלן אינטעלעקט פון דעם גרויסן פּאָעט, וועלכער איז נאָך קיין 30 יאָר ניט אַלט געווען ווען ער איז אומגעקומען מיט אַרום 130 יאָר צוריק. באַזונדער האָט די שעלי־ליטעראַטור גענומען וואַקסן אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר סיי אין ענגלאַנד, סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. פון דער גרויסער צאָל שעלי־ביאָגראַפיעס, וואָס זיינען שוין ביז איצט גע־שריבן געוואָרן, איז די סאַמע גרעסטע, גרינטלעכסטע און בעסטע דער־שינען אין יאָר 1940. דאָס איז דאָס גרויסע ווערק אין צוויי בענדער, פון דעם ערשט נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם פּראָפעסאָר ניומאַן ווהאַיט, פון דער נאָרט קאַראָלײנאַ אוניווערזיטעט, וועלכער האָט אויף דעם גרויסן קריטיש־ביאָגראַפישן ווערק געאַרבעט 20 יאָר צייט און ס׳איז פאַקטיש געווען זיין לעבנס־אַרבעט. דער דערפאָלג פון דער דאָזיקער גרויסער שעלי־ביאָגראַפיע איז געווען אַזוי גרויס אין די 40ער יאָרן, אַז ווהאַיט האָט, אויפן פאַרלאַנג פון זיינע פאַרלעגער, אַרויסגעגעבן אַ צווייטע פאַר־קירצטע אויסגאַבע פון דעם ווערק אין איין באַנד מיטן נאָמען „אַ פאָר־טרעט פון שעלין״, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1945.

נאָך שפּעטער זיינען דערשינען 3 אַנדערע גלענצענדיקע שעלי־בי־אָגראַפיעס, וועלכע דעקן פאַזעס פון שעליס לעבן און פּערזענלעכקייט, וואָס זיינען דורכגעלאָזן געוואָרן פון פּראָפעסאָר ווהאַיט. זיי זיינען: 1. אַ פולע לעבנס־געשיכטע פון שעלין, פון עדמונד בלאַנדען, דערשינען אין לאָנדאָן אין 1946; 2. „דער אויפוואַקסנדער געדאַנק פון שעלין״ פון א. מ. ד. יוז, אַרויסגעגעבן פון אָקספאָרד אוניווערזיטעט, ענגלאַנד, אין

יאָר 1949; און 3. „דער יונגער שעלי״, פֿון ק. נ. קומעראַן, ניו יאָרק, 1950.

ווייטער זיינען דריי פֿון די סאַמע בעסטע און פּאַרטיפּטסטע קריטיש־פֿאַרשערישע אַרבעטן וועגן שעלין אַלס דיכטער און אַלס פֿילאָזאָפֿישער דענקער דערשינען זינט דעם יאָר 1947. זיי זיינען: „שעלי און דער געדאַנקענגאַנג פֿון זיין צייט״, פֿון דזשאָזעף בארעל, יעיל אוניווערזיטעט פֿאַרלאַג, 1947; שעליס גרעסערע פּאָעטישע ווערק „דאָס געוועב פֿון אַ וויזיע״, פֿון קאַרלאָס בייקער, פּרינסטאָן אוניווערזיטעט פֿאַרלאַג, 1948; און „דער פּלאַטאָניזם פֿון שעלין״, פֿון דזשעימס א. נאָטאָפּאָולאָס, דורהאם אוניווערזיטעט, ענגלאַנד, 1949.

דאָס זיינען בלויז עטלעכע פֿון די סאַמע וויכטיקסטע ווערק וועגן שעלין וואָס זיינען דערשינען אין די לעצטע יאָרן. די גאַנצע שעלי־ליטעראַטור אין ענגליש איז שוין היינט ריזיק־גרויס, און זי וועט געוויס ווייטער וואַקסן, ווייל שעליס גרעסערע פּאָעטישע ווערק זיינען נאָך ביז היינט ניט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן, לויט דער מיינונג פֿון אַלע קאָמפּעטענטע פֿאַרשער און קריטיקער פֿון שעלין און שעליס בעסטע פּאָעזיע בכלל איז אומדערשעפּלעך אין איר טיף־אינטואיטיווער געדאַנקענבליציקייט, אין איר פֿילזייטיקייט, פֿילטאָניקייט און פֿילמיינענדיקייט, אין איר אין דער אייביקייט בליקנדיקער, אומענדלעכקייט־דורכלויטנדיקער וויזיע.

5.

דער פֿאַקט וואָס שעליס גרעסערע און טיפֿערע ווערק האָבן ערשט אָנגעהויבן צו באַקומען זייער געהעריקע אָנערקענונג מער ווי הונדערט יאָר נאָך זיין טויט, באַווייזט ווי ווייט ער איז געווען פֿאָרויס פֿון זיין דור. דער דיכטער־נביא, ווי ראָבערט בראַונינג האָט אים באַצייכנט, האָט דעריבער נישט באַקומען די אָנערקענונג פֿון זיין אייגענעם דור, אַ חוץ פֿון יחידי סגולה. דער עכטער, אין דער ווייטער צוקונפֿט קוקנדיקער נביא קען קיינמאָל נישט אָנערקענט ווערן פֿון דעם דור אין וועלכן ער לעבט, ווייל ער קוקט צו ווייט אַריבער אים. שעליס וויזיאָנעריש־דיכטערישער בליק איז געגאַנגען אַזוי ווייט אין פֿאָרויס, אַז ס׳האָט זיך זיי אויסגעדוכט, זיין פֿלי איז צו ווייט אַוועק אין דער אומענדלעכקייט אַריין, אָדער וואָס איז פֿאַר זיי געמיינט דאָס זעלביקע, אין ערגעץ נישט. מעטיו אַרנאָלד האָט דעריבער אויסגעדריקט די באַציאונג פֿון זיין דור צו שעלין, ווען ער האָט אים כאַראַקטעריזירט אַלס „אַן אומעפֿעקטיווער מלאך וואָס פֿאָכעט מיט די פֿליגל אין אַ ליידיקן רוים״. ערשט אין די לעצטע פֿאַר צענדליקער יאָר, האָבן דענקער און פֿאַרשער געזומען אייגזען, אַז שעלי איז נישט

געפֿלויגן „ווילד“ און נישט „אין ערגעץ נישט“, נאָר אַז ער איז געפֿלויגן צו ווייט פֿאַרויס און אַ סך העכער פֿון דער וויזיע פֿון זיין דור און פֿון די דורות נאָך אים; ער איז געפֿלויגן אין דער „צו־הויכער“, שיטער־לופטיקער סטראַטאָספערע פֿון געלייטערטע פֿילאָזאָפֿישע אבסטראַקציעס, ווו קיין פּאָעט פֿאַר אים אָדער נאָך אים איז נישט געפֿלויגן, און זייער וויניק פּאָעטן פֿון אַלע צייטן וואָלטן דאָרט געקענט האָבן אַ קיום, ווען זיי וואָלטן דאָרט געפּרוּווט פֿליען.

מ׳גיט געוויינלעך אָן די שטאַרקע אָריגינאַליטעט סיי פֿון שעלין, סיי פֿון קיטסן, אַלס אורזאַך פֿאַרוואָס די צוויי פּאָעטן זיינען נישט אָנערקענט געוואָרן פֿון זייער דור. עס פֿרעגט זיך אָבער פֿאַרוואָס זייערביידנס צייט־חבר, לאָרד בײַראָן, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט שטאַרקער אייגנאַרטיקייט און אָריגינאַליטעט, האָט יאָ געוווּנען די אָנערקענונג פֿון דעם זעלבן דור אַלס איינער פֿון די גרויסע פּאָעטישע מייסטערס און דיכטערס פֿון ענגלאַנד.

ט. ס. עליאָט פּרוּווט ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע אין דעם אויבנדערמאָנטן עסיי וועגן שעלי און קיטס אַזוי:

„עס זיינען פֿאַראַן — זאָגט ער דאָרט — צוויי מינים אָריגינאַליטעט: אָן אָריגינאַליטעט וואָס רופֿט זיך אָפּ, ווי די עאָלישע האַרף, אויף יעדן בלאָז פֿון די געפֿילן פֿון דער צייט און שטעלט צופֿרידן דערמיט וואָס זי כאַפּט אויף אין פֿאָרויס דאָס וואָס איז בלויז האַלב־געפֿילט אין עפֿנטלעכן באַוווסטזיין; און אָן אָריגינאַליטעט וואָס ווערט נישט באַאיינפֿלוסט פֿון קיין זאַך מחוץ דעם פּאָעטס באַוווסטזיין, נאָר איז דער דירעקטער פּראָדוקט פֿון זיין אינדיווידועלן געדאַנק און אומאָפּהענגיקן געפֿיל. דער צווייטער טיפּ אָריגינאַליטעט איז דער, וועמען עס נעמט צום לענגסטן צו געווינען אָנערקענונג“.

די כאַראַקטעריזאַציע פֿון דעם צווייטן טיפּ אָריגינאַליטעט אַלס אַזאַ וואָס ווערט נישט באַאיינפֿלוסט פֿון די ווינטן פֿון דער צייט און פֿון קיין זאַך „מחוץ דעם פּאָעטס באַוווסטזיין, נאָר איז דער דירעקטער פּראָדוקט פֿון זיין אינדיווידועלן געדאַנק און אומאָפּהענגיקן געפֿיל“, פּאַסט זיך אפֿשר פֿאַר דעם פּאָעט קיטס, אָבער לחלוטין נישט פֿאַר שעלין, וועלכער האָט זיך זייער שטאַרק אָפּגערופֿן אויף די געפֿילן און די געשעענישן פֿון זיין ערע, אפֿשר פֿיל מער ווי וועלכער ס׳איז אַנדערער פּאָעט פֿון זיין צייט. זיין גרויסע פּאָעמע „דער רעוואָלט פֿון איסלאַם“, איז געווען, ווי באַוווסט, דעם פּאָעטס אידעאַליזירטע קאָנצעפּציע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע און ער אַליין האָט עס אין זיין הקדמה כאַראַקטעריזירט אַלס אַן עקספּערימענט איבערצוגעבן אין מעטריש־פּאָעטישער פֿאָרם די האָפֿענונגען און געפֿילן פֿון יאוש פֿון דער מענטשהייט אין זיין אייגענער

צייט, אַ צייט פֿון גרויסע אויפֿטרייסלונגען און אַנטוישונגען פֿון דער מענטשהייט נאָך דעם דורכפֿאַל פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע און נאָך די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, ווען די רעאַקציע איז געזעסן טיף אין זאָטל איבער גאַנץ אייראָפּע אונטער די שווערע שוואַרצע פֿליגל פֿון דעם „הייליקן בונד" און זיינע צוויי הויפּט־זשאַנדאַרן, דער רוסישער צאַר און מעטערניק.

די זעלביקע געפֿילן און שטימונגען פֿון זיין צייט, האָט דער דיכ־טער שפּעטער אויסגעדריקט אויף אַ פֿיל העכערן, מער פּאָעטיש געלייטערטן און דעריבער מער עפֿעקטיוון אופֿן אין זיין „פּראָמעטעוס" (וואָס דערשיינט דאָ אין יידיש אונטערן נאָמען „פּראָמעטעוס, דער גואל"), באַזונדער אין דעם ערשטן אַקט פֿון דעם דאָזיקן גרויסן (און לויט דער מיינונג פֿון די מערסטע קאָמפּעטענטע קריטיקער גרעסטן) ווערק פֿון שעלין.

פּונקט אַזוי האָט זיך שעלי שנעל און העכסט עפֿעקטיוו אָפּגערופֿן פּאָעטיש אויף פֿיל אַנדערע פּאָליטישע און סאָציאַלע געשעענישן פֿון זיין צייט. אין דער באַרימטער פּאָעמע „די מאַסקע פֿון אַנאַרכיע", האָט ער זיך אָפּגערופֿן אויף אַ בלוט־באָד וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף אַרבעטער אין מאַנטשעסטער, אין יאָר 1819. זיין סאַטירישע דראַמאַטישע פּאָעמע „עדיפּוס טיראַנוס", איז געווען אַ זייער עפֿעקטיווע און צייטמעסיקע אַטאַקע, אין דעם קלאַסיש־גריכישן סטיל, אויף דער טיראַנישער בריטישער מאָנאַרכיע פֿון יענער צייט. אין זיין „אָדע צו פֿרייהייט" האָט ער ענטוזיאַסטיש באַזונגען דעם גרויסן שפּאַנישן פֿאָלקס־אויפֿשטאַנד אין יאָר 1819. זיין „אָדע צו נעאַפּאָל" איז געווען זיין גרויסע פּאָעטישע באַגריסונג לכבוד דער פּראָקלאַמירונג פֿון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונג אין יענער גרויסער איטאַליענישער שטאָט. באַלד נאָך דעם אויסברוך פֿון דעם גריכישן אויפֿשטאַנד קעגן דער טערקישער טיראַנישער אויבערהערשאַפֿט אין יאָר 1821, האָט שעלי אָנגעשריבן זיין באַרימטע פּאָעטישע דראַמע „העלאַס", זיין גרעסט און געלונגעסט ווערק אין דער פֿאָרם נאָך „פּראָמעטעאוס". מען קען ברענגען נאָך און נאָך ענלעכעביישפּילן פֿון שעליס ווערק צו באַווייזן ווי ווייט און ווי טיף און ליידנשאַפֿטלעך שעלי איז פֿאַרוויגט געוואָרן פֿון די ווינטן פֿון זיין צייט.

שעלי איז, ווי מיר זעען, געווען אַ קינד פֿון זיין צייט, וועלכער האָט זיך, אין היפּוך צו קיטסן און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס פֿון באַיראָנען, שטאַרק און טיף־עמאָציאָנעל אָפּגערופֿן אויף די געשעענישן, געפֿילן און שטימונגען פֿון זיין דור. ער האָט זיך אָבער אונטערשיידט פֿון אַלע אַנדערע פּאָעטן און איבערשטיגן זיי אַלעמען, אײַנגעשלאָסן באַיראָנען, דערמיט וואָס ער האָט אין דעם היינט אָפּגעשפּיגלט נישט בלויז דעם באַלדיקן מאָרגן, וועלכער איז סוף־כל־סוף נישט מער ווי אַ פֿאַרבייגייענדי־

קער המשך פון דעם היינט, נאָר ער האָט מיט זיין גרויסער גאָט־געבענטשטער נביאישער וויזיע געקענט אַריבערקוקן דעם היינט און דעם מאָרגן און אָפּשפּיגלען דאָס אייביקע אין דעם ציַיטלעכן, דעם קערן וואָס פֿאַרבלייבט אין דעם וואָס גייט פֿאַרביי, דאָס אומבאַגרענעצטע און אָנסופֿיקע אין דעם וואָס האָט אַ גרענעץ און אַ סוף.

אָט די טראַנסצענדענטאַלע אייגנשאַפֿט פֿון שעליס פּאָעזיע האָט געמאַכט די גרעסערע און טיפֿערע ווערק זיינע אַזוי פֿרעמד און אומפֿאַרשטענדלעך פֿאַר זיין אייגענעם דור און פֿאַר די דורות נאָך אים, אַ חוץ פֿאַר קליינע צאָלן געקליבענע מענטשן מיט גרויסע גייסטער און באַפֿליגלטע פֿאַנטאַזיעס, און די זעלבע אייגנשאַפֿט מאַכט שעלין פֿאַר אַזאַ אינטערעסאַנטער און פֿרוכטבאַרער טעמע פֿאַר אַזויפֿיל דענקער און פֿאָרשער פֿון אונדזער היינטיקער צייט.

.6

שעלי, אַנדערש פֿון די מערסטע אַנדערע גרויסע פּאָעטן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, ווערט נאָך היינט נישט בלויז שטודירט, געפֿאָרשט און געליינט, נאָר ער האָט, נאָך היינט־צו־טאָג, 130 יאָר נאָך זיין טויט, שאַרפֿע קעגנער און שטאַרקע אָנהענגער. די אַנדערע גרויסע פּאָעטן פֿון זיין אייגענער צייט, ווי וואָרדסוואָירט, באַיראָן, קיטס, פֿאַרנעמען שוין אַלע זייערע רויִקע און געזיכערטע נישעס אין דעם גרויסן פּאַנטעאָן פֿון דער ענגלישער פּאָעזיע. זייערע קירצערע און מייסטערהאַפֿטערע ווערק ווערן נאָך געליינט און באַוווּנדערט, און זייערע לענגערע ווערק ליגן רויִק אויף די פּאָליצעס און קימערן שוין היינט כמעט קיינעם נישט, אַ חוץ ליטעראַטור־פֿאָרשער און ספּעציאַליסטן. אַרום שעליס אַזעלכע ווערק ווי: „די מאַסקע פֿון אַנאַרכיע", „רעוואָלט פֿון איסלאַם", אָדער אַפֿילו פֿון „פּראָמעטעאוס", גייען נאָך היינט אָן הייסע דיספּוטן צווישן געלערנטע און ליבהאָבער פֿון פּאָעזיע.

איין אורזאַך איז דאָס וואָס די גרעסערע פּאָעטישע שאַפֿונגען פֿון שעלין ווערן נאָך אַלץ נישט גרינטלעך פֿאַרשטאַנען, און דעריבער קענען זיי נאָך נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן. אַלע זעען איין די גרויסע פּאָעטישע ווערט פֿון שעליס פּאָעזיע, אָבער עס זיינען פֿאַראַן גרויסע מיינונג־פֿאַרשיידנהייטן וועגן דער באַדייטונג פֿון פֿיל פֿון זיינע ווערק. דאָס מאַכט די דאָזיקע ווערק נאָך אַלץ אָנרעגנדיק און אָנציִענדיק פֿאַר דעם היינטיקן בעסערן און מער פֿאַרטיפֿטן פּאָעזיע־לייענער, וועלכער געפֿינט אין זיי וואָס ער וויל — אויב ער איז אַ שעלי־אָנהענגער — אָדער

עטוואָס וואָס איז נאָך, לכל־הפּחות, אינטערעסאַנט פאַר אים אַרונטערצע־רייסן, אויב ער איז אַ קעגנער.

אָבער די הויפּט אורזאַך איז דאָס וואָס שעלי איז ניט געווען, און האָט נישט געוואָלט זיין, דאָס וואָס מען רופט אַ „ריינער" אָדער אַקאַדע־מישער פּאָעט. שעלי איז לויט זיין גאַנצן כאַראַקטער און דינאַמישער פּערזענלעכקייט, געווען קעגן קיטס אידייע פון קינסטלערישער צוריק־געצויגנקייט און רעזיגנאַציע פון דעם סאָציאַל־פּאָליטישן לעבן. ער איז געווען ניט סתם אַ פּאָעט, נאָר אַ פּאָעט־קעמפער, אַ קעמפער ניט אין דעם געוויינלעכן פּאָליטישן זין פון דעם וואָרט, נאָר אין דעם העכערן אינ־טעלעקטועלן און פילאָזאָפישן זין. ער איז נישט געווען קיין פּאָעט פון בלויז געפילן, עמאָציעס און שטימונגען, אין וועלכע עס קען זיין אַן אַל־געמיינער צושטימנדיקער אָפּרוף, נאָר ער איז אויך געווען, און אין זייער אַ גרויסער מאָס, אַ פּאָעט פון מיינונגען, אידייען און פילאָזאָפיעס, בנוגע וועלכע עס זיינען געווען אין זיין צייט, און עס זיינען אויך פאַראַן היינט, גרויסע און שטאַרקע וויכוחים.

שעלי האָט זיך געהאַט זיין מאָס פון אַ פּאָעט, ביי וועלכער ער האָט זיך געטריי געהאַלטן. אַ גרויסער פּאָעט איז פאַר אים געווען נישט ווי ביי קיטסן אַ שאַפער וואָס דערהויבט דעם מענטשלעכן גייסט און פירט אים צו אַלץ העכערע הויכן פון מאָראַלער און סאָציאַלער השלמה. אַ גרויסער פּאָעט איז פאַר אים געווען נישט בלויז אַ זינגער און באַזינגער פון שיינקייט, נאָר אויך אַן אויסטרעטער פון נייע וועגן פאַר דער מענטש־לעכער געזעלשאַפט, אַ מאָראַלער פירער און וועגווייזער פון פעלקער, אַ געזעצגעבער, אַ נביא און אַ מוכיח, אַ פאָראויסזעער פון אַ ווייטער גלאַ־רייכער צוקונפט און אַן אינספּיראַטאָר צו אַזאַ צוקונפט.

„אַ פּאָעט — זאָגט שעלי אין זיין באַרימטן עסיי וועגן פּאָעזיע, — זעט נישט בלויז די קעגנוואַרט ווי זי איז . . . נאָר ער זעט אויך די צוקונפט אין דער קעגנוואַרט, און זיינע געדאַנקען זיינען די זאָמען פון די בלומען און די פרוכטן פון די קומענדיקע צייטן . . . אַ פּאָעט האָט אַ חלק אין דעם אייביקן, דעם אומענדלעכן און דעם איינציקן; צייט, פּלאַץ און צאָל עקזיסטירן נישט בנוגע זיינע השגות . . . "

און ווייטער אין דעם זעלבן עסיי:

„פּאָעזיע דערוועקט און ברייטערט אויס דעם שכל און מאַכט אים מסוגל משיג צו זיין אַ טויזנט נישט־פאַרשטאַנענע געדאַנקען־קאָמבינאַ־ציעס. פּאָעזיע הויבט אויף דעם שלייער פון דער באַהאַלטענער שיינקייט פון דער וועלט און מאַכט פאַמיליאַרע זאַכן אויסזען ווי זיי וואָלטן געווען נישט־פאַמיליאַר . . . זי טראַנספאָרמירט אַלץ וואָס זי רירט אָן און פאַר־וואַנדלט אין פליסיק גאָלד די פאַרגיפטעטע וואַסערן וואָס פליסן פון

טויט אין לעבן אַריין . . . פּאָעזיע מאַכט אומשטערבלעך אַלץ וואָס איז דאָס בעסטע און דאָס שענסטע אין לעבן, באַפרייט דעם הימלישן גייסט פון דער שווערער גרויער משא פון גשמיות און אַלטעגלעכקייט . . . ״ און שעלי קומט צום באַקאַנטן און אָפּט־ציטירטן שלום זיינעם, אַז „פּאָעטן זיינען די אַנערקענטע געזעצגעבער פון דער וועלט״.

וויפיל פּאָעטן פּאַסן זיך אַריין אין אָט דער הויכער מאָס וואָס שעלי האָט צוגעשניטן פאַר פּאָעזיע? קלאָר, אַז שעלי האָט צוגעשניטן די מאָס לויט זיך אַליין, לויט זיין אייגענעם פּאָעטישן טאַלאַנט און זיין אייגענעם שעפערישן דרך אין דער פּאָעזיע. שעלי אַליין זאָגט, אַז זיינע דריי העכסטע פּאָעטישע מאָדעלן וועלכע האָבן אים צום שטאַרקסטן באַאיינפלוסט, זיינען געווען: האָמער, דאַנטע און מילטאָן. צווישן זיינע אַנדערע פּאָעטן־מאָדעלן דערמאָנט ער דעם גריכישן טראַגיקער סאָפאָקלעס, שעקספירן און דעם שפּאַנישן קאַטוילישן פּאָעט קאַלדעראָן. אַ גרויסן פּלאַץ צווישן זיינע מאדעל־פּאָעטן פאַרנעמען, ווי ער אַליין גיט איבער און ווי זיין געטרייע לעבנס־חברטע און רעדאַקטאָרין פון זיינע ווערק נאָך זיין טויט, מערי (גאָדווין) שעלי, גיט איבער, ישעיה הנביא און איוב. ער אַליין רעכנט אַריין צווישן די גרויסע פּאָעטן פון אַלע צייטן משה רבינו, דוד המלך, שלמה המלך און יעזוסן, ווי אויך די פילאָזאָפן: פּלאַטאָ, סאָקראַטעס, לאָרד בעיקאָן, זשאַן זשאַק רוסאָ און אַ צאָל אַנדערע.

די מאָס וואָס שעלי האָט גענומען פאַר פּאָעטן בכלל, און פאַר זיין אייגענער פּאָעזיע בפרט, איז געווען ניט בלויז צו הויך, נאָר אויך צו ברייט נישט בלויז פאַר זיין דור, נאָר אויך פאַר די מערסטע פּאָעטן פון די קומענדיקע דורות נאָך אים. נישט קיין וווּנדער וואָס ער קלינגט נאָך אַלץ אַזוי הימליש־דערווייטערט פאַר פיל מענטשן ביז היינטיקן טאָג און פאַרוואָס ער רופט נאָך אַלץ אַרויס קעגנערשאַפט צווישן די וועלכע קענען נישט אָדער ווילן נישט אַריינפּאַסן זיך אין שעליס אידעאַליזירטער פּאָעטישער מאָס.

דאָס דערקלערט פאַרוואָס אַ פולע און גענוגנדיקע אָפּשאַצונג און פאַרשטענדעניש פון שעליס גרעסערע און טיפערע ווערק איז נאָך אַלץ נישט מעגלעך, ווי ט. ס. עליאָט האָט עס אַזוי שיין אויסגעדריקט, „אין דער טרוקענער לופט פון דיסילוזיע״ אין וועלכער מיר לעבן היינט, נאָר זיי וואַרטן, ווי עליאָט זאָגט, „אויף אַ וועלט פון שלום און גערעכטיקייט פאַר געהעריקער אַנערקענונג . . . ״

אין דעם הויז פון שעליס פּאָעזיע זיינען פאַראַן אַ סך חדרים, פּאַראַדנע און הינטערשטע, אָפענע און באַהאַלטענע; און חדרים אין וועלכע מען דאַרף גיין דורך טונקעלע קאָרידאָרן און געדרייטע שטיגן וואָס פירן

אַרויף אין הויכע געפֿליגלטע איבערשטיבלעך און אַרונטער אין טיפֿע אונטערערדישע קעלערן.

אַ באַקאַנטער שעלי־פֿאָרשער, פּראָפעסאָר קאַרלאָס בייקער, פֿון פּרינסטאָן אוניווערזיטעט, זאָגט אין זיין אַריינפֿיר צו דער נייסטער אויס־גאַבע פֿון שעליס געקליבענע ווערק אין פּאָעזיע און פּראָזע („מאָדערן לייברערי", ניו־יאָרק, 1951), אַז עס איז פֿאַראַן נישט איין שעלי, נאָר לכל־הפּחות זיבן אויף וועלכע עס איז כדאַי, זאָגט ער, זיך אָפּצושטעלן: „דער ראַדיקאַלער רעפֿאָרמער, דער קלאַסישער העלעניסט, דער ראָמאַנ־טישער הומאַניסט, דער ליריקער, דער פֿילאָזאָפֿישער פּאָעט, דער טראַ־גיקער פֿון מענטשלעכער פֿאַרדאַרבנקייט (ווי אין זיין באַרימטער טראַ־געדיע „טשענטשי" — מ. ב.) און דער ניט־אָרטאָדאָקסישער טעיִסט, אַזוי „גאָט־פֿאַרשיכורט" ווי דער דייטשער מיסטיקער נאָוואַליס, אָבער פֿעסטער באַגרינדעט אין אַ שווער־געוווּנענער אידעאַליסטישער געדאַנ־קען־סיסטעם".

אַן אַנדער אַמעריקאַנער שעלי־פֿאָרשער, פּראָפעסאָר קאַרל גראַבאָ, פֿון דער שיקאַגאָ אוניווערזיטעט, האָט זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויף אַן אכטן שעלי, אויף דעם טיף־אינטואיטיוון וויסנשאַפֿטלעכן פֿאָרשער, וועלכער האָט געקענט זען דורך דער איבערפֿלאַך פֿון זאַכן און האָט, ווי פּראָפֿ. גראַבאָ באַווייזט אין זיינע שעלי־שטודיעס, מיט זיין גענאַלער פּאָעטישער וויזיע באַלויכטן און אויפֿגעדעקט פֿיל פֿון די אין זיין צייט פֿאַרבאָרגענע סודות פֿון דער נאַטור.

מען וואָלט געקענט אויסרעכענען נאָך אַ ריי אַנדערע שעליס אויף וועלכע ס'איז פּונקט אַזוי כדאַי זיך אָפּצושטעלן, ווי אויף די אויבנדער־מאָנטע. אָט איז, למשל, שעלי דער וואָרט־מוזיקער, וואָס האָט געמאַכט פֿון דער נישט צו־מוזיקאַלישער ענגלישער שפּראַך אַזאַ צאַרטן ליריש־מוזיקאַלישן אינסטרומענט אויף וועלכן ער האָט געקענט אויסשפּילן אַזעל־כע ווונדער־קלאַנגען און מעלאָדיעס, ווי אין זיין „צו אַ הימל־לאַרך", „דער וואָלקן" און פֿיל ענלעכע לירישע לידער — דער שעלי, וועמען סווינבורן האָט באַצייכנט אַלס דער מייסטער־זינגער פֿון דער ענגלישער פּאָעזיע; אָדער שעלי וואָס האָט געשאַפֿן זיינע אייגענע אימאַזשיניסטישע און סימבאָליסטישע שולן וואָס זיינען אויפֿגעקומען אין דער מאָ־דערנער אייראָפּעיִשער פּאָעזיע; אָדער שעלי דער עקספּערימענטאַטאָר, דער כסדרדיקער ברעכער פֿון אַלטע און זוכער פֿון נייע פֿאָרמען אין דער פּאָעזיע; אָדער דער טראַנסצענדענטאַלער פּאָעט, וועלכער איז געשטאַ־נען, ווי פֿראַנסיס טאָמפּסאָן האָט געזאָגט, „אויף די סאַמע פֿאַרבינדונג־ליניעס צווישן דעם געזעענעם און דעם אומגעזעענעם, און . . . האָט געקענט אויסדריקן דאָס מאַטעריעלע און דאָס אוממאַטעריעלע, איינס

אין די טערמינען פון דעם אַנדערן", און נאָך און נאָך שעלים, אָן אַ סוף.

אין „פּראָמעטעאוס אַנבאַונד" (פּראָמעטעאוס דער גואל) — דער „שעלישער אוצר", ווי פראַנסיס טאָמפּסאָן האָט עס באַצייכנט — קומען צום אויסדרוק אַלע דערמאָנטע שעלים, און דערצו נאָך איינער אויף וועמען איך וויל זיך דאָ באַזונדער אָפּשטעלן, און דאָס איז שעלי דער גרויסער זינגער פון גאולה, אפשר דער גרעסטער זינגער פון אוניווער־סאַלער און מענטשלעכער גאולה אין דער וועלט־ליטעראַטור.

7

איידער מיר באַקענען זיך מיט שעלין דעם דיכטער פון גאולה, מוזן מיר זיך אָבער באַקענען מיט שעלין דעם קינד פון זיין צייט, ווייל שעלים דיכטונג האָט געהערט צו זיין צייט, מער ווי די פון וועלכן עס איז אַנ־דערן פּאָעט פון זיין דור און עפּאָכע, מיט דער איינציקער אויסנאַם אפשר פון זיין נאָענטסטן קאָלעגע לאָרד באַיראָן. דערביי איז נויטיק צו באַטאָ־נען דעם כלל, אַז קיין דיכטונג קען נישט געהערן צו דער אייביקייט, אויב זי האָט נישט געהערט צו איר צייט, און ס'איז שוין היינט קיין ספק נישט, אַז שעלים ווערק געהערן צו דער אייביקייט, פּונקט ווי זיי האָבן געהערט צו דער צייט אין וועלכער דער פּאָעט האָט געלעבט.

די צייט אין וועלכער שעלי האָט געשאַפן זיינע ווערק — אַ קורצער פעריאָד פון בלויז צען יאָר, פון 1812 ביז 1822 — איז געווען שטאַרק ענלעך אויף אונדזער היינטיקער צייט. עס איז געווען אַ צייט נאָך אַ גרויסער, וועלט־איפּטרייסלענדיקער רעוואָלוציע, וועלכע האָט פריער פאַנאַנדערגעבלאָזן גרויסע, נשמה־דערהויבנדיקע האָפענונגען, וועלכע זיינען נישט מקוים געוואָרן. אַנשטאָט דער נייער וועלט פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט" צווישן מענטשן און פעלקער, וואָס די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אין שעלים צייט געזאָלט האָבן געבראַכט, האָט זי געבראַכט, ווי די רוסישע רעוואָלוציע אין אונדזער צייט, כוואַליעס פון גרויזאַמקייט פון מענטש צו מענטש, טעראָר און קאָנטער־טעראָר, און וועלט־מלחמות, וועלכע האָבן חרוב געמאַכט איי־ראָפּע, ווען לענדער זיינען אַרומגעשוומען הילפלאָזע,

ווי אינדזלען אויסגעוואָרצלטע אין ים,
מיט זין געטראָמפּלטע אין געמיינזאַם בלוט
אין רויטן שיין פון ברענענדיקע היימען. *)

אָבער דאָס ערגסטע איז געווען, ווי שעלי האָט איינגעזען, נישט

*) פראָמעטעאוס, זייט 68.

דאָס בלוט, דער פייער און דער פיזישער חורבן, נאָר דער פינצטערער יאוש — דער גייסטיקער חורבן — וואָס די גרויסע אַנטוישונג האָט געבראַכט מיט זיך פאַר די בעסטע קינדער פון דער מענטשהייט:

זעט ווי ס׳מאָרדעט מענטש זיין מין!
שניט־צייט היינט פאַר טויט און זינד,
בלוט ווי נייַ־וויין שוימט און רינט
ביז דער יאוש דערשטיקט
אונטער די פיס פון קנעכט און טיראַנען צעדריקט.*)
די געפּלאָגטע וועלט וואָס ליגט

ס׳איז געווען אין שעליס צייט אַן איינפאַכע, גרייטע און פלאַכע דערקלערונג פאַר דער דורכפאַל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, פונקט ווי ס׳איז היינט פאַראַן אַזאַ דערקלערונג פאַר דעם דורכפאַל פון קאָמוניזם אין רוסלאַנד — פאַרראַט! די רעוואָלוציע איז פאַרראַטן געוואָרן פון אירע פירער און דעריבער האָט זי נישט געקענט מקיים זיין אירע הבטחות. אָדער ווי שעלי דריקט עס אויס אין דעם ערשטן אַקט פון זיין „פּראָמעטעאוס”: עס זיינען געווען „פאַראַלן היילִיקע פון דער נאַטור”, דאָס הייסט די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט, וועלכע האָבן אינספּירירט די מאַסן פון פראַנקרייך צום קאַמף און האָבן געגאָסן האָפענונג אין די הערצער פון די פעלקער פון דער וועלט:

מ׳האָט זיי געטראָגן הויך, העל בלאַזאָנירט,
די פעלקער האָבן זיך געזאַמלט אַרום
און מיט איין קול געשריען אין דער הויך:
אַ אמת, פרייהייט, ליבע, ברודערשאַפט!
נאָר פלוצים אַנגעקומען איז פון הימל
בהלה: שטרייטיקייט, פאַרראַט, טעראָר.
טיראַנען זיינען אין דער מיט אַריין
און איינגעטיילט דאָס רויב פאַר זיך.**)

שעלי איז געווען אַ צו טיפער סאָציאַלער און פילאָזאָפישער דענקער צופרידנצושטעלן זיך מיט אַזאַ אויבנאויפיקער און פלאַכער דערקלערונג פאַר דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע. ער האָט איינגעזען,

*) פּראָמעטעאוס, זייט 67־66.
**) פּראָמעטעאוס, זייט 70.

אַז די שטרייטיקייטן און דער פּאַראַט זיינען געווען בלויז אויבנאויפיקע דערשיינונגען, וועלכע שטאַמען פון טיפערע און מער גרינטלעכע אורזאַכן. ער מאַכט דעריבער זיין העלד פּראָמעטעאוס צוצוגעבן צו די אויבנגעבראַכטע שורות, אַז „דאָס" — די בהלה, שטרייטיקייטן און פּאַראַט — איז בלויז „דער שאָטן פון דער וואָר געוויזן מיר", דאָס הייסט, עס זיינען פאַראַן מער גרינטלעכע אורזאַכן, אין וועלכע ער האָט אין ערשטן אַקט נאָך ניט געוואָלט אַריינדרינגען.

די דאָזיקע מער גרינטלעכערע אורזאַכן פאַר דעם דורכפאַל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע זיינען געלעגן, לויט שעליס מיינונג, אין דעם מענטשן גופא, אין דעם מענטשלעכן גייסט, וועלכער דאַרף פריער באַפרייט ווערן פון זיינע פאַרדאָרבנקייטן — פון די גייציקייטן נאָך רייכקייט, רום און מאַכט מצד קליינע אַמביציעזע גרופּן פון איין זייט און פון פחדנות און שקלאַפישער הכנעה מצד די ברייטע מאַסן פון דער צווייטער זייט — כדי די פון אים געווינטשטע העכערע און בעסערע וועלט זאָל קענען געבויט ווערן אויף אַ מער אָדער ווייניקער פעסטן פונדאַמענט. דאָס קען אָבער ניט קומען מיטאַמאָל, און קיינמאָל נישט דורך געוואלט, נאָר, ווי ער וויזט אָן אין סוף פון „פּראָמעטעאוס" — דורך „איידלקייט, טוגנט, חכמה און אויסדויער". עס מוז דויערן אַ סך צייט און מען מוז וואַרטן מיט גרויס סבלנות און אָנווענדן אַ סך חכמה צו דערציען די מאַסן און דערהויבן זיי ביז זיי וועלן זיין גרייט צו בויען פאַר זיך און אויפהאַלטן אַ נייע, פרייע וועלט.

איז דאָס נישט דער זעלבער שלוס צו וועלכן פיל פון דער היינטיקער אידעאַליסטישער אינטעליגענץ זיינען געקומען אין אונדזער צייט נאָך די גרויסע און ביטערע אַנטוישונגען פון דער רוסישער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע?

שעלי׳ס הקדמה צו זיין ווערק

„פּראָמעטעוס אנבאונד״

(פּראָמעטעוס, דער גואל)

די גריכישע טראַגיקער, ווען זיי האָבן גענומען פאַר אַ טעמע וועלכן ס׳איז עפּיזאָד פון זייער נאַציאָנאַלער געשיכטע אָדער מיטאָלאָגיע, פלעגן זיך, אין זייער באַאַרבעטונג פון דער טעמע, דערלויבן אַ געוויסע פרייע דיסקרעציע. זיי האָבן זיך אין קיין פאַל נישט געהאַלטן געבונדן צו דער אָנגענומענער אינטערפּרעטאַציע און נישט אימיטירט אין סיפּור המעשה אָדער אין נאָמען די ווערק פון זייערע קאָנקורענטן אָדער פאָרגייער. אַזאַ צוגאַנג וואָלט געמיינט זיך אָפּזאָגן פון יעדן פאַרלאַנג איבערצושטייגן אַנדערע שרייבער, וואָס האָט אָנגערעגט זייער שאַפונג. די אַגאַמעמנאָן־מעשה איז געוויזן געוואָרן אויף דער אַטענישער בינע אין אַזויפיל וואַריאַציעס וויפיל עס זיינען געווען דראַמעס אויף דער טעמע.

איך האָב זיך דערלויבט די זעלבע פרייהייט. עסכילוסעס „פּראָמעטעוס באַפרייט״ (די פאַרלוירענע דריטע דראַמע פון דעם גריכישן קלאַסיקער אויף דער טעמע פּראָמעטעוס — איבערז.) האָט פאָרגעשטעלט דאָס שלום־ווערן פון יופּיטערן מיט זיין קרבן אַלס פּרייז פאַר זיין אויפדעקונג פון דער געפאַר וואָס שטייט פאַר יופּיטערס ממשלה צוליב זיין חתונה מיט טעטיסן. טעטיס איז, לויט דער ווערסיע פון דער לעגענדע, געגעבן געוואָרן אין הייראַט צו פּעלעוסן, און פּראָמעטעוס איז, מיט יופּיטערס דערלויבעניש, באַפרייט געוואָרן פון זיין געפאַנגענשאַפט דורך הערקולעסן. וואָלט איך געבויט מיין סיפּור אויף דעם מאָדעל וואָלט איך נישט אויפגעטאָן מער ווי אַ פאַרזוך אומצוקערן די פאַרלוירענע דראַמע פון עסכילוסן; אַן אַמביציע וואָס, אַפילו ווען איך וואָלט חשק געהאַט אַזוי צו באַהאַנדלען די טעמע, וואָלט זיך אָפּגעקילט דערמאָנענדיק זיך דעם הויכן פאַרגלייך וואָס אַזאַ פאַרזוך וואָלט אַרויסגערופן. אין אמתן האָט מיך נישט געצויגן אַ קאַטאַסטראָפע וואָס איז אַזוי שוואַך ווי דאָס שלום מאַכן

צווישן דעם טשאַמפּיאָן און דעם אונטערדריקער פון דער מענטשהייט. דער מאָראַלער אינטערעס פון דער פּאָבולע, וואָס ווערט אַזוי מעכטיק אָנגעהאַלטן דורך די לײדן און דעם אויסדויער פון פּראָמעטעאוסן, וואָלט לחלוטין צונישט געוואָרן ווען מיר וואָלטן זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז ער ציט צוריק זיינע הויכע ווערטער און פאַלט כורעים פאַר זיין דערפאָלגרייכן און פאַררעטערישן קעגנער. דאָס איינציקע פאַרגעשטעלטע וועזן וואָס איז אין אַ געוויסן גראַד ענלעך צו פּראָמעטעוסן איז ש ט ן (אין מילטאָנס „פאַרלוירענער גן־עדן" — איבערז.) און פּראָמעטעוס איז, לויט מיין מיינונג, אַ מער פּאָעטישער כאַראַקטער ווי שטן, ווייל אַ חוץ זיין מוט, און מאַיעסטעט, און פעסטער און גערולדזאַמער קעגנערשאַפט צום אַלמעכטיקן גוואַלט, לאָזט ער זיך אויך שילדערן ווי איינער וואָס איז פריי פון די פלעקן פון אַמביציע, קנאה, נקמה, און תאווה פאַר פערזענלעכער גדולה און מאַכט, וואָס מאַכט קאַליע דעם אינטערעס אין דעם העלד פון „פאַרלוירענער גן־עדן". דער כאַראַקטער פון שטן רופט אַרויס אין געדאַנק אַ שעדלעכע סאָפיסטיק, וואָס ברענגט אונדז צו וועגן זיינע חסרונות אַנטקעגן די צרות וואָס ער לײדט, און מוחל צו זיין די חסרונות, ווייל זיינע לײדן זיינען איבער יעדער מאָס. אין די געדאַנקען פון יענע וואָס באַטראַכטן די גרויסאַרטיקע לעגענדע מיט אַ רעליגיעזן געפיל, קען עס אַרויסרופן עטוואָס נאָך ערגערס. אָבער פּראָמעטעאוס איז, אַזוי צו זאָגן, דער טיפּ פון דער העכסטער שלימות פון מאָראַלער און אינטעלעקטועלער נאַטור, באַוויגן פון די ריינסטע און אמתדיקסטע מאָטיוון צו די בעסטע און נאָבלסטע צילן.

די פּאָעמע איז אין גרעסטן טייל געשריבן געוואָרן אויף די בערגיקע רוינעס פון די בעדער פון קאַראַקאַלאַ, צווישן די מיט בלומען באַוואַקסענע וואַלד - עפּענונגען, און געדיכטעניש פון ווויל - שמעקנדיקע, בליענדיקע ביימער, וועלכע שפּרייטן זיך אין פּלאָנטערדיקע לאַבירינטן איבער די ריזיקע פּלאַטפאָרמעס און קאָפּ־שווינדלענדיקע פעלדז־געוועלבן, ווי הענגענדיקע אין דער לופטן. דער לויטערער בלויער הימל פון רוים, און דער עפעקט פון דעם ענערגיש־דערוואַכנדיקן פרילינג אין יענעם געטלעכן קלימאַט, און דאָס נייע לעבן מיט וועלכן עס פאַרטרינקט די נשמה אַזש ביז צו שיכרות, דאָס אַלץ איז געווען די אינספּיראַציע פון דער דראַמע.

די בילדלעכקייט וואָס איך האָב באַנוצט, וועט געפונען ווערן, אין פיל פאַלן, צו שטאַמען פון די פּראָצעסן פון מענטשלעכן געדאַנק, אָדער פון די דרויסנדיקע האַנדלונגען דורך וועלכע זיי דריקן זיך אויס. דאָס איז אומגעווינלעך אין מאָדערנער פּאָעזיע, הגם דאַנטע און שעקספּיר זיינען פול מיט ביישפּילן פון דעם זעלבן מין. דאַנטע באַזונדער מער ווי יע־

דער אַנדערער פּאָעט, און מיט גרעסערן דערפֿאָלג. אָבער די גריכישע פּאָעטן, ווי שרייבער פֿאַר וועמען קיין מיטל צו דערוועקן די סימפּאַטיע פֿון זייערע מיטמענטשן איז נישט געווען פֿרעמד, זיינען געווען אין רגילותדיקן געברויך פֿון דער דאָזיקער קראַפֿט; און צו דער שטודיע פֿון זייערע ווערק (ווייל אַ העכערן פֿאַרדינסט וועט מען מיר וואַרשיינלעך אָפּזאָגן) בין איך וויליק, אַז מיינע לעזער זאָלן צושרייבן די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט.

איין וואָרט קומט, אויס אָפּנהאַרציקייט, צו דער פֿראַגע אויף וויפֿיל דאָס שטודירן פֿון היינצייטיקע שריפֿטן האָט אפשר באַפֿאַרבט מיין ווערק, אַ פֿאָרוווּרף וואָס מען האָט געמאַכט צו אַ סך מער פּאָפּולערע ווערק, און באמת מער ווערט צו זיין פּאָפּולער, ווי מיינע. עס איז אוממעגלעך, אַז איינער וואָס לעבט אין איין צייט מיט אַזעלכע שרייבער, ווי די וואָס שטייען אין די פֿאָדערשטע רייען פֿון אונזער דור, זאָל קענען געוויסנהאַפֿטיק זיך פֿאַרזיכערן, אַז זיין שפּראַך און דער טאָן פֿון זיין געדאַנקענגאַנג זאָלן נישט האָבן מאָדיפֿיצירט געוואָרן דורך די ווערק פֿון אַזוינע אויסערגעוויינלעכע אינטעלעקטן. עס איז אמת, אַז נישט דער גייסט פֿון זייער געניוס, נאָר די פֿאָרמען אין וועלכע ער האָט זיך אויסגעדריקט, שטאַמען ווייניקער פֿון זייער אייגענער גייסטיקער אייגנאַרט, ווי פֿון דער אייגנאַרט פֿון דעם מאָראַלן און אינטעלעקטועלן צושטאַנד פֿון די גייסטער צווישן וועמען זיי האָבן געשאַפֿן. דעריבער פּאַסירט, אַז שרייבער באַזיצן די פֿאָרם, אָבער עס פֿעלט זיי דער גייסט פֿון יענע וועמען זיי פּרוּוון, ווי מען זאָגט, אימיטירן; ווייל דאָס ערשטע געהערט צו דער צייט אין וועלכער זיי לעבן, און דאָס לעצטע מוז זיין דער בליץ פֿון זייער אייגענעם געדאַנק און קען נישט איבערגעגעבן ווערן פֿון איינעם צום אַנדערן.

דער אייגנאַרטיקער סטיל פֿון געשפּאַנטער און ברייט־אומפֿאַסנדיקער בילדלעכקייט וואָס צייכנט אויס די מאָדערנע ליטעראַטור פֿון ענגלאַנד, איז נישט, אַלס אַן אַלגעמיינע קראַפֿט, דער פּראָדוקט פֿון אימיטאַציע פֿון אַ וועלכן ס'איז שרייבער. די מאַסע פֿון פֿעיִקייטן בלייבט אין יעדן פּעריאָד אומגעפֿער די זעלבע; די אומשטאַנדן וואָס רופֿן זי אַרויס צו אַקציע בייטן זיך כסדר. ווען ענגלאַנד וואָלט איינגעטיילט געוואָרן אין פֿערציק רעפּובליקן, יעדע פֿון זיי אַזוי גרויס אין באַפֿעלקערונג און אין שטח ווי אַטען, איז נישטאָ קיין אורזאַך פֿאַרוואָס נישט אַנצונעמען, אַז אונטער אינסטיטוציעס נישט מער שלימותדיק ווי די אַטענישע וואָלט יעדע פֿון זיי אַרויסגעגעבן פֿילאָזאָפֿן און פּאָעטן גלייך צו יענע, וועלכע זיינען (אויב מיר נעמען אַרויס פֿון כלל שעקספּירן) קיינמאָל נישט איבערגעשטיגן געוואָרן. פֿאַר די גרויסע שרייבער פֿון דער

גאָלדענער תקופה פון אונדזער ליטעראַטור האָבן מיר צו דאַנקען יענער פלאַמיקער דערוואַכונג פון עפנטלעכן גייסט, וואָס האָט צעטרייסלט אויף שטויב די עלטסטע און צום מערסטן אונטערדריקנדיקע פאָרם פון דער קריסטלעכער רעליגיע. פאַר מילטאָנען האָבן מיר צו דאַנקען דעם פּראָגרעס און אַנטוויקלונג פון דעם זעלבן גייסט; דער הייליקער מילטאָן איז געווען, לאָמיר דאָס שטענדיק געדענקען, אַ רעפּובליקאַנער, און אַ מוטיקער פאָרשער פון מאָראַל און רעליגיע. די גרויסע שרייבער פון אונדזער אייגענעם דור זיינען, ווי מיר האָבן אַן אורזאַך צו גלויבן, די מיטגייער און פאָרלויפער פון עפּעס אַ דערוויילּ נאָך נישט פעסטגעשטעלטן אומבייט אין אונדזער סאָציאַלן מצב אָדער אין די מיינונגען וואָס צעמענטירן אים. די כמאַרע פון געדאַנק לאָזט אַרויס איר אָנגעזאַמלטן בליץ, און דער גלייכגעוויכט צווישן אינסטיטוציעס און אידייעס ווערט צוריק איינגעשטעלט, אָדער האַלט אין ווערן צוריק איינגעשטעלט.

וואָס איז שייך אימיטאַציע — פּאָעזיע איז אַ מימעטישע קונסט. זי שאַפט, אָבער זי שאַפט דורך קאָמבינאַציע און רעפּרעזענטאַציע. פּאָעטישע אַבסטראַקציעס זיינען שיין און ניי, נישט ווייל די טיילן פון וועלכע זיי זיינען צוזאַמענגעשטעלט האָבן נישט געהאַט קיין פריערדיקע עקזיסטענץ אין מענטשנס געדאַנק אָדער אין דער נאַטור, נאָר ווייל דאָס גאַנצע געשאַפן דורך זייער פאַרבינדונג האָט אַ געוויסע פאַרשטענדלעכע און שיינע אַנאַלאָגיע מיט יענע מקורות פון עמאָציע און געדאַנק, און מיט זייער צייטמעסיקן צושטאַנד. אַ פּאָעט איז אַ מייסטערווערק פון דער נאַטור, וואָס דער אַנדערער פּאָעט דאַרף אים נישט נאָר שטודירן, נאָר ער מוז אים שטודירן. ער קען פונקט מיט אַזוי ווייניק שכל און לייכט געמיט באַשטימען, אַז זיין גייסט זאָל מער נישט זיין דער שפּיגל פון אַלץ וואָס איז פּרעכטיק אין דעם געזעענעם אוניווערז, ווי אויסצושליסן פון דעם האָריזאָנט פון זיין באַטראַכטונג דאָס שיינע וואָס עקזיסטירט אין די שריפטן פון אַ גרויסן שרייבער פון זיין צייט. אַזאַ אָנשטעל וואָלט געווען אַ חוצפּה פאַר יעדן, אַ חוץ דעם סאַמע גרעסטן, און דער עפעקט וואָלט אַפילו ביי אים געווען אָנגעצויגן, אומנאַטירלעך, און אומפּרוכטבאַר. אַ פּאָעט איז דער קאָמבינירטער פּראָדוקט פון אַזעלכע אינערלעכע קרעפטן וואָס מאָדיפיצירן די נאַטור פון אַנדערע; און פון אַזעלכע אויסערלעכע איינפלוסן וואָס רעגן־אָן און האַלטן־אויף די דאָזיקע קרעפטן; ער איז נישט איינס, נאָר ביידע. יעדער מענטשנס גייסט ווערט, אין דעם זין, מאָדיפיצירט דורך אַלע דערשיינונגען פון נאַטור און קונסט; דורך יעדן וואָרט און יעדער סוגעסטיע וואָס ער האָט ווען געלאָזט ווירקן אויף זיין באַוואוסטזיין; ער איז דער שפּיגל אין וועלכן אַלע פאָרמען ווערן רעפלעקטירט, און אין וועלכן זיי אַלע שטעלן צונויף איין פאָרם. פּאָעטן,

ווי פילאָזאָפן, מאַלער, סקולפּטאָרן און מוזיקער, זיינען, אין איין זין, די שאַפער, און אין אַן אַנדער זין, די שאַפונגען פון זייער צייט. פֿון אָט דער אונטערוואָרפנקייט זיינען אַפילו די סאַמע העכסטע נישט פּטור. ס׳איז דאָ אַן ענלעכקייט צווישן האָמערן און העזיאָדן, צווישן עסכילוסן און יעריפּידעסן, צווישן ווירגילן און האָרעסן, צווישן דאַנטען און פּעטראַרכן, צווישן שעקספּירן און פלעטשערן, צווישן דראַידענען און פּאָפּן; יעדע פון די פּאָרן האָט אַ גענערישע ענלעכקייט אונטער וועלכער זייערע ספּעציפישע אונטערשיידן פאַלן אונטער. אויב דער מין ענלעכקייט איז דער פּועל יוצא פון אימיטאַציע, בין איך וויליק מודה צו זיין, אַז איך האָב אימיטירט.

זאָל מיר געגעבן ווערן די געלעגנהייט צוצוגעבן, אַז איך האָב וואָס אַ סקאָטלענדישער פילאָזאָף רופט אַן כאַראַקטעריסטיש, „אַ לײַדנשאַפט צו רעפאָרמירן די וועלט;״ וועלכע לײַדנשאַפט ס׳האָט אים באַוויגן צו שרייבן און פֿאַרעפנטלעכן זיין בוך, דאָס זאָגט ער נישט אויס. פון מיין זייט, וואָלט איך בעסער גיין אין גיהנום מיט פלאַטאָן און לאָרד בעיקאָנען, איידער אין גן־עדן מיט פּעילין און מאַלטוסן. אָבער עס איז אַ טעות אָנצונעמען, אַז איך ווידמע מיינע פּאָעטישע שאַפונגען בלויז צו דער דערגרייכונג פון רעפאָרם, אָדער אַז איך באַטראַכט זיי אין וועלכן ס׳איז גראַד ווי אנטהאַלטנדיק אַן אויסגעהאַלטענעם סיסטעם בנוגע דער טעאָריע פון מענטשלעכן לעבן. דידאַקטישע פּאָעזיע שטויסט מיך אָפּ; נישטאָ אַזאַ זאַך וואָס קען פונקט אַזוי גוט אויסגעדריקט ווערן אין פּראָזע וואָס זאָל נישט זיין האַמעטנע און איבערטריבן אין פערזן. מיין צוועק ביז איצט איז געווען פּשוט צו פאַמיליאַריזירן די הויך ראַפינירטע פאַנטאַזיע פון די העכערע קלאַסן פּאָעזיע־לייענער מיט די שיינע אידעאַלן פון מאָראַלער עקסעלענץ; וויסנדיק אַז ביז וואַנען דער גייסט קען ליבן, און באַוווּנדערן, און גלויבן, און האָפן, און אויסדויערן, בלייבן די שכלדיקע פּרינציפּן פון מאָראַלער הנהגה זאָמען געוואָרפֿן אויפן טראַקט פון לעבן, וועלכע דער באַוווסטלאָזער פּאַסאַזשיר צעטראַמפּלט אין שטויב, כאָטש זיי וואָלטן געקענט ברענגען די גערעטעניש פון זיין גליק. אויב איך וועל לעבן צו פאַרענדיקן דאָס וואָס איך נעם זיך פאָר, דאָס איז צו שאַפן אַ סיסטעמאַטישע געשיכטע פון דעם וואָס מיר שיינט צו זיין די ווירקלעכע עלעמענטן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, זאָלן די אַדוואָקאַטן פון אומגערעכטיקייט און אַבערגלויבן זיך נישט איינרעדן, אַז איך וועל בעסער נעמען עסכילוסן איידער פלאַטאָן אַלס מיין מאָדעל.

מיין ריידן פון זיך אַזוי פריי און אָן אָנשטעל, דאַרף נישט קיין אַפּאָלאָגיע פֿאַר די אָפּנהאַרציקע; און זאָלן די נישט אָפּנהאַר־

ציקע אינזינען האָבן, אַז זיי שעדיקן מיר ווייניקער ווי זייערע אייגענע הערצער און גייסטער מיט זייער מיסרעפּרעזענטאַציע. וואָס פאַר טאַ־לאַנטן אַ מענטש זאָל נישט האָבן צו פאַרווילן און לערנען אַנדערע, ווי אומבאַדייטנדיק זיי זאָלן נישט זיין, דאַרף ער זיי אַלץ אַרויסברענגען; אויב זיין פאַרזוך האָט קיין ווערט נישט, זאָל די שטראָף פון אַ נישט דערגרייכטן צוועק זיין גענוג; צו וואָס באַמיען זיך צו וואַרפן דעם שטויב פון שיכחה אויף זיין אַרבעט? — דאָס שטויב־בערגל קען נאָך אָנצייי־כענען זיין קבר, וואָס וואָלט אָן דעם אפשר געבליבן אומבאַקאַנט.

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

•

פראָמעטעוס

דעמאגארגאן

יופיטער

די ערד

אָקעאַן

אַפּאָלאָ

מערקור

הערקולעס

אזיע }
פאנטעאַ } אָקעאַנידעס (ים־נימפֿן)
יאָנע }

דער פאנטאזם פון יופיטער.

דער גייסט פון דער ערד.

דער גייסט פון דער לבנה.

די גייסטער פון די שעה'ן.

גייסטער. עאָס, פאונס.

פוריעס.

ערשטער אַקט

ס צ ע נ ע, אַ טאָל פֿון אייזיקע פֿעלדזן אין אינדישן קאַווקאַז.
פּראָמעטעוס ווערט געפֿונען אַ צוגעבונדענער צום תהום.
פּאַנטעאַ און יאָנע זיצן ביי זיינע פֿיס. צייט: נאַכט. מאָרגן
טויכט אויף במשך דער סצענע.

פראָמעטעוס

מאָנאַרך פון געטער, דעמאָנען און אַלע גייסטער,
חוץ איינעם, וועלכע ווימלען אום געדיכט
אין יענע לויכטנדע, זיך ראָלנדע וועלטן,
וואָס דו און איך נאָר זעען מיט שלאָפלאָז אויג!
קוק אָן די ערד, וואָס דו האָסט פול געמאַכט
מיט דיינע קנעכט, פאַר וועמעס קני־געבעט,
און לויב־געזאַנג, און עולה־פייעראָפּער
פון בערג געבראָכענע הערצער דו צאָלסט
בלויז אָפּ מיט פחד, און געפאַלנקייט,
און זעלבסט־בזיון, און ביטחון פאַלש.
בעת מיר, וואָס כ'בין דיין פיינט, אויגנלאָז אין האַס,
האָסטו צום האַר געמאַכט איבער מיין פיין
און איבער דיין אומזיסטיקער נקמה.
דריי טויזנט יאָר פון שלאָף־געמידענע שעהן,
און ווייל׳עס, ווייי־געצייכנטע,
ווי יאָרן, יאָרן פיין און איינזאַמקייט,
בזיון, יאוש, צער — דאָס איז מיין גבול!
פיל רומפולער פון דעם וואָס דו, אַ גאָט,
באַגוואַלטיקסט פון דיין טראָן דעם אומבאַגערטן.
אַלמעכטיקער! ווען מיר וואָלט אָנשטיין טיילן
די שאַנד פון דיין טיראַניע, איך וואָלט נישט
געהאַנגען צוגענאָגלט צו דעם באַרג,
אָדלער־פאַרווירנדיק, וויסט, ווינטערדיק,
שוואַרץ, אומגעמאָסטן; קיין געוויקס, אינזעקט,
קיין קלאַנג און קיין שום סימן נישט פון לעבן.
ווי מיר! ווי, ווי! ווי תמיד, תמיד ווי!

קיין בייט, קיין אָפּרו, און קיין האָפענונג!
דאָך האַלט איך אויס. איך פרעג די ערד: די בערג —
האָבן זיי גאָרנישט געפילט? איך פרעג דעם הימל:
די זון, אַלצזעענדיק, האָט נישט געזען?
און ים, דו מאַכט צעשטורעמט אָדער שטיל,

דעם הימלס שאָטן אונטן אויסגעשפּרייט,
האָבן דיינע כוואַליעס נישט געהערט מיין גוואַלט?
ווײ מיר! ווײ, ווײ! ווײ תמיד, תמיד ווײ!

די קריכנדיקע גלעטשערס לעכערן מיך
מיט שפּיזן פראָסטיקע פון אײז־קרישטאָל;
די קייטן בלישטשענדיק, מיט קאַלטן ברען
זיך בייסן, בייסן איין אין מיין געביין;
דער הונט פון הימל דער געפליגלטער
מיט שנאָבל פון דיין מויל פאַרגיפטעטן
פליקט, פליקט מיין האַרץ; און העסלעכע געשטאַלטן
פאַרביי מיר וואַנדערן, און ס׳רייצן מיך
פון לאַנד פון דימיון די געשפּענסטערלייט;
די ערדבראַך־מחבלים קומען אָנגערייצט
צו צופּן צאַפּלדיקע שטיקער לייב
פון מיינע וווּנדן די צעצוונדענע
ווען פעלזן שפּאַלטן זיך און שליסן באַלד
זיך ווידער; בשעת פון רעשיק תהום אַרויס
אויף מיר זיך יאָגן־אָן מיט ווילד געוווי
די טשאַטעס שדים פון דעם שטורעמווינט
און בייטשן מיך און שמייסן מיך מיט האָגל.

און דאָך איז טייער מיר דער טאָג און די נאַכט,
סיי איינער ברעכט פרימאָרגנס וויסן פראָסט,
סיי מאַט און שטערנדיק די אַנדערע
אויף מזרח בלייענעם קלעטערט שטיל;
וואָרום איך וויס, זיי פירן איינס ביי איינס
די שעהן, ווי די ווערים קריכנדיק,
ביז איינס פון זיי — ווי ס׳פירט אַ פּריסטער גרים
זיין ראַנגלענדיקן קרבן צום מזבח —
וועט שלעפּן דיך, אַז דו זאָלסט קושן ס׳בלוט
פון אָט די פּיס, וואָס וואָלטן טראָמפּלען דיך
שוין דאַן געקאָנט, ווען ס׳וואָלט נישט עקלען זיי
אַזאַ געפאַלענער און שפּלער שקלאַף.
עקל? אָ, ניין! איך האָב רחמנות נאַר!
וואָס פאַר אַ בראַך ס׳וועט אומבאַהאַלפן דיך
דורך ברייטע הימלען יאָגן! ווי ס׳וועט דיין זעל,

צוריסן פון פחד, אָפּן אײטערן,
װי אַ גיהנום אַ צערױעטער!
איך רײד מיט װײטיק, נישט מיט בײזער פרײד,
װײל כ׳האָס שױן נישט װי כ׳האָב געהאַסט אַמאָל,
אײדער דער צער האָט קליגער מיך געמאַכט.

די קללה װאָס איך האָב אַמאָל געהױכט
אױף דיר איך װיל זיך אָפּדערמאָנען איצט.
איר בערג מיט עכאָס מיט פּילשטימיקע,
װאָס האָט דורך קאַטאַראַקט־טומאַנען װײט
געשלײדערט פון מײן קללה דעם געקנאַל!
איר קװאַלן אײזיקע, געקאָװעט פעסט
מיט קנײטשיק פראָסט, איר האָט צו הערן מיך
געצאַפּלט, דערנאָך געשװידערט קריכנדיק
דורך אינדיע! דו קלאָר־געבלאָנקטע לופט,
װוּ זון שפּאַצירט — אַ פײער־קול אָן שטראַלן!
און פלינקע װירבלװינטן, איר װאָס זענט
אױף באַלאַנסירטע פליגל שאַ־פאַרשטומט
געהאַנגען איבער דעם פאַרשטיקטן תהום,
װען דונער, העכער נאָך פון אײערן,
געטרײסלט האָט די װעלט די רונדיקע!
אויב דענסטמאָל האָט מײן װאָרט געהאַט אַ מאַכט, —
כאָטש כ׳בין געענדערט איצט, און יעדער װונטש
פון שלעכטס איז טױט אין מיר, און כאָטש
כ׳געדענק שױן נישט װאָס ס׳מײנט צו פילן האַס —
איך װיל דאָס נישט פאַרלירן איצט! זאָגט אױס
מײן קללה, װאָס איר אַלע האָט געהערט.

ערשטער קול (פון די בערג)
דרײ מאָל דרײ הונדערט טױזנט יאָר
מיר שטײען דאָ אױף ערדבראָכס דעק,
און אָפט, װי שװאַכע מענטשן נאָר,
מיר האָבן געצאַפּלט װי פון שרעק.

צװײטער קול (פון די קװאַלן)
ס׳האָבן דונערס אונז געדאָרבן,
מיט ביטער בלוט זיך אָפט געמישט;

גערונען שטום צו שריי פון קרבן
דורך אַ שטאָט און דורך דער וויסט.

דריטער קול (פון דער לופט)
איך טו די ערד פון קדמונים אָן
אין פאַרבן קליידן פון מיין פאַסאָן;
און אָפּט פון רו די שטילסטע מינוט
עס לעכערט זיפּץ וואָס גליווערט בלוט.

פערטער קול (פון די שטורעמווינטן)
זינט מיר ווירבלען צווישן בערג
האָט נאָך קיין מאַכט וואָס אויף דער ערד,
נישט דער פלאַמיקער פאַנטאַן
וואָס ברויזט פון יעניקן ווולקאַן,
און נישט קיין אַנדער כוח אַרום
מיט זיין וווּנדער אונדז פאַרשטומט.

ערשטער קול
נאָר קרוינען אונדזערע פון שניי
זיך האָבן נישט געבויגן אַזוי,
ווי פון דעם הילך פון דיין געשריי,

צווייטער קול
מיר האָבן נאָך אַזאַ מין קלאַנג
צום אינדישן ים נישט דערלאַנגט.
אין שלאָף אויף ווילד־צעברומטן ים
ט׳זיך אויפגעכאַפּט אַ קאַפּיטאַן;
„ווייַ ז׳מיר!" האָט ער געטאָן אַ בריל,
און ווי די וועלן געשטאָרבן ווילד.

דריטער קול
אַזאַ גרויל־קול פון ערד צו הימל
האָט נאָך מיין גבול נישט דורכגעבריט:
און ווען די ווונד האָט זיך פאַרבילמט
איז טאָג געשטאַנען שוואַרץ ווי בלוט.

פערטער קול
און מיר — אַוועק, אַוועק, אַוועק,
צו היילן אייזיקע פון שרעק;

ווייל דער געדאַנק פון אונטערגאַנג
האָט אונדז צו שווייגן שטיל געַנויט,
כאָטש שווייגן איז פאַר אונדז דער טויט.

די ערד

די שטומע היילן פון פעלדזיקן געפלעכט
געשריען האָבן דענסטמאָל „ווייַ!” און ס'האָט
דער הימל זיי געענטפערט: „ווייַ!”
און פון דעם ים די וועלן פורפורנע,
אויף דער יבשה קלעטערנדיק, האָבן דאַן
גערעוועט צו די בייטשנדיקע ווינטן,
און פעלקער בלאַסע האָבן געהאָרכט: „ווייַ!”

פראָנועטעוס

איך האָב געהערט אַ רויש פון שטימען פיל,
נאָר נישט דעם קול פון מיין געשריי. אָ, מוטער!
אי דו אי דיינע זין פאַראַכטן אים,
אָן וועמעס ווילן דעם אומבויגזאַמען
אונטער יופיטערס מאַכט אַכזרישער
איר אַלע וואָלט פאַרשווונדן שוין, ווי טוי
וואָס לייזט זיך אויף אין פרימאָרגן ווינט.
דערקענט איר מער נישט דעם טיטאַן וואָס האָט
פון זיינע יסורים אַ באַריער געמאַכט
קעגן אייער אלניצחונדיקן פיינט?
אָ, לאָנקעס, פעלדזן־אַיינגעבוזעמטע,
און שניי־געשפייזטע שטראָמען רוישיקע
וואָס כ'זע איצט קוים דורך נעפלען פריריקע;
אין אייער איבערשאָטנדיקן וואַלד
איך האָב אַמאָל שפּאַצירט מיט אַזיען,
געטרונקען לעבן פון געליבטע אויגן;
פאַרוואָס־זשע וויל דער גייסט וואָס לעבט אין אייך
זיך ניט באַקערן איצט צו מיר,
וואָס איך האָב אָפּגעשטעלט, ווי איינער שטעלט
אַ טייוול־געשפאַנטן רייטוואָגן אין געלאַף,
דעם שקר און די מאַכט פון אים וואָס הערשט
אויף אַלץ און פילט מיט שקלאַפן־זיפצן אָן
די טונקעלע טאָלן און טוכלע ווילדערנישן:
פאַרוואָס קיין ענטפער נישט? פאַרוואָס, ברידער?

די ערד

זיי וואָגן נישט.

פּראָמעטעוס

וואָגט ווער? כ׳וויל הערן מיין פלוך.
האָ! ס׳אַראַ אימהדיק געשושק עס שטייגט!
ס׳איז קוים ווי קלאַנג. עס סקרוכט אַדורכן לייב,
ווי בליץ וואָס הויערט איידער ער שלאָגט אויס.
רייד גייסט! פון אומאָרגאַניש קול פון דיינס
כ׳וויס בלויז, אַז דו באַוועגסט זיך נאָנט, און ליבסט.
זאָג, ווי האָב איך געשאָלטן?

די ערד

קענסט נישט הערן:
דו וויסט דעם לשון נישט פון די וואָס טויט.

פּראָמעטעוס

ביסט דאָך אַ גייסט פון לעבן, רייד ווי לעבן.

די ערד

איך וואָג דאָס נישט צו טאָן, ווייל ס׳וועט הערן
אין הימל דער קעניג דער טיראַנישער
און ער וועט בינדן מיך צו נייער ראָד,
ערגער פון דער אויף וועלכער כ׳דריי זיך איצט.
דו ביסט סובטיל און גוט, און כאָטש, ס׳איז וואָר,
די געטער, זיי פאַרשטייען נישט מיין קול,
ביסטו דאָך מערער פון אַ גאָט, ווייל דו
ביסט קלוג און גוט: זיי שטיל און הער זיך צו.

פּראָמעטעוס

עס שטראָמען דורך מיין מוח, ווי שאָטנס בלאָס,
מחשבות אימהדיק, געשווינט, געדיכט.
כ׳פיל דול, ווי אין אַ ליבע־קנויל פאַרוויקלט,
און ס׳איז קיין תענוג נישט.

די ערד

ניין, קאָנסט נישט הערן:

דו ביסט אומשטערבלעך, און די שפּראַך איז נאָר
צו שטערבלעכע באַקאַנט.

פּראָמעטעוס

ווער ביסטו קול

דו מעלאַנכאָלישער?

די ערד

איך בין די ערד,
דיין מוטער; די אין וועמעס אָדערן טיף
ביז סאַמע העכסטן ריטל פֿון העכסטן בוים,
מיט דינע בלעטלעך תּמיד צאַפּלדיק
אין פֿראָסטיק לופֿט, איז פֿרייד געפֿלאָסן ווי בלוט
אין לעבעדיקן גוף, ווען פֿון איר בוזעם
דו ביסט אַרויפֿגעשטיגן ווי אַ וואָלקן
פֿון גלאָריע, דורכגעשטראַלט מיט לויטערקייט.
און פֿון דיין קול עס האָבן אירע זין
פֿון שטויב געהויבן די בוקנדיקע קעפּ,
און דער אַלמעכטיקער טיראַן ער איז
געוואָרן בלאַס פֿון פּחד, צאָרנדיק, ווילד,
ביז ס'האָט זיין דונער דיך געשמידט אָט־דאָ.
און דענסטמאָל, זעסט דאָרט וועלטן אַ מיליאָן,
וואָס ליכטן העל אין איילנדיק געדריי,
זייערע איינוווינער געזען האָבן באַלד
מיין ספּעריש ליכט אין הימל אויסגעלאָשן;
דער ים האָט זיך געהויבן אין שטורעם ווילד,
און פֿייער ניי פֿון שניי־געדעקטע בערג,
פֿון ערדבראָך דורכגעפּלאַצט, האָט קודלעס פֿלאַם
געוואָרפֿן וואָרנעדיק אַרויף צום הימל;
און ס'האָבן בליץ און מבול געפּלאָגט דעם פּליין;
און בלויע בערלעך האָבן געבליט אין שטעט;
און הונגעריקע שרצים זיינען דאַן
אין לוסטיקע סאַלאָנען אומגעקראָכן;
ווען פּעסט איז אָנגעפֿאַלן אויף מענטשן, ווערים,
און חיות ווילד, און הונגער; און געדאַר
אויף ביימער, גראָז, און אויף אַלץ וואָס וואַקסט;
און צווישן קאָרן, און ווייבשטאָק, און גרין גראָז

עס האָבן דערנער גיפטיקע געשוויבלט
און די חיונה זייערע פאַרצערט,
ווייל ס'האָט פון צער מיין ברוסט דאַן איינגעדאַרט;
און ס'איז די לופט, מיין אָטעם, דאַן געוואָרן
פאַרפעסטעט מיט אַ מוטערס האַס, וואָס זי'ט
געהויכט, געהויכט אויף משחית פון איר קינד;
יאָ, קינד, כ'געדענק דעם פלוך וואָס דו אַליין
האָסט שוין פאַרגעסן, נאָר די מייניקע —
די ימען, און די שטראָמען אָן אַ צאָל,
די בערג, די היילן, די ווינטן, די פרייע לופט,
און די באַפעלקערונג פון טויטנלאַנד —
דאָס היטן אויף אין טיף באַהעלטעניש.
מיר טראַכטן דיינע אימהפולע ווערטער
מיט פרייד געהיימער און מיט האָפענונג,
אָבער מיר וואַגן נישט אַרויסצוזאָגן זיי.

פראָמעטעוס

געבענטשטע מוטער! דו ביי וועמען אַלץ
וואָס לעבט און ליידט געפינט אַ טרייסט פאַר זיך,
ווי בלומען,פרוכט, און קלאַנגען פריידנפול,
און ליבע, כאָטש אַ רגע־גליק; דאָס אַלץ
איז נישט פאַר מיר; דאָך ווערטער אייגענע
פאַרזאָג מיר נישט, איך בעט.

די ערד

ווערסט הערן זיי.
נאָך איידער בבל איז געוואָרן שטויב,
האָט מאַגוס צאַראַטוסטראַ, מיין ליב קינד,
זיין אייגן געשטאַלט באַגעגנט אין גאָרטן.
אַ זעונג וואָס קיין מענטש, חוץ אים, ט'געזען.
זיי וויסן: עס זיינען וועלטן צוויי פאַראַן,
פון לעבן און טויט: איין וועלט וואָס דו קוקסט אָן;
און יענע וועלט, די אונטערשטע, וואָס איז
באַוווינט פון אויסגעליידיקטע שאָטנס
פון אַלץ וואָס אויבן לעבט און דענקט און טוט,
ביז טויט פאַראייניקט זיי אויף אייביק שוין
צו בלייבן איינס; און דאָרט געפינסטו אַלץ:

חלומות, מענטשנס דינסטע דימענישן,
און אַלץ וואָס גלויבן שאַפּט און ליבע גאַרט,
געשטאַלטן מאוימדיק, משונהדיק,
סובלים און פול מיט פּראַכט. אויך דו ביסט דאָרט,
און הענגסט, ווי דאָ, אַ צאַפּלדיקער שאָטן
צווישן בערג באַפּעלקערטע מיט ווירבלווינט;
און אַלע געטער זיינען דאָרטן דאָ,
און אַלדי כוחות פון געהיימע וועלטן,
גיגאַנטישע פאַנטאָמען, באַסצעפּטערטע;
טיטאַנען, מענטשן, בעסטיעס — אַן ערב־רב;
און דעמאָגאָרגאָן, קוואַל פון פינצטערניש;
און דער טיראַן דער העכסטער אויף זיין טראָן
פון ברענענדיקן גאָלד. ס׳וועט איינס פון זיי
דיר זאָגן די קללה וואָס זיי אַלע ווייסן.
קענסט רופן ווער נאָר דו ווילסט — דיין גייסט.
יופּיטערס גייסט אַפילו, אָדער אַדס,
טיפאָנס, צי גייסטער נאָך פון מעכטיקייטן,
וואָס זיינען פון דעם בייז אַלפּרוכפּערדיקן,
זינט דו געפאַלן ביסט, אַרויסגעקומען,
און מיינע זין געפאַלענע געטראַמפּלט.
דו פרעג, און זיי מוזן ענטפערן; ס׳וועט דאַן
די בייזע נקמה פון דעם אויבערשטן
מיט צאָרן בייטשן דורך שאָטנס נישטיקע,
ווי רעגנווינט דורך טויער אָפּגעלאָזטן
פון חרובן פּאַלאַץ.

פראָמאָטעאוס

א מוטער, זאָל
שוין מער אַזוינס וואָס אפשר איז נישט גוט
פון מיינע ליפּן נישט אַרויסקומען,
און נישט פון עטוואָס ענלעכעס צו מיר.

יאָנע

כ׳פאַרלייג מיט פליגל מיינע אויערן,
כ׳פאַרלייג מיט פליגל מיינע אויגן,
און פאָרט איך זע דורך פלעדער־שלייערן,
איך הער דורך פעדער־שאָרך זיך הויבן

אַ שרעק־געשטאַלט,
אַ רויש־געוואַלט;
זאָל נאָר קיין בייז נישט זיין
פֿאַר דיר שוין זאַט מיט פּיין,
וואָס איבער דיר פֿאַר שוועסטערס וועגן
מיר וואַכן דאָ מיט אָפֿענע אויגן.

פֿאַנטאַ

ס'געוואַלט איז ווירבל אונטן נאָנט,
ערדבראָך, פֿייער, בערג־געשפּאַלט;
ס'גשטאַלט פֿול פּחד, ווי ס'געוואַלט,
פּורפּור געקליידט, אַ שטערן אין פֿראָנט,
פֿון ווייס גאָלד אַ סצעפּטער אין האַנט —
שפּרייזט מיט וואַרע
איבער כמאַרע:
אַן אכזר, מ'זעט; נאָר שטיל, פֿאַרשייט,
ווי דער וואָס עוולות טוט, נישט ליידט.

יופּיטערס פֿאַנטאַזם

פֿאַרוואָס האָבן מיך, אַ האַפּטלאָזן פֿאַנטאָם,
געהיימע כוחות פֿון אַ פֿרעמדער וועלט
געטריבן אַהער אויף שטורעמס מאוימדיק?
און וואָס פֿאַר אומבאַקאַנטער קלאַנג איז דאָס
וואָס ליגט אויף מיינע ליפּן מיר? ס'איז נישט
דאָס קול מיט וועלכן אונדזער טויטער מין
געשפּענסטיק שמועסט אין דער פֿינצטערניש!
און זאָג מיר, שטאָלצער ליידער, ווער ביסטו?

פּראָמעטעוס

אָ, קאָלאָסאַל געשטאַלט, דו ביסט געוויס
פֿון אים דער אָפּשאָטן. איך בין דער טיטאַן,
זיין שונא. זאָג דאָס וואָרט וואָס איך וויל הערן,
כאָטש קיין געדאַנק דיין ליידיק קול באַלעבט.

די ערד

הערט־צו! כאָטש עכאָס אייערע מוזן שווייגן,
איר גרויע בערג, און וועלדער פֿון אוראַלט,

פאַרכישופטע קוואַלן און נביאים־היילן,
און שטראָמען וועלכע אינדזלען רינגלען אום,
הערט־צו מיט פרייד וואָס איר טאָרט נישט זאָגן אַליין.

פאַנטאַזם

אַ רוח כאַפּט מיך און ער רעדט אַרויס
פון מיר: ער רייסט מיך דורך, ווי פייער רייסט
אַ דונער־כמאַרע.

פאַנטעאַ

זע! ער הויבט אַרויף
זיין מעכטיק בליק; דער הימל אויבן טונקלט.

יאָנע

ער רעדט! אָ, גיב מיר שויץ!

פּראָמעטעוס

די קללה מיין!
איך זע זי קלאָר אין זשעסטן שטאָלץ און קאַלט,
אין בליק פון טראַציקייט, און ביטער האַס,
און יאוש וואָס פון זיך אַליין שפּאָט־אָפּ
מיט שמייכל, ווי אויף פּאַרמעט: דאָך רייד, רייד!

פאַנטאַזם

מחבל, כ׳דערווידער דיר! מיט קאַלטן זין,
וואָס נאָר דו קענסט מיר טאָן, איך הייס דיר, טו!
טיראַן פון געטער און פון מענטשן־מין,
בלויז מיך אַליין נישט אונטעריאָכן וועסטו!
לאָז גיין אויף מיר די נגעס דיין,
עסנדיקע קרענק, און שרעק, און וואָן;
און זאָלן ריזוויז פראָסט און פלאַם
מיר שינדן ס׳לייב; דיין צאָרן מעג זיין
אַ בליץ, אַ שניידנדיקער האָגלשלאַג,
און שדים רייטנדיק אויף שטורעמס שאָדנצוג.

נו, פייניק, פייניקער! פאַרדאַרב, פאַרגוואַלט!
כ׳האָב דיר אויף אַלץ געגעבן מאַכט, אַחוץ

אויף דיר אַליין, און ווילן מיין געשטאַלט —
בלאָז בייז אויף מענטשהייט פון דיין הימלשוץ!
זאָל דיין געמיט בייזוויליק, טריב,
פאַרפינצטערן אַלץ וואָס איך האָב ליב;
אויף זיך און מייניקע איך נעם
דיין שנאהס ערגסטן קלאַפּ און קלעם;
און כ'גיב אַזוי מיין קאָפּ שטאָלץ, אומגעבויגן,
צו שלאָפּלאָזן אַנגסט, ווי לאַנג דו מוזסט זיין קיניג אויבן.

נאָר דו וואָס ביסט דער גאָט און האַר, וואָס מיט
דיין זעל די גאָרע וועלט פון ווי פּילסט אָן,
פאַר וועמען אַלץ אויף ערד און הימל קניט
אין יראה פרום און בעטלט פאַר דיין טראָן — —
איך שעלט דיך! זאָל אַ ליידערס פלוך
דיך קלעמען ווי געוויסנברוך,
ביז וואָנען דיין אומענדלעכקייט
וועט הילן דיך אין פּיינלעכקייט;
און דיין אַלמעכטיקייט — — אַ קרוין פון קראַמף,
ווי ברענענד גאָלד אַרום דיין מאַרך אין אויסגעדאַמף.

דיין זעל, מיטן כוח פון מיין קללה, שענד
מיט בייז געטו, און בלייב פאַרשאָלטן דאַן,
ווען גוטס וועט קוועלן אייביק, אָן אַן ענד,
אַרום דיין אייביק פּיינלעך, איינזאָם וואָן.
כאָטש איצט דו זיצסט אַזוי באַזאַכט,
די שעה זאָל קומען ווען דו מוזסט
אַזוי זיך ווייזן ווי דו ביסט;
און נאָך פאַרברעכנס פיל אָן ציל, אָן צוים,
בלויז עקל שליאָכן וועט דיין פאַל דורך ענדלאָז צייט און רוים.

פּראָמעטעוס

האָב איך ס'געזאָגט, אַ מוטער?

די ערד

יאָ, מיין קינד.

פּראָמעטעוס

עס טוט מיר באַנג: דאָס וואָרט איז ראָש און הויל;
איך בין אין צער געווען, און צער איז בלינד.

איך ווינטש קיין זאַך וואָס לעבט צו ליידן גרויל.

די ערד

אוי ווי איז מיר. אוי ווי און ווינד!
אַז יאָוו האָט דיך צולעצט באַצווינגט,
אָ, ווינט און יאָמערט, לענדער, ימען,
מיט מיין צוריסן האַרץ צוזאַמען!
קלאָגט, גייסטער אַלע, טויט און לעבעדיק — —
דער רעטער אייערער, ער ליגט געפאַלן, באַזיגט.

ערשטע עכאָ

ליגט געפאַלן, באַזיגט!

צווייטע עכאָ

געפאַלן, באַזיגט!

יאָנע

אָן שרעק: ס׳איז בלויז אַ ספּאַזם אַזאַ׳ן;
ס׳איז אומבאַזיגט נאָך דער טיטאַן.
נאָר זע, וואו דורכן בלויען שרונט
פון שנייאיק, גאָפּל־שפּיציק היגל,
טראַמפּלענדיק דעם סקאָסנעם ווינט
מיט סאַנדאַלן פון גאָלד געשפּינט
אויף פיס וואָס גליען אונטער פליגל
פורפּור־פאַרביקע און ווייך,
ווי ראָז־געבלוטיקט עלפנביין,
עס קומט אַ פיגור;
אין רעכטער האַנט פאַרויסגעשטרעקטער
אַ שלאַנג־אַרומגעגאַרטלטער סצעפּטער.

פאַנטעאַ

ס׳איז יאָווס העראָלד, וועלט־וואַנדערער מערקור.

יאָנע

און יענע וואָס מיט הידראַ־גריוועס
און אייזן־פליגל רייטן אויף ווינטן,
וועלכע ער צוימט ווי קנוילן סיווע

וואָס דאַמפּן אַרויף פון הינטן,
מיט גרויס געקלאַפּ, אַן ענדלאָז געלאַף —

פּאַנטעאַ
ס׳איז יאָווס געוויטער הינט די דאַרע,
וועלכע ער שטאָפּט מיט זיפּצן און בלוט,
ווען אויף געשפּאַן פון שוועבל־כמאַרע
ער שפּאַלט דעם הימל מיט זיין רוט.

יאָנע
קומען זיי איצט
פון טויט און וויסט
אויף סעודה ביי
פון בלוט און וויי?

פּאַנטעאַ
ווי תמיד דער טיטאַן — אַן גאווה, פעסט.

ערשטע פוריע
האַ! כ׳פיל אַ ריח פון לעבן!

צווייטע פוריע
לאָמיך נאָר
אין זיינע אויגן טאָן אַ פעטן קוק!

דריטע פוריע
די האָפענונג צו פייניקן אים מיר שמעקט,
ווי פאַר דעם פויגל פון טויט אַ פּגרים־באַרג
נאָכן שלאַכט.

ערשטע פוריע
דו וואַגסט נאָך זאַמען, אָ, הערעלד!
מיט מוט, גיהנום־הינט, וואָרום עס קאָן
נאָך מאַיאָס זון אונז מאַכן צו שפּייז און שפּיל —
ווי לאַנג געפעלט מען דעם אַלמעכטיקן?

מערקור
צוריק צו טורעמס אייערע פון אייזן,

און קריצט ביי שטראָמען פייער און געוווי
מיט הונגעריקע ציין! געריאַן, אַרויף!
און גאָרגאָן כימעראַ און ספינקס,
פון אַלע מחבלים די סובטילסטע, זי
וואָס האָט געגעבן טעבעסן גיפטיק וויין
פון געטער: ליבע אומנאַטירלעכע,
און האָס נאָך אומנאַטירלעכער: זיי וועלן
שוין טאָן אייער שליחות.

ערשטע פוריע

אָ, דערבאָרעם זיך!
מיר גייען אויס פון לוסט: נישט טרייב צוריק!

מערקור

טאָ ליגט און שטומט.

אָ, גרויסער ליידנדער!
איך קום צו דיר אָן ווילן, דורכויס אָן ווילן,
געטריבן בלויז פון גרויסן פאָטערס ווילן
אויף דיר אַ בייזן משפט אויסצופירן
פון ניי נקמה. אָך! איך לייד מיט דיר
און כ׳האָס זיך זעלבסט פאַרוואָס כ׳קען מער נישט טאָן.
ווען נאָר איך קער זיך אום פון דיר, דער הימל
פאַר מיר ז׳גיהנום לאַנג — ווייל טאָג און נאַכט
פאַרפאָלגט מיך דיין געשטאַלט דאָס ליידנפולע,
מיט ביטער פאַרוואורף שטענדיק שמייכלענדיק.
געוויס, ביסט קלוג, שטאַרקווילנדיק און גוט,
און פאַרט אומזיסט דיין פרווו צו שטיין אַליין
אין שטרייט אַנטקעגן דעם אַלמעכטיקן;
ווי יענע קלאָרע לאָמפּן וואָס טיילן פאַנאַנד
דעם גאַנג פון צייט אין שווערע מידע יאָרן,
פון וועלכע קיין שום רעטונג איז נישטאָ,
האָבן אונדז געלערנט לאַנג, און מוזן אונדז
נאָך לענגער לערנען. זע, דיין פייניקער,
ער גורט איצט אָן מיט מאַכט פאַרבאָרגענער
די כוחות וועלכע טראַכטן־צו פאַר דיר
יסורים אומגעהערטע, לאַנגזאַמע,
און מיין שליחות איז צו פירן זיי,

און נאָך פֿיל מער מחבלים ניי און ווילד
פֿון טיפֿעניש פֿון תהום אַרויס, אויף דיר.
זאָל נישט געשען אַזוינס! פֿאַראַן אַ סוד,
וואָס דו בלויז ווייסט און קיינער נישט חוץ דיר,
וואָס אומבייטן קאָן דעם הימלשן רעזשים,
און ס'האַלט אין קלעם דעם האַר דעם אויבערשטן:
אין ווערטער טו אים אָן און צו זיין טראָן
זאָל פֿאַלן ער און זיך פֿאַר דיר באַמיען;
דיין שטאָלצע זעל אין תפֿילה בויג, און גלייך
ווי אַ בעל־תשובה אין אַ רייכן טעמפּל,
דיין ווילן זאָל קניען אין דיין גאַוודיק האַרץ,
ווייל תשובה, תפֿילה און געבראָכן געמיט
די האַרטסטע הערשער־הערצער צוימען איין.

פּראָמעטעוס

דער רשע אַלץ וואָס גוט אויף זיין נאַטור
מאַכט איבער. איך האָב אים געגעבן אַלץ
וואָס ער פֿאַרמאָגט; דערפֿאַר באַצאָלט ער מיר
מיט פּיין און קייטן יאָרנטויזנטער,
עפּאָכעס, נעכט און טעג: אָדער די זון
מיך בראָט און שפּאַלט די איינגעטריקנטע הויט,
אָדער דער שניי מיט פֿליגל קרישטאָלענע
אין לבנה־נעכט צו לייב מיינס פֿאַלט און קלעפּט; —
בעת מיין געליבטער מין געטראָטן ווערט
פֿון שליחים־אויספֿירער פֿון זיין פֿאַרלאַנג.
אַזוי באַצאָלט מיר דער טיראַן, כ'פֿאַרשטיי:
דער שלעכטער קען קיין גוטס נישט צונעמען,
און פֿאַר אַ וועלט געשאָנקען אָדער פֿאַר
אַ פֿריינט פֿאַרלוירן קען ער פֿילן האַס,
אויך מורא, שאַנד, נאָר נישט קיין דאַנקבאַרקייט;
דאָס צאָלט ער מיר פֿאַר זיינע אייגענע זינד.
גוטסקייט צו אים איז בייסיק פֿאַרוווּרף בלויז,
וואָס וועקט נקמה פֿון איר גרינגען שלאָף.
זיך אונטערגעבן — דאָס קען איך נישט, דו ווייסט:
בלייבט איינס וואָס ער קען נעמען און איך אים געבן:
ס'פֿאַטאַלע וואָרט וואָס איז דער זיגל פֿון טויט
פֿאַר מענטשהייטס שקלאַפֿעריי, און הענגט כּסדר

ווי דעם סיציליערס שווערד בלויז אויף אַ האָר
איבער זיין קרוין, — און דאָס איך גיב נאָך נישט.
זאָל ווער עס וויל נאָך חנפנען פאַרברעך
אויף טראָן אין קורץ אַלמאַכט — ער שטעלט נישט איין;
ווייל די גערעכטיקייט אין איר טריומף
וועט רעגענען חסד אויף דער ערד, נישט שטראָף,
צו לאַנג אַליין פון אומרעכט שווער געשטראָפט.
דערווייל איך לייד און וואַרט אויף יענער שעה
פון צאָלונג, וועלכע זאַמט זיך, דאָך — זי קומט.
הער־צו: עס ליאַרעמען שוין די גיהנום־הינט;
אָן שהיות: זע, דער הימל כמורעט זיך
אונטער דיין פאָטערס צאָרנדיקן בליק.

מערקור

אַך, ווען מיר קענען נאָר פאַרמיידן — איך
צו שטראָפן, דו צו ליידן! זאָג מיר דאָך:
ווען קומט דער קץ צו מאַכט יופּיטערשער?

פּראָמעטעוס

איך וויס בלויז איינס — עס מוז זיך ענדיקן.

מערקור

ווי, קענסט נישט ציילן וויפיל יאָרן נאָך
פון פּיין דיר שטייען פאָר?

פּראָמאָטעאוס

זיי האַלטן אָן

ווי לאַנג יופּיטער מוז נאָך קיניג זיין;
פאַר מער צי ווייניקער — קיין וווּנטש, קיין פאָרכט.

מערקור

פאָרט טראַכט אַריין זיך אין דער אייביקייט,
ווו צייט פאַרצייכנטע, אַריינגערעכנט
די פאָרגעשטעלטע צייטן פון אוראַלט,
איז קוים אַ פינטל, און ס'שלעפּט זיך נאָך דער שכל
נישט ווילנדיק און מיד אין איר געלאָף
דעם אומאויפהערלעכן, ביז ער פאַלט אַוועק

צומישט, פֿאַרלוירן, אָן אַן אָנהאַלט, בלינד;
און אפשר קען אַפֿילו ער נישט ציילן
די לאַנגע יאָרן פֿון אומגעלינדערט פּיין,
וואָס שטייען דיר נאָך פֿאָר?

פּראָמעטעוס

עס איז געמאָלט,
אַז ס'קען דער שׂכל זיי נישט ציילן, דאָך
זיי גייען פֿאַריבער.

מערקור

ווען דו וואָלסט דערווייל
געקענט אַ גאָט צווישן געטער זיין, זיך באָדן
אין איבערפֿליסיק לוסט?

פּראָמעטעוס

כ'וויל נישט פֿאַרלאָזן
דעם וויסטן באַרג, מיין אומבאַדויערט פּיין.

מערקור

אָך! ס'וווּנדערט מיך, און דאָך האָב איך רחמנות.

פּראָמעטעוס

רחמנות האָב אויף הימלס זעלבסט־האַסנדע שקלאַפֿן,
נאָר נישט אויף מיר, וואָס אין מיין גייסט הערשט רו
און לויטערקייט, ווי ליכט אין העלער זון.
אומזיסט די רייד — די מחבלים דיינע רוף.

יאָנע

אָ, שוועסטער! זע! אַ ווייסער פֿלאַם האָט דאָרט
ביז סאַמע וואָרצלען דורך־און־דורך צושפּאָלטן
אַט יענעם שניי־באַפּעלצטן צעדער־ריז;
ווי מוראדיק גאָטס צאָרן דונערט אונטן!

מערקור

פֿאַרפֿאַלן! איך מוז שוין פֿאָלגן זיין וואָרט און דיינס;
אוי וויי! ווי שווער ס'געוויסן פֿאַלט אויפֿן האַרץ!

פאַנטע

קוק ווי דאָס קינד פון הימל מיט פליגל־פּיס
לאָזט זיך אַראָפּ מיטן בויגן פון דעם קאַיאָר.

יאַנע

פאַרשטעל די אויגן, שוועסטער מיינע, גיך
מיט דיינע פליגל, זאָלסט נישט זען און שטאַרבן.
זיי קומען אָן; זיי קומען און פאַרשוואַרצן
דעם טאָגס געבורט מיט פליגל, פליגל פיל,
און אונטער זיי איז הויל אַזוי ווי טויט.

ערשטע פוריע

פּראָמעטעוס!

צווייטע פוריע

אומשטערבלעכער טיטאַן!

דריטע פוריע

טשאַמפּיאָן פון הימלשע שקלאַפן!

פּראָמעטעוס

דער וואָס ווערט

גערופן פון אַ גרויליק קול איז דאָ,
דער קייטן־געשמידטער טיטאַן, פּראָמעטעוס.
און איר געשטאַלטן העסלעכע ווער זייט?
ס'איז נאָך אַזאַ מין מיאוס געשפּענסטערוואַרג
פון אַל־בייזשאַפנדיקן מאַרך פון יאָוון
פאַר זיין גיהנום מאָנסטער־ווימלנדיק
נישט צוגעטראַכט געוואָרן; ווען איך זע,
אַזעלכע העסלעכע באַשעפענישן,
מיר דאַכט, איך ווער אַליין ווי וואָס איך זע,
און כ'לאַך און שטאַר מיט גרויליק מיטגעפיל.

ערשטע פוריע

מיר זיינען אויסטיילער פון שרעק און פיין,
אַנטוישונג, האַס, אומגלויבן און קלעפּיק זינד;
און גלייך ווי הונגעריקע הינט וואָס יאָגן

דורך וואַלד און וואַסער אַ געשאָסן אינדל
אַ בלוטנדיקס, אַזוי פאַרפאַלגן מיר
יעטווידער זאַך וואָס וויינט, און בלוטיקט און לעבט,
ווען ס׳גיט דער גרויסער האַר דאָס אָפּ צו אונדז.

פראָמעטעוס

אָ, איר נאַטורן פילפאַך שרעקפולע
אונטער איין נאָמען, כ׳בין מיט אייך באַקאַנט,
און דאָ אַרום די אָזערעס און עכאָס
זיי קענען שוין פון פליגל אייערע
די טיפע פינצטערניש און רויש פון שרעק.
נאָר העסלעכער פון אייגן העסלעכקייט
איר קלייבט זיך איצטער מחנותווייז פון תהום.

צווייטע פוריע

מיר האָבן דאָס נישט געוווּסט: פרייד, שוועסטער, פרייד!

פראָמעטעוס

קען ווער זיך גרויסן מיט אייגן העסלעכקייט?

צווייטע פוריע

פון גלוסט דער אָפּשיין די געליבטע פרייט
זיך קוקנדיק אין די אויגן: אַזוי מיט אונדז.
ווי פון דער רויז, ווען בלאַסע פריסטן קניט
זי אָפּצורייסן פאַר יום־טוב־בלומענקראַנץ
אַ רויטער אָפּשייַן פאַלט אויף בלייכער באַק,
אַזוי פון אונדזער קרבנס באַשערטער פּיין
דער שאָטן, וואָס אונדזער פאָרם איז, הילט אונדז איין,
אַנישט, מיר זייַנען אָן געשטאַלט, אָן פאָרם,
ווי אונדזער מוטער נאַכט.

פראָמעטעוס

כ׳לאַך אויס די מאַכט

פון אייך, ווי אויך פון דעם וואָס ט׳אייך געשיקט,
מיט גרויס פאַראַכט. גיסט אויס דעם כוס פון פּיין.

ערשטע פוריע

ווייסטו אַז מיר׳ן דיך רייסן ביין פון ביין

און נערוו פון נערוו, ווי פייער טיף אין דיר?

פראמעטעוס

פיין איז מיין עלעמענט, ווי האס איז אייערס;
קומט רייסט מיך שוין; כ'בין גרייט.

צווייטע פוריע

שטעלסטו זיך פאר,
מיר'ן לאכן בלויז אין שטארע אויגן דיר?

פראמעטעוס

איך טראכט נישט וואס איר טוט, נאר ווי איר ליידט
פון אייגן שלעכטס. ווי גרויזאם ז'דער וואס ט'אייך,
צי אנדערש־וואס ווי איר, געבראכט צו ליכט.

דריטע פוריע

און מאל דיר נאך, אז מיר'ן איינציקווייז
דורך דיר ווי חיהש לעבן צירקולירן,
און כאטש מיר קענען נישט פארלעשן די זעל
וואס ברענט אין דיר, אז מיר'ן באזעצן זיך
לעבן איר — א שרייענדיקער ערב־רב,
וואס זעגט די זיכערקייט פון גרעסטן גייסט;
אז מיר'ן זיין שרעק־געדאנק ביי דיר אין מוח,
און אומריין גלוסט ארום דערשטויגטן הארץ,
און בלוט אין דיינע אדערן־לאבירינטן,
ווי גסיסה קריכנדיק.

פראמעטעוס

דאס זענט איר איצט
שוין אויך; און דאך בין איך דער קיניג נאך
אויף זיך און איך באהערש די דראנגעגן ווילד,
וואס רייסן פיינלעך זיך ארום אין מיר,
ווי אייך יופיטער טעניקט אונטער גיך,
ווען דער גיהנום הויבט זיך אויף אין בונט.

כאר פון פוריעס

פונעם עק פון דער ערד, פונעם עק פון דער ערד,

ווו די נאַכט גייט אין גרוב און דער טאָג דאָרטן ווערט,
קומט, קומט, קומט!
אָ, איר וואָס טרייסלט בערג מיטן שאַל פון אייער פרייד,
וועו שטעט זינקען אין מיט געיאָמער אין תהום;
איר וואָס טראַמפּלט אָנפליגלדיק איבערן ים
און באַגלייט אַלע שליאַדן פון שיפבּרוך און נויט,
און איר זיצט אויף די חורבות פלאַפּלענדיק לוסטיקע רייד,
קומט, קומט, קומט!
לאָזט די בייט, טיף, קאַלט און רויט,
געשפרייט אונטער פעלקער טויט;
לאָזט דעם האַס, ווייל אין דעם אַש
איז דאָ פייער פאַר נייעם בראַנד;
עס וועט ווידער פלאַמען, קראַכן —
נאָכן אומקער איר וועט עס מאַכן;
לאָזט דעם זעלבסטפאַראַכט געבראַנדט
אין יונג־הערצער זין־באַצויבערט,
פאַר ביי פלאַם געגרייטע שפּיז;
לאָזט דעם סוד פון העליש שוידער,
וואָס איר׳ט בלויז האַלב באַזונגען,
אויף מאַניאַק דעם טרוימערס פּלייס;
גרויזאַם מער איז ער פון שרעק,
ווי איר פון האַס.
קומט, קומט, קומט!
מיר ברויזן־אויף פון דעם גיהנומס דעק
און לאָדן־אָן מיט גאַז די אַטמאָספער,
נאָר אומזיסט די מי ביז איר קומט אַהער.

יאַנוס
שוועסטער, איך הער דעם רויש פון נייע פליגל.

פאַנטאַ
פון דעם געדויש עס צאַפּלען־אויף די בערג,
פּונקט ווי די דין־ווייברירנדיקע לופט;
פון זיי די שאָטנס מיינע פליגל־שפּאַלטן
מאַכן שוואַרצער נאָך ווי די טיפע נאַכט.

ערשטע פוריע
אייער רוף, ווי אַ פליענדער וואָגן,

האָט אונז אויף וויכערס גיך געטראָגן;
ער׳ט אונדז פֿאַרכאַפּט אינמיטן זיג,
פֿון רויטע אָפּגרונטן פֿון קריג.

צווייטע פּוריע
פֿון שטעט צו הונגער פֿאַרדאַמט;

דריטע פּוריע
קרעכצן קוים געהערט, בלוט קוים געטעמט;

פערטע פּוריע
מלוכה־ראַטן האַרט און קאַלט,
וואו בלוט ווערט געטוישט אויף גאָלד;

פינפטע פּוריע
פֿון קאַלעכאויוון ווייס געגליט,
ווי —

אַ פּוריע
מער קיין וואָרט, קיין שאָרעך ניט!
כ׳ווייס אַלץ וואָס איר צו זאָגן גאַפט,
נאָר זאָגט איר אויס, פֿאַרשווינדט די קראַפט,
וואָס מוז בויגן דעם אומבויגזאַמען טיטאַן —
נאָך שטייט ער אונדז אַנטקעגן ווי אַ וואַנט.

אַ פּוריע
רייס דעם שלייער!

אַן אַנדער פּוריע
צוריסן!

כאָר
בלאַסע שטערן פֿון פֿאַרטאָגן,
אייער שיין פֿאַלט אויף שמערצן אָ גרויל צו פֿאַרטראָגן.
פֿאַלסט חלשות טיטאַן? מיר פֿאַרלאַכן דיך צו שאַנד.
דו ביסט שטאָלץ, וואָס אין מענטש דו האָסט קלאָרן פֿאַרשטאַנד
אויפגעוועקט? ס׳האָט אין אים נאָר אַ דאָרשט אָנגעצונדן —

ווו אַ וואַסער — פאַרטריקנט, ווו אַ טראָפּן — פאַרשוווּנדן;
אַזאַ דאַרשטיקער פיבער פון האָפנונג, איפּער,
ליבע, צווייפל און תאווה פאַרצערט אים אָן אויפהער.
איינער איז געקומען ליב
אויף דער ערד מיט שמייכל טריב;
נאָר זיך וואַרט נאָך אים געוועדט,
ווי אַ גיפט וואָס עסט, פאַרצערט
אמת, שלום, מיטלייד.
זע! אַרום דעם האָריזאָנט
וויפיל שטעט מיליאָן־באַוואוינט
שפּייען רויך אין בלויער ווייט.
הער דעם יאוש אויסגעשריי!
ס'קלאָגט זיין גייסט דער מילדער, ווײ,
אויפן גלויבן וואָס ער'ט געהויבן.
זע! דער פלאַם ז'געוואָרן בלויז
אַ גלי־וואָרעמס לאָמפּ די גרויס;
פליטים נאָך אַרום די קוילן
טוליען זיך און גרוילן.

פרייד, פרייד, פרייד!

עברס עראָס דריקן דיך, און יעדע מאָנט־אָפּ,
און דער עתיד איז שוואַרץ, און דער הווה זיך שפּרייט,
ווי פון דערנבער אַ קישן פאַר דיין שלאָפלאָזן קאָפּ.

האַלב־כאָר 1

טריפן טראָפּנס אַנגסטן בלוטיק
פון זיין בלאַס געזיכט אַנמוטיק — ·
זאָל אַ ווייל זיין ווי פאַרגיין;
זעט: אַ פאָלק דערלייזט און פריי
פון דעם חורבן שפּראָצט אויפסניי,
ווי דער טאָג פון נאַכטס געביין;
אמת־פרייהייט, צווילינג־פּאָר,
פירן אים אויף העלער וואָר,
און געשלאָסן רייען ברידער,
ליבע רופט זיי קינדער —

האַלב־כאָר 2

ווידער:

זעט ווי ס'מאָרדעט מענטש זיין מין!

שניט־צייט הײנט פֿאַר טויט און זינד;
בלוט ווי ביי־ווײַן שוימט און רינט,
ביז דער יאוש דערשטיקט
די געפּלאָגטע וועלט וואָס ליגט
אונטער פּיס פֿון קנעכט און טיראַנען צודריקט.
(אַלע פּוריעס פֿאַרשווינדן, חוץ איינער.)

יאַנע

האָרך, שוועסטער! שטיל און אימהדיק אַ זיפֿץ
רײַסט דורך דאָס גוטע האַרץ פֿון דעם טיטאַן,
ווי שטורעמס רײַסן דורך די טיפֿעניש
און ווילדע חיות הערן ס׳זיפֿצן פֿון ים
אין ווײַטע הילן. און דו קענסט צוזען נאָך
ווי די טייוואָלים פּײַניקן אים אַזוי?

פֿאַנטאַ

אוי וויי! צוויי מאָל געקוקט — איך וועל נישט מער.

יאַנע

וואָס ׳סטו געזען?

פֿאַנטאַזם

אַ שמערצלעך בילד: אַ יונג
געדולדיק קוקט אַראָפּ פֿון קרוציפֿיקס.

יאַנע

וואָס נאָך?

פֿאַנטאַ

דער הימל אויבן, אונטן די ערד
געדיכט מיט מענטשלעך טויט אין פֿאָרמען פֿיל
פֿון גרויל. און אַלץ פֿון מענטשנס הענט געמאַכט;
פֿאַראַן אויך טויט וואָס קומט פֿון מענטשנס האַרץ,
ווײַל מ׳קען אויך טויטן מענטשן ביסלעכווײַז
מיט מילדע שמייכלען ווי מיט בייזקייט ווילד.
און נאָך פֿאַר מײַנע אויגן איז פֿאַרלאָפֿן —
צו שרעקלעך דאָס צו זאָגן און לעבן בלײַבן.

לאָמיר נישט מאַכן גרעסער נאָך דעם גרויל
מיט אונדזער קוקן — הערן איז צער גענוג.

פּורים

קוק־אָן אַ צייכן: זיי לײַדן פֿאַרן מענטש
צרות, אוז שפּאָט, און קײַטן, און כּפּלען נאָך
טויזנטמאָל די פּלאָגעניש פֿאַר זיך און אים.

פּראָמעטעוס

לעש אויס דעם צער פֿון דעם געצונדענעם בליק;
שליס־צו די בלייכע ליפּן; זאָל ס׳געזיכט
דאָס דאָרן־צעוווּנדיקטע נישט שטראָמען מער
מיט בלוט — עס מישט מיט דײַנע טרערן זיך.
פֿאַרגלעז די אויגן די פֿאַרפּײַניקטע
אין רו און טויט. עס זאָל דיך גסיסה־קראַמף
נישט טרייסלען, טרייסלען אָט דעם קרוציפֿיקס,
די בלייכע פֿינגער זאָלן נישט קנעטן, קנעטן
ס׳פֿאַרגליווערט בלוט דײַנס. אָ, גרויליקער!
איך וועל דײַן נאָמען נישט דערמאָנען מער.
ער איז געוואָרן בלויז אַ קללה וואָרט.
איך זע חכמים, נאָבל־גײַסטיקע,
גערעכטיקע, פֿאַרהאַסט פֿון דײַנע שקלאַפֿן
פֿאַר זייער ענלעכקייט צו דיר: זיי ווערן —
אַ טייל פֿאַרהעצט פֿון זייער האַרצנסהייב
אַ פֿרײַ־פֿאַרהעצטע שפּעט־באַקלאָגטע היים,
דורך מיאוסע ליגנס, ווי אָנצן*) פּעלציקע
אין אינדן אײַנגעביסן אין געיעג;
אַ טייל צו מתים צוגעקייטלט אין צעלן
פֿון טויט פֿאַרפּעסטעטע; אַ טייל — זיי ווערן
געבראָטן לאַנגזאַם אויף אַ פֿייער קליין.
און ס׳שוועבן פֿאַרביי מיר מלוכות מעכטיקע,
ווי אינדזלען אויסגעוואָרצלטע אין ים,
מיט זין געטראַמפּלטע אין געמיינזאַם בלוט
אין רויטן שײַן פֿון ברענענדיקע היימען.

---

*) קליינע ווילדע חיות פֿון די הימאַלאַיען־בערג, ענלעך אויף פּאַנטערס.

פוריע

זעסט בלוט און פייער, און דו הערסט די זיפצן;
נאָר ערגערס, נישט געהערט און נישט געזען,
דאָס בלייבט נאָך איבער.

פראָמעטעוס

ערגערס, נאָך?

פוריע

פאַרוואָר;
דער גרויל אין מענטשנס האַרצן לעבט אַריבער
דעם חורבן דעם שוין איינגעשלונגענעם.
די גרעסטע ציטערן אַמאָל פאַר דעם,
פון וואָס זיי שעמען זיך דערנאָך אַליין;
צביעות און הרגל מאַכן זיי די קעפּ
פאַר טעמפּלען פון אמונות אַלט און פויל;
עס פעלט זיי מוט דאָס גוטס פאַר מענטשנס אַרב
צו מאַכן, נאָר זיי וויסן נישט וואָס זיי פעלט.
די גוטע, זיי פעלט מאַכט — אויף טרערן גיסן;
די שטאַרקע גוטסקייט פעלט, און ס'פעלט זיי שטאַרק;
די קלוגע ליבע פעלט; די ליבנדע,
זיי פעלט אויס שכל; אַזוי איז אַלץ געמישט —
דאָס בעסטע מיט דעם ערגסטן איז געקניפּט.
פיל זיינען רייך און שטאַרק און וואָלטן וועלן
גערעכט זיין אויך, און דאָך אין מיט פון נויט
זיי לעבן ווי ס'וואָלט קיין מיטלייד נישט געווען.
זיי וויסן גאָרנישט וואָס זיי טוען אַליין.

פראָמעטעוס

די רייד פון דיר — אַ כמאַרע פלעדער־שלאַנגען;
און דאָך איך האָב רחמנות נאָר אויף די
וועמען זיי פייניקן נישט.

פוריע

דו האָסט אויף זיי

רחמנות, זאָגסטו? ניין, איך רייד מער נישט.

(פאַרשווינדט)

פראָמעטעוס

ווי, ווי! ווי מיר! ווי תּמיד, תּמיד ווי!
איך שליס די אויגן מײַנע טרערלאָזע,
אָבער איך זע נאָך קלאָרער דײַנע ווערק
אין מײַן פּון ווי באַלויכטענעם געדאַנק.
דו ביסט סובטיל, טיראַן! אין קבר בלויז
פֿאַראַן איז פֿרידן; די גרוב באַהאַלט אַלצדינג
וואָס שײַן און גוט, און איך, אַ גאָט, קען דאָרט
דאָס נישט געפֿינען, און איך זוך עס נישט;
ווארום הגם ס׳איז שווידערלעך דײַן שטראָף,
עס איז פֿאַר דיר מפּלה, נישט נצחון.
די סצענעס וואָס דו ווײַזט צו פּײַניקן מיך,
זיי גורטן־אָן מײַן זעל מיט מער קוראַזש,
ביז יענע שעה וועט קומען ווען אַזוינס
וועט מער נישט זײַן צווישן זאַכן וואָס זײַנען.

פֿאַנטאַזם

אַך! וואָס האָט ער אַזוינס געוויזן דיר?

פּראָמעטעוס

פֿון איבלען צווײ, צו זען דאָס שלעכטס און ס׳זאָגן,
פֿאַרשפּאַר מיר אײנס. עס זײַנען נעמען דאָ,
פֿאַראַן הײליקע פֿון דער נאַטור,
מ׳האָט זיי געטראָגן הויך, העל בלאַזאָנירט;
די פֿעלקער האָבן זיך געזאַמלט אַרום
און מיט איין קול געשריען אין דער הויך:
אַ אמת, פֿרײַהײט, ליבע, ברודערשאַפֿט!
נאָר פּלוצים אָנגעקומען איז פֿון הימל
בהלה: שטרײַטיקײט, פֿאַרראַט, טעראָר.
טיראַנען זײַנען אין דער מיט אַרײַן,
און אײַנגעטײלט דאָס רויב פֿאַר זיך. דאָס איז
דער שאָטן פֿון דער וואָר געוויזן מיר.

די ערד

איך האָב, מײַן זון, געפֿילט דײַן פּײַניקונג
מיט ג׳מישטער פֿרייד, ווי פּײַן מיט טוגנט גיט.
צו מונטערן דיך געמיט איך רוף אַרויס

די שיינע גייסטער, איידל און סובלים,
פון דעמער־הײלן פון דעם מענטשנס מוח,
און גלייך ווי פייגל פליגלען־אָן דעם ווינט,
אַזוי באַפליגלען זיי די דינע לופט
פון דעם געדאַנק וועלט־אומפּאַסנדיק. פון דאָרט,
אַריבער יענעם בין־השמשות ראַנד,
זיי קוקן־אָן די צוקונפט ווי אין גלאָז.
זאָלן זיי אַ טרייסט דיר ברענגען.

פּאַנטעאַ

שוועסטער, קוק!
אַ מחנה גייסטער דאָרט זיך זאַמלט, זאַמלט,
ווי וואָלקן־טשערעדעס אויף פרילינג־הימל,
צונויפגעדרונגען אין דער בלויער לופט.

יאָנע

און זע! עס קומען נאָך פון אומעטום,
ווי ראָסעס ווייס, ווען ווינטן הענגען שטום,
אויף דער ראַווינע שטייגן אין רייען קרום.
און הער! איז דאָס פון טאַנען די מוזיק?
איז דאָס דער קוואַל? איז דאָס דער וואַסערפאַל?

פּאַנטעאַ

ס'איז זיסער פיל און פיל מער אומעטיק.

גייסטער־כאָר

פון אומגעדענקטע אור־עפּאָכן
מיר זיינען היטער פון דעם שוואַכן
שקלאַף פון הימלס שווערע יאָכן;
מיר אָט'מען איין, נישט ווערנדיק קראַנק,
די אַטמאָספער פון מענטשס געדאַנק.
צי ס'איז מאַט און גרוי און לויז,
ווי אַ טאָג שטורעם־פאַרלאָשן,
אָט־אַ צוקט אַ שטראַל, און אויס;
צי ס'איז העל, ווי אַלץ צווישן
הימלען ריין און וואַסער גלאַט,
רואיק, פליסיק, שטיל און זאַט;

ווי די פייגל אין דעם ווינט,
ווי די פיש אין גאַנג פון שטראָם,
ווי דעם מענטשנס שׂכל שווימט
דורך אַלצדינג וואָס איבער תהום;
מיר האָבן דאָרט אונזער וואוינאָרט,
שוועבן ווי וואָלקנס נישט געקלעמט
דורך אומענדלעך עלעמענט;
פון דאָרט די נבואה ברענגען מיר,
וואָס הויבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס אין דיר.

יאַנע
נאָך קומען איינציקווייז; עס שטראַלט די לופט
אַרום זיי, ווי די לופט אַרום אַ שטערן.

ערשטער גייסט
אויף אַ שלאַכט־טרומייטערס שאַל
כ׳בין געפלויגן שנעל, שנעל, שנעל
אין געדיכטן חשכות־פאַל.
פונעם שטויב פון גלויבנס הויל,
פון טיראַנענס פענער פויל,
ס׳האָט געטראָגן זיך אַ קנויל
פון געשרייען הין, צוריק:
— פרייהייט, האָפנונג, טויט צי זיג!
ביז פאַרגאַנגען אַלץ איז שטום;
נאָר איין קלאַנג נאָך אומעטום,
אום־אַרום, אונטן, אויבן,
נאָר איין קלאַנג איז נאָך פאַרבליבן;
ס׳איז געווען די זעל פון ליבע,
די האָפענונג, דער אַנזאָג־שיר,
וואָס הויבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס אין דיר.

צווייטער גייסט
אַ רעגנבויגן, בונטער פלאַם,
איבער כוואַליעדיקן ים
אומבאַוועגלעך איז געשטאַן;
און דער שטורם זיך טראָגנדיק,
ווי אַ זיגער יאָגנדיק,

האָט געשטויסן און געוויגט
אין מישמאַשיקן געדראַנג
וואָלקן־מאַסן — זיין געפאַנג,
יעדער וואָלקן בליץ־געקראַכט;
ס׳האָט דער דונער גראָב געלאַכט:
פלאָטן מעכטיקע צעפראַכט,
און אויף וואַסער־פלאַך זיך שפרייט
קאַרגיוואַל פון גרויל און טויט.
כ׳בין אַראָפ אויף זעגל־שפיץ
פון אַ שיף צעפלאַצט פון בליץ,
און פון דאָרט, ווי פייל פון בויגן,
אויף אַ זיפץ אַהער געפלויגן,
אַ זיפץ פון דעם וואָס האָט אַ פיינט
אָפּגעטראָטן זיין רעטונג־פלאַנק
און געשפרונגען צום אונטערגאַנג.

דריטער גייסט

כ׳האָב געוואַכט ביי חכמס בעט,
און דער לאָמפ האָט רויט געגלעט
ס׳אָפן בוך וואָס ט׳אים געזעט;
ווען אַ חלום פלאַם־און פלים
קומט צופלאַטערן איבער אים;
ווייס איך אַז דער זעלבער טרוים
האָט אַמאָל געצונדן שוין
מיטלייד, עלאָקווענץ, געוויין,
און עס האָט די וועלט געקליידט
אויף אַ ווייל זיין שאָטן רויט.
ער האָט מיך געבראַכט אַהער
מיט דער שנעלקייט פון באַגער;
באַלד ער מוז צוריק מיך טראָגן
איידער ס׳קומט אַ נייער מאָרגן,
ווייל דער חכם ט׳אויפשטיין און זאָרגן.

פערטער גייסט

כ׳בין געשלאָפן אויף פאָעטס ליפ
און געחלומט ווי פאַרליבט
אין זיין אָטעמס קלאַפ־און־קליפ;

נישט ער זוכט און נישט ער האָט
ערדיש גליק, נאָר זיין באַראָט
איז קושן זיך מיט בילדערניש
פון געדאַנקס ברייט ווילדערניש.
פון פאַרפרי ביז העט פאַרנאַכט
ער קען קוקן טיף פאַרטראַכט,
ווי פון וואַסער רעפלעקטירט
די זומערזון אילומינירט
די געלע בין אין וויינריב־צוויט,
און נישט ס'אַרט אים, נישט ער ווייסט
וואָס דאָס איז און ווי דאָס הייסט;
נאָר דערפון באַשאַפן ער טוט
געשטאַלטן פון מערווירקלעכקייט,
ווי דער לעבעדיקער מענטש,
פלאַנצן פון אומשטערבלעכקייט!
איינס פון זיי האָט מיך דערוועקט,
קום איך לייכטן דיר דיין ברעג.

יאַנע

פון מזרח, מערב צוויי געשטאַלטן, זעסט?
זיי גליטשן זיך אויף פליגל גלייך אַהער,
ווי טויבן צוויי צו איין באַליבטער נעסט,
אַ זויגלינג־צווילינג פון דער אַטמאָספער.
און האָרך! ווי זיס און טריב ס'איז זייער געזאַנג!
ס'איז יאוש ג'מישט מיט ליבע, צעלאָזט אין קלאַנג.

פאַנטאַ

קאָנסט ריידן, שוועסטער? מיינע ווערטער שטאָקן.

יאַנע

די שיינקייט זייערע, זי גיט מיר קול.
זע ווי זיי שוועבן אויף פליגל פון הימל־געמאָל,
אָראַנדזש און הימלבלוי מיט גאָלד־באַצי;
זיי צינדן די לופט מיט שמייכלען ווי שטערן־גלי.

גייסטער־כאָר

האָסטו ס'געשטאַלט פון ליבע אָנגעקוקט?

פינפטער גייסט

וווי כ'בין געפלויגן

אַריבער לענדער, גלייך אַ וואָלקנדל פלינק און אויפגעלויכטן
דורך לופטס געראַמע ווילדערנישן, ווי אַ פייל פון בויגן,
האָט דאָס פּלאַנעט-געקרוינט געשטאַלט אויף פליגל בליץ־געפלאָכטן
פאַרבייגעציקט און ברייט געשפרייט מיט לעבנס פליסיק פרייד:
די טריט פון זיינע פיס געפלאָסטערט האָבן די וועלט מיט ליכט;
נאָר ווי איך בין פאַרביי אַזוי איז דאָס ווי רויך פאַרגאַנגען,
און אומקום האָט מיט שרעק געגלאָצט אין יעדערנס געזיכט:
חכמים — אומבאַזינט פאַרלוירן, פון שיגעון געפאַנגען,
און אָפּגעקעפּטע פּאַטריאָטן ליגן הפקרדיק ווי מיסט,
און בלייכע יונגעלייט שטיל אומגעבראַכטע אָן אַ פּיפּס.
האָב איך אַרומגעוואָנדערט אַלץ ביז, קיניג דו פון לייד,
האָסט מיט דיין שמייכל געמאַכט פון ערגסטן גרויל דערינערט פרייד.

זעקסטער גייסט

אַך שוועסטער! אומקום איז אַ דעליקאַטע זאַך:
עס גייט ניט אויף דער ערד, עס שוועבט ניט אין דער לופט,
נאָר שלעפערט איין מיט שאַר פון פיס און בלעזלט אויף
מיט פאַך פון פליגל האָפנונגען צאַרט אַ סך,
וועלכע די נאַבלסטע אין האַרצן טראָגן לאַנג;
און דאַן, פאַרוויגט פון פאַלשן פאַך פון פליגל טריבע,
און אונטער דער מוזיק פון ריטמיש־ווייכן גאַנג,
זיי טרוימען הימליש גליק, און רופן דעם שאָטן — ליבע,
ווי ער אָט דאָ, פון אונז אַצינד געגריסט מיט פרייד.

כאָר

מעג דער חורבן זיין נאָך איצטער
ליבעס שאָטן, איר פאַרוויסטער;
מעג ער פלאָגן אירע טריט
אויף דעם טויטס געפליגלט פערד,
וואָס דער פלינקסטער נישט פאַרפליט,
טראַמפּלענדיק מיט דער ערד
מענטש און חיה, צדיק, שופט,
ווי אַ וויכער דורך דער לופט;

דו וועסט דאָך דערשלאָגן אים,
יענעם רייטער האַרט און גרים,
כאַטש אַן וואונד און אַן אַ מום.

פּראָמעטעוס

ווי ווייסט איר, גייסטער, וואָס ס'וועט קומען?

כאָר

אין דער אַטמאָספערע וואָס
מיר אָטעמען, ווו מיר שווימען;
ווי די קנאָספּן ווערן ראָז
ווען די זאַווערוכעס אָנטרינען
פון פרילינג, ווען ער קלייבט זיך אונטן,
און ס'נעמען זיינע לינדע ווינטן
טרייסלען לייכט דעם פלידער־קוסט;
דאַן דער וואַנדערער פאַרשטייט,
אַז דער ווייסדאָרן באַלד זיך שפּרייט;
חכמה ,רעכט, ליבע, לוסט,
ווען זיי ראַנגלען זיך צום וווקס,
זיינען אָנזאָגער פאַר אונדז
ווי פאַר שאַפיונג ווינטן לינד —
די נבואה, דער אָנזאָג־שיר,
וואָס הויבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס אין דיר.

יאָנע

נישטאָ די גייסטער שוין?

פאַנטעאַ

פון זיי איז נאָר
פאַרבליבן אַ געפיל אַ פולס, און גאָר;
ווי פון מוזיק דער מעכטיקער באַרויש,
ווען לאַנגזאַם, שטיל און שטילער ס'גייען אויס
די שטימע אינספּירירט, דער ליוטעס טרעל,
איידער דער נאָכקלאַנג נאָך אינגאַנצן פאַרשווינדט,
און ס'הילכט נאָך אָפּ דורך טיפן פון דער זעל,
ווי עכאָס דורך אַ היילן־לאַבירינט.

פראָמעטעוס

וװי שיין די לופט־געבוירענע געשטאַלטן!
און דאָך, וװי נישטיק אַלדאָס האָפן, חוץ ליבע;
און דו ביסט ווייט אַזוי, מיין אַזיע!
וואָס ביסט ווען ווען מיינס האָט איבערפלייצט
געוועזן אַ גאָלדן כוס פאַר ווייַן פאַר מיין,
וואָס וואָלט אָן דיר אַריין אין דאָרשטיק שטויב.
אַלצדינג איז שטיל. אָ־ווייַ! ווי שווער היינט וועגט
דער שטילער אינדערפרי מיר אויפן האַרץ;
הגם געפלאָגט פון חלום, איך וואָלט דאָך
מיט ווייַ געשלאָפן, ווען שלאָף איז מיר באַשערט.
כ'וואָלט גערן זיין דאָס וואָס ס'איז מיין גורל צו זיין,
דער גואל און שטאַרקע האַנט פון ליידנדיקן מענטש,
אָדער אין תהודיקן תהום אַריין:
נישטאָ קיין פיין און אויך קיין טרייסט נישט מער;
די ערד קען טרייסטן, דער הימל נישט פייניקן מער.

פאַנטעאַ

האָסטו פאַרגעסן די וואָס וואַכט געטריי
אויף דיר די קאַלטע, חושכדיקע נאַכט,
און שלאָפן שלאָפט זי קיינמאָל נישט, סיידן ווען
עס פאַלט אויף איר דער שאָטן פון דיין גייסט?

פראָמעטעוס

איך האָב געזאָגט, ס'איז נישטיק אַלדאָס האָפן,
חוץ ליבע: דו, מיין ליבע, ליבסט.

פאַנטעאַ

ס'איז וואָר;
נאָר אָט עס ווערט שוין ווייס דער מזרח־שטערן,
און אַזיע וואַרט אין וויטן אינדיע־טאָל,
די סצענע פון איר גלות ביטער־לאַנגן;
אַמאָל האַרטפעלדזיק, וויסט, געפרוירן, ווי דאָ;
נאָר איצט איז דאָרט צעגרינט און בונט צעבלומט,
און ריחות זיס און קלאַנגען פליסן־אום
ביי וועלדער גרין און וואַסערן, און דאָס אַלץ
פון אַל־באַלעבנדיקן וועזן אירן,
וואָס וואָלט געוועלקט אַליין ווען זי וואָלט נישט
מיט וועזן דיינעם זיך געמישט. אַדיע!

צווייטער אַקט

ערשטע סצענע:

מאָרגן. אַ פּרעכטיקער טאָל אין אינדישן קאַווקאַז. אַזיע, אַליין.

אַזיע

פון אַלע ווינטן פון הימל דו ביסט געקומען, —
יאָ, ווי אַ גייסט, צי אַ געדאַנק וואָס פּילט
מיט טרערן אָן די אויסגעטריקנטע אויגן
און מיט געפלאַטער ס'אויסגעלערטע האַרץ,
וואָס האָט געמעגט שוין וויסן דו — דו ביסט
אַראָפּגעקומען איך אַ וויג פון שטורם;
יאָ, דו וואַכסט אויף, אַ פרילינג! קינד פון ווינטן!
קומסט פלוצים אָן, ווי אַ דערמאָנטער טרוים,
אומעטיק איצט, ווייל זיס געווען אַמאָל;
גלייך ווי זשעני צי פרייד וואָס שטייגט אַרויף,
ווי פון דער ערד און הילט אין וואָלקנגאָלד
די וויסטעניש פון אונזער לעבן.

דאָס איז די צייט, דאָס איז דער טאָג, די שעה;
ווען זון גייט אויף דו מוזסט, שוועסטער, זיין דאָ, —
צו לאַנג געגאַרט, צו לאַנג געוואָרט, אַ קום!
אָ, ווי די טויט־ווערים די רגעס קריכן!
איין שטערן דאָרט, איין פינטל וויס, צאַפּלט נאָך
טיף אין אָראַנזש פון אויפגייענדיקן קאַיאָר
אַריבער פורפור בערג; דורך אַ תהום
פון ווינט געטיילטן נעפל אים שפּיגלט אָפּ
די שוואַרצע אָזערע; אָט ער פאַרגייט;
אָט שיינט ער ווידער פון דעם וואַסער־שפּיגל

ווען פאַליעס גייען אויס און פעדים־פלאַם
פֿון וואָלקן־וועב ציגדן די בלאַסע לופט.
און שוין, נישטאָ! און צווישן די שפּיצן דאָרט
פֿון שניי, ווי וואָלקנבערג, נעמט צאַפּלען שוין
דאָס ליכט דאָס ראָזעווע פֿון זון־צעברען.
צי הער איך נישט די עלישע מוזיק
פֿון אירע שטילע ימיש־גרינע פליגל
זיך שניידנדיק דורך דעם פרימאָרגנרויט?

(פאַנטעאַ טרעט אויף).

פאַנטעאַ

זיי מוחל, גרויסע שוועסטער! שוואַך געווען
ביי מיר די פליגל פֿון אַ פלייץ פֿון פרייד
אין מיר דערוועקט פֿון אַ דערמאָנטן טרוים,
ווי מיטאָג־פליגל פֿון אַ זומערווינט
מיט בלומענדופט באַזויפט. איך פלעג אַמאָל
אין פרידן שלאָפֿן און אויפשטיין פריש, באַרוט,
איידער דער פאַל פֿון הייליקן טיטאַן
און אייער ליבע־אומגליק האָבן מיר
געמאַכט באַקאַנט מיט ליבע און מיט וויי,
אַזוי ווי אייך; אין יענער צייט כ׳פלעג שלאָפֿן
אונטער די קעלערן פֿון זקן אָ ק ע אַ ן
אין טונקעלער געדיכטעניש פֿון מאָך
מיט ימיש־גרין און פורפור אויסגעצירט;
און אונזער יאָנעס אָרעמס, ווייך
און ווייס ווי מילך, צונויפגעשלאָסן דאַן,
ווי היינט, אַרום מיינע טונקל־נאַסע האָר,
און מיינע צוגעמאַכטע אויגן, און באַקן
שטאַרק איינגעדריקט אין דער געפּאַלבטער טיף
פֿון איר מיט לעבן אָטעמענדיקן בוזעם;
נאָר נישט ווי היינט, ווייל כ׳בין געוואָרן דער ווינט
וואָס איז געפּלעפּט פֿון דער מוזיק פֿון אייער
אָנווערטערדיק געשפּרעך וואָס איך היינט טראַג;
און זינט ס׳געשפּרעך איז אויפגעלייזט געוואָרן
אויף דער עמפינדונג־שפּראַך וואָס ליבע רעדט,
מיין רו געוואָרן איז אומרואיק, דאָך זיס;
מיין וואַך צו פול מיט דאגה און מיט וויי.

אַזיע

הויב אויף די אויגן, לאָמיר לייענען דייַן טרוים.

פאַנטעאַ

ווי שוין געזאָגט, איך בין ביי אים צופוסנס
מיט אונזער ימישער שוועסטער געשלאָפן.
די ראָסעס אויף די בערג האָבן, גליווערנדיק
פון אונזער קול אונטער דער לבנה, דאָרט
געשפּרייט אַ שניי וואָס האָט פון שאַרפן אייז
באַשירעמט אונזער שלאָף געאָרעמטן.
דאַן זיינען צוויי חלומות אָנגעקומען.
איינעם געדענק איך נישט; אין צווייטן טרוים —
די בלייכע, וואונד־פאַרצערטע איברים
זיינען פון פראָמעטעוסן פלוצימדיק
אַראָפּגעפאַלן און די בלויע נאַכט
האָט זיך צעשטראַלט מיט וואונדער־פּראַכט פון דעם
געשטאַלט וואָס אומפאַרענדערט לעבט אין אים;
זיין שטים איז באַלד געפאַלן ווי מוזיק,
וואָס שווינדלען מאַכט אין מאַרך, דעם קאָפּ
פאַרשיכורט מיט עקסטאַז פון גרויסער פרייד:
„שוועסטער פון איר, וואָס מיט די פוסטריט אירע
זי פלאַסטערט אויס די וועלט מיט ליבלעכקייט —
שענער פון אַלע אין דער וועלט, אַחוץ
פון איר, פון וועמען דו דער שאָטן ביסט —
הויב אויף די אויגן און טו אַ קוק אויף מיר".
איך האָב זיי אויפגעהויבן: דאָס בלענדנד ליכט
פון זיין געשטאַלט אומשטערבלעך איז געווען
געהילט אין שיין פון ליבע, וואָס ווי פלאַם
פון זיינע פליסנדע גלידער איז געשטיגן,
און פון דיליידנשאַפטלעך־פולע ליפּן
און שאַרפע, ווייטע אויגן: אַן אָטמאָספער
וואָס האָט מיך איינגעוויקלט אין איר מאַכט
און איר אַלץ־אויפלייזנדער, אַזוי ווי ס'טוט
דער וואַרימער עטער פון דער מאָרגן־זון,
איידער ער טרינקט זיך אָן מיט וואָלקנטוי.
כ'האָב נישט געזען און נישט געהערט, זיך נישט
באַוועגט, נאָר בלויז געפילט זיין וועזן פליסן

און מישן מיט מײַן בלוט, ביז וואַנען ס'איז
זײַן לעבן געוואָרן, און זײַנס איז מײַנס געוואָרן;
אַזוי פֿאַרכאַפּט בין איך פֿאַרבליבן ביז
עס איז פֿאַרבײַ, און ווי בײַם זון־פֿאַרגאַנג
דער טוי זיך דריקט צונויף אין טראָפּעלעך,
און ווי די טראָפּנס פֿלאַטערנדיק, אַזוי
האָט זיך מײַן וועזן אין דער טיפֿער נאַכט
צונויפֿגעדריקט; און ווען פֿון מײַן פֿאַרשטאַנד
די שטראַלן האָבן לאַנגזאַם זיך געקליבן,
האָב איך זײַן קול דערהערט, און לאַנג דערנאָך
אין מיר דער נאָכקלאַנג איז געבליבן ביז ער
איז אויסגעגאַנגען ווי דער אָפּגאַנג פֿון
אַ שוואַכן ניגון; פֿון אַלע קלאַנגען פֿיל
איך האָב געהערט דײַן נאָמען בלויז פֿון אַלץ
וואָס איך באַגרײַפֿן האָב געקענט; איך האָב
די גאַנצע שטילע נאַכט געהאָרכט, געהאָרכט,
כאָטש וואָס צו הערן איז נישט געווען. און דאָ
עס כאַפּט זיך יאָנע אויף און זאָגט צו מיר:
„קענסטו באַשיידן וואָס מיר פּלאָגט אַזוי
די נאַכט? כ'פֿלעג תמיד וויסן וואָס איך וויל,
און וועלן סתּם ט'מיך קיינמאָל נישט געלאָקט.
נאָר הײַנט איך אַן נישט וואָס איך זוך; ס'באַדאַרף
זײַן זיס, ווײַל ס'גאַרן בלויז דערפֿון איז זיס;
אַוודאי דײַנס אַ שפּיל, מיך פֿאַלשע שוועסטער;
דו האָסט אַן אַלטן צויבערשפּרוך אַזאַ,
וואָס האָט פֿאַרכישופֿט מיך, אין שלאָף פֿון מיר
גערויבט מײַן גײַסט און אויסגעמישט מיט דײַן;
ווײַל ווען מיר האָבן פֿריער זיך געקושט,
אין דײַנע ליפּן די צעעפֿנטע
איך האָב געפֿילט דעם דופּט וואָס האַלט מיך אויף,
און יענע וואַרעמקייט פֿון לעבנסבלוט,
וואָס איך אָן איר גיי אויס, אין דעם מאָמענט
איז דורכגעפֿלאָסן דורך אונז געאָרעמטע".
כ'האָב נישט געענטפֿערט, ווײַל דער מזרח־שטערן
איז בלײַך געוואָרן און כ'בין געפֿלויגן צו דיר.

אַזיע

דו רעדסט, נאָר דײַנע רייד מיך מײַדן אויס;

זיי זיינען ווי די לופט — איך פיל זיי נישט.
אָ, הויב די אויגן אויף, איך זאָל אין זיי
זיין זעל פאַרשריבן אפשר קענען לייענען.

פאַנטאַ

איך הויב זיי אויף נאָר זיי פאַלן אונטערן לאַסט
פון אַלץ וואָס זיי האָבן אויסצודריקן; זעסט דאָרט
געשפּיגלט דיין אייגן שענסטן שאָטן בלויז —

אַזיע

די אויגן דיינע ווי דער הימל טיף,
און בלוי, און גרענעצלאָז, נאָר איינגעלאָפּן
אין קליינע, פּיק־געברעמטע צירקלען צווי:
טונקל, און ווייט, אָנמאָסיק, רעדל אין רעדל,
און שטרייף דורך שטרייף אין זיי אַדורכגעוועבט.

פאַנטאַ

וואָס קוקסטו ווי אַ גייסט וואָלט דאָ פאַרביי?

אַזיע

איך זע אַ בייט: דורך זייער טיפסטער טיף
איך זע אַ שאָטן, אַ געשטאַלט; ס'איז ער,
אינגאַנצן אויסגעריכט אין ווייכן ליכט
פון זיינע אייגענע שמייכלען וואָס זיך שפּרייטן,
ווי לבנה־שטראַלונג דורך אַ כמאַרע־רינג.
אָ פּראָמעטעאוס, דו ביסט דאָ! פאַרבלייב!
צי זאָגן נישט די שמייכלען, אַז מיר'ן ווידער
זיך געגעגנען אין יענעם העלן זאַל,
וואָס זייער ליכט וועט בויען איבער וועלט?
דער טרוים איז אויסגעזאָגט. און דאָס געשטאַלט
צווישן אונדז, וואָס איז עס? זיינע רויע האָר
דעם ווינט צעפּאַטלען וואָס זיי שויבערט אויף,
זיין קוק איז ווילד און ראַש, און דאָך עס איז
אַ זאַך פון לופט, ווייל דורך זיין מאַנטל גרוי
שיינט יענער גאָלד'נער טוי, וואָס זיינע שטערן
דער מיטאָג נישט פאַרלאָשן האָט.

חלום

פֿאָלג נאָך!

פֿאַנטאַ

עס איז מיין אַנדער טרוים.

אַזיע

און ער פֿאַרשווינדט.

פֿאַנטאַ

ער גייט אין מיין געדאַנק אַריבער איצט.
אַט ווי איך זיץ אַזוי מיר דאַכט זיך אויס:
די צווייט פֿאַרשליסנדיקע קנאָספּן דאָרט
אויף יענעם בליץ־געשפּאָלטענעם מאַנדלבוים
עס האָבן זיך צעעפֿנט; פּלוצים האָט
פֿון ווייטער סציטיע־וויסט זיך אַנגעיאָגט
אַ ווינט וואָס קנייטשט די ערד אַרום מיט פֿראָסט;
און אַט עס זיינען אַלע צוויטן שוין
אַראָפּגעבלאָזן; נאָר אויף יעדן בלעטל
איז אָפּגעשטעמפּלט קלאָר, ווי גלעקלעך בלוי
פֿון היאַצינט אָפּאָלאָס צער דערציילן:
פֿ אָ ל ג נ אָ ך , פֿ אָ ל ג נ אָ ך !

אַזיע

די ווערטער דיינע איצט,

פֿויזע נאָך פֿויזע, מיט געשטאָלט פֿילן־אָן
מיין שלאָף פֿאַרגעסענעם. איך האָב געטרוימט:
מיר האָבן אויף די לאָנקעס דאָ ביינאַנד
געוואַנדערט אין דער גרוי פֿון יונג קאַיאָר,
און מחנות וואָלקנס וואָליק, וויס, געדיכט,
אונדז פֿאָלגן נאָך, ווי טשערעדעס אויף בערג,
געפּאַסטעכט פֿון אַ שטיל, נישט־ווילנד ווינטל;
דער וויסער טוי אויף נייעם גראָז, אַט ערשט
זיך דורכגעשטאָכן דורך דער שוואַרצער ערד,
איז שטיל געהאַנגען; וואָס כ'האָב נאָך געזען
געדענק איך נישט; נאָר איבער יעדן שאָטן

פון די פרימאָרגן־וואָלקנס אויף די רוקנס
פון פורפור־בערג איז אָנגעשריבן געווען:
פאָלג נאָך, פאָלג נאָך! און באַלד פאַרביי און אויס;
אַזוי איז יעדעס גרעזל וואָס פון דעם
דער טוי פון הימל האָט אַראָפּגעטריפּט
געווען געשטעמפּלט, ווי מיט דאַרביק פייער;
ס'איז צווישן סאָסנעס דאַן אַ ווינט געוואָרן,
און די מוזיק פון צווייגן אָפּגעטרייסלט;
אַ שטיל, זיס טאָן־געזאַנג ט'זיך קוים געהערט:
— פאָלג נאָך, פאָלג נאָך, פאָלג נאָך, אָ פאָלג מיר נאָך!
איך האָב געזאָגט: „פאַנטעאַ, קוק מיך אָן"
נאָר אין דער טיף פון די געליבטע אויגן
כ'זע אַלץ: — פאָלג נאָך, פאָלג נאָך!

עכאָ

פאָלג נאָך, פאָלג נאָך!

פאַנטעאַ

די פעלדזן אין דעם קלאָרן פרילינג־מאָרגן,
זיי שפּאָטן איבער אונזערע שטימען היינט,
ווי גייסטער־צונגיקע זיי וואָלטן זיין.

אַזיע

איך פיל ווי ווענס דאָ אַרום די פעלדזן.
הער, ס'אַראַ פיינע, קלאָרע טענער, הער!

עכאָס

עכאָס מיר — — אָ!
אָ, הערט זיך איין!
אָט דאָ, אָט דאָ — —
צווישן זיין, ניט־זיין:

ווי טויענשטערן,
וואָס טוען אַ שיין,
און שוין נישט ווערן — —
קינד פון אָקעאַן!

אַזיע

האָרך! גייסטער רעדן! דער נאַסער ווידערטאָן
פון צינגער לופטיקע קלינגט נאָך.

פּאַנטעאַ

איך הער.

עכאָס

פאַלג נאָך, פאַלג נאָך!
ווי דאָס קול פאַרגייט
דורך די היילן הויל,
וואו דער וואַלד זיך שפּרייט;

(מער דערווייטערט)

פאָלג נאָך, פאָלג נאָך!
דורך די היילן הויל,
וואו ס׳געזאַנג זיך טראָגט, דו נאָך;
וואו ס׳איז נאָך די ווילדע בין
נישט געפלויגן, דו אַהין;
דורך דער פינצטערניש וואָס שטאָקט
אין סאַמע מיטן טאָג,
ביי דעם שלאָף דעם דופּט־באַהויכטן
פון נאַכט־בלומען, ביי די וועלן,
ביי די היילן קוואַל־באַלויכטן;
ווי דאָס ליד טוט פאַלן, שוועלן,
אונזער מוזיק ווילד און זיס
שפּאַט־נאָך דיינע פאַלנדיקע פיס —
קינד פון אָקעאַן!

אַזיע

זאָלן מיר די טענער נאָכפאָלגן? זיי ווערן שוואַך,
דערווייטערט.

פּאַנטעאַ

הער! ס׳געזאַנג קומט ווידער אָן.

עכאָס

אין דער וועלט אומבאַוווסט

שלאָפט אַ קול נישט געשפּראָכן;
נאָר דורך טראָט פון דיין פוס
קען זיין רו זיין געבראָכן —
קינד פון אָקעאַן!

אַזיע
די טענער נידערן מיטן פאַלנדן ווינט.

עכאָס
פאָלג נאָך, פאָלג נאָך!
דורך די היילן הויל,
וואו ס׳געזאַנג זיך טראָגט — דו נאָך!
ביי דעם וואַלדלאַנדס מיטאָג־טוי,
ביי וועלדער, אָזערעס און קוואַלן,
צו די ריסן, ראַווינעס, שלונדן,
וואו די ערד פון אירע וואונדן
ט׳גערוט אין טאָג ווען ער און דו
האָבן זיך געשיידט דערצו,
זיך צונויפצומישן דאָ —
קינד פון אָקעאַן!

אַזיע
גיך, שוועסטער זיסע, נעם מיך ביי דער האַנט
און לאָמיר נאָכגיין איידער זיי פאַרשווינדן.

צווייטע סצענע

אַ וואַלד, דורכגעמישט מיט פעלדזן און היילן. אַ ז י ע און פ אַ נ ט ע אַ גייען פאַרביי אין וואַלד אַריין. צוויי יונגע פייעס זיצן אויף אַ פעלדז און הערן זיך צו.

ערשטער גייסטער־האַלבכאָר

די סטעזשקע ווו די ליבע פּאָר
איז דורכגעגאַן, מיט צעדערס, יעלס
און יעדן שאָטנבוים פון דער וועלט
איינגאַנצן פון הימל איז פאַרשטעלט;
נישט זון, נישט רעגן, נישט קיין ווינט,
קיין זאַך קומט דורך איר צווייג־געדריי;
סיידן ווו אַ מאָסע טוי פאַרבלאָזן
פון ווינטל אונטן צווישן גראָזן
הענגט אויס אַ פּערל אין יעדן צוויט
פון גרינעם לאָרבער פריש צעבליט,
און ס'טוט אַ בויג איין אַנעמאָנע
און עס פאַרגייט, און שאַ און שטיל;
אַמאָל אַ שטערנדל, איינס פון פיל,
וואָס בלאָנדזשעט, דאַכט זיך, אָן אַ ציל,
געפינט די איינציקע שפּאַרונע,
דורך וואַנען ס'קאָנען אירע שטראַלן
אַהין בגנבה פאַלן, פאַלן,
איידער עס ווערט פאַרטראָגן, פאַרטראָגן
פון הימל וואָס מוז זיך אייביק יאָגן,
און ס'טריפן טראָפנס גאָלדן ליכט,
ווי שנירלעך רעגן, יעדע פּאָר זיך
און חשכות געטלעכע אַרום,
און אונטן ערד איז מאָכיק, שטום.

צווייטער האַלב־כאָר

עס וואַכן דאָרט די נאַכטיגאַלן
אַ גאַנצן טאָג אין ליד און לוסט.
ווערט איינע מיד און טוט דאָרט פאַלן
פון גליק צי טרויער דורכן קוסט,
צי קראַנק פון ליבע זי פאַלט טויט
אויף טרעלן־אָטעמענדער ברוסט
פון איר געזעל — אַ צווייטע ז׳גרייט
אויף דער זיך וויגנדיקער קווייט
צו אונטערכאַפּן דעם אויסלאָז־צי
פון דעם אַקאָרד, און זי נעמט איבער
פון דער מעלאָדיע דעם געפלי
אַרויף, אַרויף, ביז וואַן דער ציבור
צעוויגט אַ נייעם פלוס געפיל
און אַלע וועלדער בלייבן שטיל;
ווען דורך דער סומנער לופט מע הערט
אַ פליגל־געפאָך, און באַלד עס ווערט,
ווי אויפן וואַסער פלייטן פיל,
אַן איבערפלייץ פון טרעלן זיס,
אַזש פרייד כמעט אַ ווייטיק איז.

ערשטער האַלב־כאָר

עס ווערט אַ כישוף־ווירבל דאָרט
פון עכאָס צויבער־צונגיק, וואָס ציט,
דורך דעמאָגאָרגאָנס מעכטיק וואָרט,
די גייסטער אַלע ניט זיך מיט
אין ערפאָרכט זיס, עקסטאַז־צעגליט,
אויף דעם געהיימנישפולן גאַנג;
ווי אויפן טייך אַ שיף פון שטראָם
געטראָגן ווערט מיט קראַפט צום ים
ווען ס׳פלייצט פון בערג דער שניי־צעגאַנג:
צום ערשטן קומט אַ צאַרטער קלאַנג
צו די אין שלאָף צי שמועס פאַרטאָן,
און הויבט זיי אויף, און רעגט זיי אָן,
און וועקט אַ ווילן וואָס באַשערט;
נאָר די וואָס האָבן זיך דערקוקט,
זיי זאָגן, אַז הינטן־אַרום עס צוגט

אַרויס פון אָטעמענדיק ערד
אַ פליגל־הויבנדיקער ווינט,
וואָס שטויסט זיי אויפן וועג באַשטימט,
כאָטש זיי דאַכט אויס, אַז אייגענע פּיס
און פלינקע פליגל פאָלגן בלויז
פון זיך אַליין די ווונטשן זיס;
זיי שוועבן ווייטער אַלץ פאָרויס,
ביז וואַנען — זיס, נאָר העכער, גרויס —
ער טראָגט זיך אַן דער שטורם־קלאַנג,
צונויפגעשטראָמט אין שנעל געדראַנג;
און ווי זיי יאָגן זיך אַזוי,
און ווי זיי פליסן אָפּ צוריק,
די כוואַליעס פלוצלונג שלאָגן זיך
צונויף און ראַפּטום טראָגן זיך
צום באַרג גיגאַנטיש, גורלדיק,
ווי וואַלקנס אין אַ לופטיק וויג.

ערשטע פייע

וואו וואוינען זיי, די אַלע גייסטער שיין,
וואָס מאַכן אַזאַ מין צאַרט מוזיק אין וואַלד?
אין אַלע היילן קומען מיר אַריין,
אין אָפּגעשלאָסנסטע באַהעלטענישן,
ס׳איז אונז באַקאַנט די ווילדערניש אַרום,
און דאָך מיר האָבן זיי קיינמאָל נישט געטראָפן.
וואו קענען זיי זיך אויסבאַהאַלטן דאָ?

צווייטע פייע

ס׳איז שווער צו וויסן; איך האָב געהערט אַמאָל
די גייסטער־קענער די געניטע זאָגן:
די בלעזלעך וואָס דער כישוף פון דער זון
זויגט אויס פון וואַסער־קווייטן שוואַכינקע,
וואָס פלאַסטערן אויס דעם שליימיק־ווייכן גרונט
פון ריינע אָזערעס און סאַזשלקעס,
דאָס זיינען פּאַוויליאָנען ברייט און גראַם,
ווו יענע גייסטער וווינען, שווימען אום
זונטער דער גרין־און־גאָלדענער אַטמאָספער,
וואָס העלער טאָג צינדט אָן דורך בלעטער־וועב;

און ווען עס פּלאַצן די בלעזלעך אַטאָ־די
און ס'שטייגט אַרויף די דינע פייער־לופט,
די לופט וואָס זיי געאָטעמט האָבן דאָרט
אין יענע ליכט־קופּאָלן זייערע,
און פליסט ווי מעטעאָרן דורך דער נאַכט, —
זיי טוען זיי באַרייטן, און ציימלען איין
זייער געיעג דעם אומבאַזיניקטן,
און בויגן זיי'רע ברענענדיקע קעפּ,
און גליטשן זיך אין פייער אָפּ צוריק
אַרונטער אונטער וואַסערן פון דער ערד.

ערשטע פּייע

איך פרעג: אויב אַטאָ־די אַזוי־אַ לעבן,
צי האָבן אַנדערע אַן אַנדער לעבן,
אין קווייטן ראַזעווע, צי שטיל אינמיטן
די גלעקלעך קליין פון בונטע לאַנקע־צוויטן,
צי אין דער טיף פון פיאָלעטן־פּאַלבן,
צי אויף די דופטן, וועלכע גייען אויס
מיט זיי אינאיינעם, אָדער אפשר גאָר
אין זונענליכט פון קליינער טויענספּער?

צווייטע פּייע

יאָ, נאָך און נאָך מיר קענען טרעפן וויל.
נאָר זאָלן מיר נאָך בלייבן שמועסן דאָ,
וועט קומען מיטאָג און סילען געפּלעפּט
וועט זיינע ציגן נישט געפינען היינט
און ער וועט מיידן זיינע לידער אונז,
די לידער קלוג און שיין פון גורל. גאָט,
און צופאַל, און כאַאָס אוראַלט, און ליבע,
און פון דעם פּיין פון דעם טיטאַן געשמידט,
און ווי מען וועט אים מאַכן פריי און ער
די ערד וועט מאַכן פאַר איין ברודערשאַפט;
אַקאָרדן פריידיקע וואָס העלן אונדז
די בין־השמשותן די איינזאַמע,
און זיי פאַרכישופן צו שווייגעניש
די נאַכטיגאַלן די אָנקנאהדיקע.

ד ר י ט ע   ס צ ע נ ע

אַ פעלדזן שפּיץ צווישן בערג, אַ ז י ע און פ אַ נ ט ע אַ

פּאַנטעאַ

אַהערצו האָט דער קלאַנג פאַרטראָגן אונז —
אַהער אין דעמאַגאָרגאָנס קיניגרייך
און ביז צום טויער צו דעם מעכטיקן,
ווי פון ווולקאַן דאָס מעטעאָרן־מויל,
פון וואַנען ס׳שפּאַרט אָראַקעלערער דאַמף,
וואָס מענטשן איינזאַמע טרינקען לאַר
אין זייער יוגנטלעכן וואַנדער־וועג
און רופן דאָס אמת, טוגנט, ליבע, פרייד,
פון לעבן יענער ווייַן וואַזיניקער,
וואָס זיי זיין שוים צו פול פאַרשיכורטקייט
זופן־אויס, און הויבן פאַנאַנדער אומעטום
דאָס וואַקכאַנאַלן־געשריי — עוואָ! עוואָ! —
דאָס קול וואָס איז מגפה פאַר דער וועלט.

אַזיע

אַ טראָן ווי פאַר אַ מאַכט אַזעלכער — גרויס!
אַ ערד ווי הערלעך דו ביסט — גרויסאַרטיק!
און אויב דו ביסט דער שאָטן פון אַ גייסט
וואָס איז נאָך הערלעכער — מעג זיין זיין ווערק
מיט בייז באַפלעקט און ער אַליין מעג זיין,
גלייך ווי זיין שאַפונג, שוואַך און פרעכטיק דאָך — ·
איך וואָלט געקניט און אים געדינט, און דיר.
אָ, שוין מיין הארץ פאַרגעטערט — וואונדערלעך!
זע, שוועסטער, איידער ס׳מאַכט דער נעפּל טונקל
דיין מוח: אונטער אונדז אַ פליין פון דאַמף
צעכוואַליעט, ווי אַן אָזערע, ברוקירט

אין דעם פרימאָרגן־הימל מיט בלויע פאַליעס,
וואָס ברעקלען זיך פאַנאַנד אויף זילבער־שפריי,
אַ טאָל אין אינדיע ערגעץ־וואו. קוק אָן:
עס קייקלט זיך און שרויפט פאַנאַנדער זיך
אונטער די ווינטן די צעבויטנדיקע,
און אינדזלט־איין דעם גאַנצן פעלדזן־שפּיץ,
מיט וועלדער פינצטער־בליאיקע געגאַרטלט,
מיט דעמער־לאַנען, מיט היילן שטראָם־באַלויכטן,
און ווינט־געכישופטע געשטאַלטן נאָך
פון וואָגלענדיקע כמאַרעס; און העכער דאָרט
די שאַרפע, הימל־שניידנדיקע בערג,
פון אייז־געשפּיצטע דאָמען, שטראַלנדיק
ווי זונען, שליידערן אַראָפּ דעם טאָג,
ווי אָקעאַנס אויגן־בלענדנדיקער שפּריי,
פון אַן אַטלאַנטיק אינדזל אָפּגעשפּריצט,
באַשפּרינקלט דעם ווינט מיט טראָפּנס ווי לעמפּעלעך.
זיי גאַרטלען אום דעם טאָל מיט זייערע ווענט,
דער רעוועדיקער רויש פון וואַסערפאַל
דעם ווינט דעם האָרכנדיקן זעטיקט אָן —
כסדר, און גוואַלדאָוונע — הער זיך צו!
דער זון־דערוואַכטער אַוואַלאַנש פון שניי!
זיין מאַסע, דורכגעזיפּט דריי מאָל פון שטורם,
האָט זיך געקליבן שנייעלע אויף שנייעלע,
גלייך ווי אין גייסטער הימל־טראָצנדיקע
עס קלייבט זיך איין געדאַנק אויפן אַנדערן,
ביז מיטאַמאָל אַ גרויסער אמת לאָזט
זיך אָפּ, און פעלקער ווערן אויפגעטרייסלט
און קלינגען אָפּ מיט אים, ווי בערגער איצט.

פאַנטאַ

אָן זע, דער ווינט־געקערטער ים פון דאַמף
זיך ברעכט אין רויטן שוים, אָט־דאָ אַרום.
ער הויבט זיך אויף, פונקט ווי דער אָקעאַן
זיך הויבט דורך דער לבנהס כישוף־קראַפט
אַרום אַ בינטל שיפּברוך־פּליטים ווו,
געבליבן אָן שפּייז אויף אַ וויסטן אינדזל.

אַזיע

די שטיקער וואָלקנס ווערן שנעל צעשפּרייט;
דער ווינט וואָס הויבט זיי שויבערט מיינע האָר,
וואָס פאַלן ווי כוואַליעס איבער מיינע אויגן;
עס שווינדלט מיר אין קאָפּ; וואָס זעסטו דאָרט?

פאַנטאַ

אַ זיס געזיכט מיט מאַניענדיקן שמייכל;
אין אירע לאָקן גאָלדענע עס ברענט
אַ פייער הימלבלוי. נאָך איינע קומט,
אָט קומען נאָך און נאָך. זיי ריידן! הער!

געזאַנג פון גייסטער

צו דער טיף אָן אַ סוף,
אַרונטער, אַרונטער!
דורכן שאָטן פון שלאָף,
דורך פאַרוואָלקנטן שטרייט
פון לעבן און טויט;
דורכן שלייער און שליס
פון וואָס ס'שיינט און וואָס איז,
גלייך צו די טרעפּ פון טראָן דעם ווייטסטן מונטער,
אַרונטער, אַרונטער!

ווי דער קלאַנג ווירבלט, רונד,
אַרונטער, אַרונטער!
ווי דאָס הירשל ציט דעם הונט,
ווי דער דאַמף ציט דעם בליץ,
ווי דעם מאָל אַ פייער־שניץ;
יאוש — טויט, ליבע — זאָרגן;
צייט — סיי היינט, סיי מאָרגן;
ווי שטאָל פאָלגט אויס דעם גייסט פון שטיין און צונטער,
אַרונטער, אַרונטער!

דורכן תהום גרוי, געשטאָרבן,
אַרונטער, אַרונטער!
וואו די לופט ברעכט קיין פאַרבן,
און לבנה און שטערן נישט,

און סקאַלע־קאַרבן ווערן נישט
געהילט, נישט מיט הימלשיין,
נישט מיט שקיעהס טריבן ווײַן,
וואו איינער בלויז איז דורך און דורך, קיין אַנדער,
אַרונטער, אַרונטער!

אין דער טיף פון אין־סוף
אַרונטער, אַרונטער!
ווי בליץ ג'הילט אין שלאָף,
ווי פונק אין אַש גליט,
ווי ליבעס לעצטער בליק,
ווי אַ דימענט וואָס לײַכט
אין אַ פינצטערער שאַכט,
אַ צויבער וואַרט אויף דיר, אויף דיר באַזונדער,
אַרונטער, אַרונטער!

מיר'ן געבונדן דיך און ווענדן דיך
אַרונטער, אַרונטער!
מיט העל ווערן לעבן דיר;
ניט שטרייט קעגן שוואַכזעליקייט,
אַזאַ קראַפט ז'אין געפאַליקייט,
אַז דער אייביקער איבער אַל
אַפּלאָזן מוז דורך לעבנס פּאַרטאַל
דעם שלאַנג־געקנוילטן גזר אַרום זיין קרוין,
דורך דעם אַליין.

פערטע סצענע

די הייל פון דעמאָגאָרגאָן. אַזיע און פּאַנטעאַ.

פּאַנטעאַ

וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם פֿאַרשלייערט זיצט אָט דאָרט
אויף שוואַרצן טראָן?

אַזיע

דער שלייער איז אַראָפּ.

פּאַנטעאַ

איך זע אַ פֿינצטערניש אַ מעכטיקע
פֿילט אָן דעם זיץ פֿון מאַכט, און ס'שטראַלט דערפֿון
מיט חשכות אָפּ, ווי ליכט פֿון העלער זון.
— נישט אָנגעבליקט, געשטאַלטלאָז, האָט קיין גליד,
קיין פֿאָרם, קיין פֿיגור; מיר פֿילן דאָך
עס איז אַ לעבנס־גייסט.

דעמאָגאָרגאָן

וואָס ווילט איר וויסן?

אַזיע

וואָס קענסטו אונדז זאָגן?

דעמאָגאָרגאָן

וואָס איר וואָגט צו פֿרעגן.

אַזיע

ווער האָט די לעבעדיקע וועלט געמאַכט?

דעמאָגאָרגאָן

גאָט.

אַזיע

ווער געמאַכט האָט אַלץ וואָס זי אַנטהאַלט —
געדאַנק און ליידנשאַפט, און שכל, ווילן,
פֿאַנטאַזיע?

דעמאָגאָרגאָן

גאָט — אַלמעכטיקער שדי.

אַזיע

און ווער האָט יענעם חוש געמאַכט, וואָס ווען
אַ פֿרילינג־ווינט מאַכט זעלטענעם באַזוך
אָדער דאָס קול פֿון וועמען שטאַרק געליבט,
אין יוגנט בלויז געהערט, מיט טרערן־ריין
די אויגן איבערפֿילט, פֿאַרטונקלענדיק
די שטראַלן־בליקן פֿון קווייטן נישט וויינענדיקע
און לאָזט די ערד די פֿול באַפֿעלקערטע
אַ וויסטעניש, ווען דאָס קומט נישט צוריק?

דעמאָגאָרגאָן

דערבאַרעמדיקער גאָט.

אַזיע

און ווער ט׳געמאַכט
דאָס גרויל, משוגעת, פֿאַרברעכן, געוויסנוויי,
וואָס פֿון די רינגען פֿון דער קייט פֿון זאַכן
נאָך יעטווידער געדאַנק אין מענטשנס קאָפּ
זיך באָמבלען נאָך און שלעפּן שווער זיך מיט,
און יעדער איינער אונטער אָט דער לאַסט
דערגייט אין שטרויכל ביז דער גרוב פֿון טויט;
פֿאַרלוירן האָפֿנונג וואָס יאוש ווערט
און וואָס פֿאַרוואַנדלט זיך אין האַס,
און זעלבסט־געפֿאַלנקייט און שפֿלקייט,
וואָס איז צו טרינקען ביטערער פֿון בלוט;
און ווייטיק וואָס זייַן אומגעאַכט גערייד

איז ברום און שאַרף געשריי טאָג־איין, טאָג־אויס;
און דעם גיהנום, צי די פאָרכט פאַר אים?

דעמאָגאָרגאָן

ער קיניגט.

אַזיע

זאָג זיין נאָמען אויס! אַ וועלט
וואָס שמאַכט אין פּיין וויל בלויז זיין נאָמען וויסן —
עס וועלן קללות אים אַרונטערשלעפּן.

דעמאָגאָרגאָן

ער קיניגט.

אַזיע

כ׳פיל, איך ווייס — פאָרט ווער?

דעמאָגאָרגאָן

ער קיניגט.

אַזיע

ווער קיניגט? בראשית איז געווען הימל און ערד,
און ליכט און ליבע — און דערנאָך סאַטורן,
וואָס פון זיין טראָן עס איז געפאַלן צייט,
אַ קנאָהפולער שאָטן בלויז. אַזוי
איז אונטער זיין ממשלה געווען אַמאָל
דער שטאַנד פון אורשפרונג־גייסטער פון דער ערד,
גלייך ווי די שטילע פרייד פון בלום און בלאַט
איידער ס׳האָט זיי פאַרוויאַנעט ווינט און זון,
אָדער דאָס האַלב־וויטאַלע ווערימוואָרג;
אָבער ער האָט דאָס רעכט פון זייער זיין,
די בכורה זייערע, זיי אָפּגעזאָגט —
וויסן וואָס איז מאַכט, געשיק וואָס וואַלטעט מיט
די עלעמענטן, און געדאַנק וואָס דרינגט
אַדורך דעם אוניווערז אַזוי ווי ליכט,
איך־קיניגרייך, און ליבע־מאַיעסטעט —
זיי האָבן דאָרשטיקע נאָך דעם געשמאַכט.
האָט פּראָמעטעוס דאַן געגעבן חכמה,

וואָס מיינט גבורה, צו יופּיטערן,
און מיט דעם איינציקן געבאָט וואָס הייסט
„און פרײַ זאָל זיין דער מענטש" אים אָנגעגורט
מיט דער ממשלה איבער גאָר דעם הימל.
נישט וויסן קיין גלויבן, קיין ליבע, קיין געזעץ;
אַלמעכטיק זיין, נאָר פרײַנטלאָז, מיינט קיניג זיין;
און יאָוו איז דאָס געוואָרן. דאַן געפאַלן
איז הונגער אויפן מענטש, און שווערע מי,
און ווייען, וואונדן, קראַנקהייט, שטרײַטיקייט,
און מיתות גרויליק פריער אומגעזען;
די אומסעזאָנלעכע סעזאָנען האָבן
מיט שפּיזן אָט פון פײַער אָט פון פראָסט
געפּלאָגט די שבטים און געטריבן זיי
פאַרוואָרלאָזטע אין היילן צווישן בערג;
און אין די הערצער די פאַרמדברטע
האָט ער אַרײַנגעשיקט פאַרלאַנגען ווילדע,
און אומרו משוגענע, און שאָטנס לער
פון נישט געשטויגן גוטס, און צווישן זיי
געצונדן קריג און חורבן — זייער ווערק.
האָט פּראָמעטעוס דאָס געזען און ער
האָט האָפענונגס לעגיאָנען אויפגעוועקט
פון שלאָף אין בלומען פון דעם עליזיי:
נעפּענטע, מאָלי, אַמאַראַנט — די קווייטן
וואָס וויאַנען נישט — און זיי געהייסן
פאַרשטעלן מיט דינע רעגנבויגן־פליגל
ס'געשטאַלט פון טויט; און ליבע ט'ער געשיקט
צו בינדן די פעדים אָפּגעריסענע
פון יענעם שטאָק וואָס טראָגט דעם לעבנס ווײַן,
דאָס מענטשלעך האַרץ; און פײַער ט'ער געצוימט,
וואָס ווי אַ חיה רעה, בײַז דאַך שיין,
האָט אונטער פּחד־בליק פון מענטש געשפּילט;
און צו זיין ווילן ער האָט צוגעשמידט
אײַזן און גאָלד, די קנעכט און צייכנס פון מאַכט,
און גיפטן, און איידלשטיינער אַלערליי
באַהאַלטן אונטער ים און אונטער בערג.
ער האָט דעם מענטש געגעבן ס'וואָרט און דאָס
באַשאַפן האָט געדאַנק, פון אוניווערז

די מאָס; און וויסנשאַפט געשלאָגן האָט
די טראָנען ערדישע און הימלישע,
וואָס האָבן זיך געשאָקלט, נאָר נישט געפאַלן;
און דער האַרמאָנישער געדאַנק האָט זיך
אין אַל־פּראָפּעטישן געזאַנג צעגאָסן;
און ס'האָט מוזיק געהויבן הויך אַרויף
דעם האַרכנדיקן גייסט, ביז פריי פון ערדישן זאָרג
ער האָט אַרומגעשוועבט, גלייך ווי אַ גאָט,
איבער די כוואַליעס לויטערע פון טאָן;
און מענטשנס הענט האָבן פריער מימיקירט,
דערנאָך צו שאַנד געמאַכט דעם מענטשנס פאָרם,
מיט גלידער אויסגעפורעמט שענער פיל
פון זיינע אייגענע, און שענער נאָך,
ביז מירמלשטיין געוואָרן איז געטלעכקייט,
און מוטערס, גאפנדיק, געטרונקען האָבן
די ליבע וואס דער מענטש זעט רעפלעקטירט
אין אייגן מיך, ער זעט און ער פאַרשווינדט.
ער האָט אַנטפּלעקט די קראַפט פאַרבאָרגענע
פון קרייטעכער און קוואַלן, און קראַנקהייט האָט
פון זיי געטרונקען און אין שלאָף געפאַלן.
און טויט אַליין איז גלייך ווי שלאָף געוואָרן.
ער'ט אויפגעוויקלט די פאַרוויקלטע
אָרביטן־נעצן פון שטערן־וואַנדערער;
און ווי די זון איר לאַגער ענדערט אום,
און וועלכער שפּרוך געהיימער טראַנספאָרמירט
די לבנה דאַן ווען מיט איר אָפן אויג
זי קוקט נישט אָן דעם אינטערלונאַר־ים;
ער האָט געלערנט ווי צו דירעקטירן,
ווי ס'לעבן מיט די איברים דיריגירט,
די שטורם־פליגל־וואַגנס פון דעם אָקעאַן,
און ס'האָט דער קעלט דער אינדיער דערקענט.
און שטעט געבויט, און צווישן ווייסע זיילן
עס זיינען ווינטן לינדע אומגעפלאָסן,
און ס'האָט געשיינט דער עטער הימלבלוי
און בלויען ים און בערג ווי שאָטנס געוויזן.
דאָס אַלץ, זיין מצב צו פאַרגרינגערן,
האָט פּראָמעטעוס געגעבן דעם מענטש — דערפאַר

ער הענגט און וועלקט אין גורלדיקן פּיין.
נאָר ווער־זשע האָגלט פּאָרט אַראָפּ דאָס בייז,
די פּלאָג אומהיילבאַרע, וואָס בשעת דער מענטש
קוקט אָן זיין שאַפונג, ווי אַ גאָט, און זעט:
ס׳איז הערלעך, וואונדערבאַר — זי טרייבט אים אָן,
אַ קרבן פון אייגן ווילן, דער שפּאָט פון ערד,
אַן אויסוואורף, אָפּגעשטויסן, איינער אַליין?
ס׳איז נישט יופּיטער, וואָרים ווען זיין צאָרן
האָט נאָך די הימלען אויפגעטרייסלט און
זיין שונא אין די קייטן האָט אים געשאָלטן,
האָט ער אַליין געציטערט ווי אַ שקלאַף.
זיין האַר ווער איז? איז יענער אויך אַ שקלאַף?

דעמאָגאָרגאָן

ס׳איז יעדער גייסט פאַרשקלאַפט וואָס דינט צו בייז:
דו ווייסט צי ס׳איז יופּיטער דאָס, צי ניין.

אַזיע

טאָ וועמען ׳סטו גערופן גאָט?

דעמאָגאָרגאָן

כ׳האָב בלויז
ווי איר גערעדט, וואָרום יופּיטער איז
דער אויבערהערשער איבער אַלץ וואָס לעבט.

אַזיע

דער האַר פון שקלאַף ווער איז?

דעמאָגאָרגאָן

אַך, ווען דער תהום
וואָלט זיינע סודות אויסשפּייען געקאָנט . . .
נאָר ס׳פעלט אַ קול; עס איז די טיפע וואָר
געשטאַלטלאָז גאָר; און וואָס אַפילו אויב
וואָלסט אָנבליקן שוין די ראָלנדיקע וועלט?
און וואָס אויב ס׳וואָלטן ריידן גורל, צייט,
צופאַל, געלעגנהייט, און בייט? עס פאַלט
יעטווידער זאַך אַרונטער אונטער זיי,
אַחוץ די ליבע, וועלכע אייביק איז.

אַזיע

איך האָב געפרעגט אַזויפיל פריער שוין,
און ס'האָט מיין האַרץ געענטפערט גלייך ווי דו.
יעטווידער אמת פון דעם מין מוז זיין
פאַר זיך אַליין דער אייגענער אָראַקל.
נאָך איין פאַרלאַנג, און ענטפער מיר אַזוי
ווי ס'וואָלט מיין אייגן האַרץ געענטפערט מיר,
ווען עס וואָלט וויסן דאָס וואָס איך פרעג איצט.
ס'וועט פראָמעטעוס אויפשטייגן אַלס די זון
איבער דער אייביק פריידנפולער וועלט —
ווען קומט שוין די באַשערטע שעה?

דעמאָגאָרגאָן

קוק אָן!

אַזיע

די פעלדזן פלאַצן; אין דער פינצטער כ'זע
עס יאָגן רייטוואָגנס זיך, עס פליען פערד
מיט רעגנבויגן-פליגל טראָמפּלענדיק
טומאַנע ווינטן; אין יעדן רייטוואָגן שטייט
אַ שאַריאָטער, אַ שד ווילד־אויגנדיק,
און טרייבט, און טרייבט; און יענע קוקן צוריק,
ווי די טייוואָלים וואָלטן זיי געיאָגט,
און דאָך כ'זע קיין געשטאַלטן, בלויז די שטערן;
און יענע בויגן זיך פאָרויס צעפלאָמט
און טרינקען לאָר דעם ווינט פון אייגן פלי,
ווי דאָס וואָס זיי איז ליב געפלויגן וואָלט
פאָרויס, און אָט, אָט־אָט זיי כאַפּן דאָס.
די העלע לאָקן זייערע צעשטראָמט
אין פלי, ווי פלאַמען־האָר פון אַ קאָמעט; —
זיי טראָגן אַלע זיך פאָרויס, פאָרויס.

דעמאָגאָרגאָן

דאָס זיינען שעהן, די אומשטערבלעכע,
אויף וועלכע דו'סט זיך נאָכגעפרעגט. און אָט,
דאָרט שטייט אַ רייטוואָגן און ער וואַרט אויף דיר.

אַזיע

אַ גייסט מיט מאוימדיק געזיכט האַלט אַף
זיין פינצטערן רייטוואָגן ביים אָפּגרונט דאָרט.
אַ, רייטער דו מיט פּנים פון אַ מת,
ביסט נישט ווי דיינע ברידער — ווער ביסטו?
וואוהין מיך טראָגן קומסטו? זאָג שוין, זאָג!

גייסט

איך בין דער שאָטן פון אַ גורל וואָס איז
מער מאוימדיק פון מיין געזיכט. זיי וויסן,
די טיפע פינצטערניש וואָס שטייגט מיט מיר
וועט איידער יעניקער פּלאַנעט פאַרגייט
אויף אייביק איינוויקלען דעם טראָן פון הימל
דעם אָפּגעלייטיקטן.

אַזיע

וואָס מיינט עס? זאָג.

פאַנטאַ

דער אימהדיקער שאָטן שוועבט אַרויף
פון חושכדיקן טראָן, ווי חורבן־רויך,
וואָס שטייגט פון שטעט פאַרוויסטע איבערן ים.
דער רייטוואָגן זע, ער שטייגט אַרויף הויך, הויך;
די פערד דערשראָקענע זיי פליען, פליען;
זיין קאָליע צווישן שטערן פאַרשוואַרצט די נאַכט.

אַזיע

אַ מאָדנער ענטפער! איך פאַרשטיי עס נישט.

אַזיע

אַן אַנדער רייטוואָגן שטעלט זיך אַף ביים ראַנד;
אַ מושל פון עלפנביין מיט רויטן פלאַם
וואָס צינדט און לעשט זיך אין סקולפּטורטער ראַם
פון דעליקאַטן, זעלטענעם פאַסאָן.
דער יונגער גייסט וואָס טרייבט דעם רייטוואָגן,
ער האָט די טויבן־אויגן פון האָפענונג;

די שמייכלען זיינע ציען־צו דאָס האַרץ,
ווי ליכט ציט פליגן דורך אומבאַלאַמפּטער לופט.

גייסט

מיינע לויפערס זיך פאַשען מיט בליצן,
זיי טרינקען פון ווירבלווינט־קוואַלן;
ווען דער מאָרגן צינדט רויט די שפּיצן
זיי באָדן זיך אין פרישע זונענשטראַלן.
זייער כוח פאַרן וועג
ניט צווייפל, ניט פרעג —

איך באַגער, און זייער פלי טוט נאָכט צינדן;
איך פאָרכט, זיי מיידן אויס דעם טיפון;
איידער וואָלקנס פון אַטלאַס פאַרשווינדן,
ערד און לבנה מיר פליען אַרום.
מיטאָג־צייט מיר האָבן רו
פון דער איילנדער מי —
אין דער הויך מיט מיר קום, טאָכטער פון אָקעאַן.

פינפטע סצענע

דער רייטוואָגן פאַרהאַלט זיך אין אַ וואָלקן אויפן שפּיץ פון אַ שניי־באַדעקטן באַרג. אַ ז י ע, פ אַ נ ט ע אַ .און ד ע ר ג ײ ס ט פ ו ן ד ע ר ש ע ה.

גייסט

אויפן ראַנד פון דער נאַכט און דעם טאָג
מיינע לויפערס זיי רוען נישט לאַנג;
ווייל די ערד האָט נאָר־וואָס שטיל געזאָגט,
אַז דער פלי מוז זיין פלינקער פון קלאַנג —
טאָ געטרונקען דעם אימפעט פון דראַנג!

אַזיע

דיין אָטעם הויכט זיי אין די נאָזלעכער;
מיין הויך וואָלט זייער פלי פאַרשנעלערט נאָך.

ניין, ליידער! דאָס באַווייזן קען ער נישט.

פאַנטאַ

גייסט, וואַרט אַ וויילע און זאָג, פונוואַנען קומט
דאָס שימערירנדיקע ליכט וואָס מאַכט
דעם וואָלקן פול? די זון איז נאָך נישטאָ.

גייסט

די זון נישט אויפגיין וועט ביז מיטנטאָג.
אַפּאָלאָ ווערט מיט וווּנדער גרויס פאַרהאַלטן
אין הימל; נאָר ס'ליכט וואָס מאַכט דעם וואָלקן פול,
ווי שימער־שיין פון קוואַל־געשפיגלטע רויזן
מאַכט פול דאָס וואַסער, פון דיין שוועסטער קומט.

פאַנטעאַ

יאָ, כ'פיל —

אַזיע

וואָס, שוועסטער, איז מיט דיר? ווערסט בלאַס.

פאַנטעאַ

ווי דו פאַרענדערט ביסט! איך וואַג אויף דיר
אַ קוק נישט טאָן; איך פיל, נאָר זע דיך נישט.
כ'קען קוים פאַרטראָגן דיין געשטראַל פון חן.
דיין נאַקעט וועזן רופט אַרויס אַ בייט
צום גוטן אין אַלע עלעמענטן אַרום.
די נערע־ידן זיי דערציילן, אַז
אין יענעם טאָג ווען דיין אויפשטייג האָט
געבראָכן דעם קלאָרן היאַלין, און דו
ביסט שטיין געבליבן אין געשטרייפטן מושל,
וואָס איז געשוואומען ווייטער, ווייטער אַלץ
אויף שטילן גרונט פון דעם קרישטאָלן ים,
צווישן די אינזלען די עגעיִשע,
און ביי די ברעגן וואָס דיין נאָמען טראָגן,
האָט ליבע, ווי דער זונס פלאַם־אַטמאָספער
וואָס פילט די וועלט די לעבעדיקע אָן,
אַרויסגעשטראָמט פון דיר און הימל און ערד
אילומינירט, און טיפן אָקעאַן,
די הייל־ן זונלאָזע און אַלץ אין זיי;
ביז ס'האָט דער גרויסער צער זיין שאָטן
געוואָרפן אויף דיין זעל, דער קוואַל פון ליכט.
אַזוי ביסטו אָט ערשט; און נישט בלויז איך,
דיין שוועסטער און געזעלין וואָס דו אַליין
האָסט אויסדערוויילט, נאָר אויך די גאַנצע וועלט
ביי דיר סימפּאַטיע זוכט — צי הערסטו נישט
אין לופט די קלאַנגען, וועלכע זינגען אויס
די ליבע פון אַלצדינג אַרטיקולירט?
צי פילסטו נישט די אומבאַלעבטע ווינטן,
זיי אויך פאַרליבט אין דיר? אָט הער זיך צו!

אַזיע

עס זיינען זיסער דיינע רייד פון אַלץ,

אַחוץ פון זיינע רייד פון וועלכע זיי
די עכאָס זיינען; דאָך גיט יעדע ליבע
אונדז גליק, געגעבן אָדער אומגעקערט.
ס'איז אַלגעמיין ווי ליכט די ליבע, ס'וועט
קיינמאָל נישט מיד איר פאַמיליאַרע שטים.
גלייך ווי דער הימל, די אַלץ־דערהאַלטנדע לופט,
זי מאַכט דעם שרץ צו די געטער גלייך.
ווער עס באַזעלט זי העכסט דער גליקלעך איז,
ווי איך בין ערשט; נאָר ווער זי מערסטן פילט
דער גליקלעך מערער איז נאָך לאַנגער לייד,
ווי איך וועל ווערן באַלד.

פאַנטעאַ

הארך! גייסטער ריידן!

שטים (אין דער לופט זינגענדיק).

לעבן פון לעבן! דיין מויל טוט צינדן
מיט איר ליבע דעם אָטעם ביי איר;
דיינע שמייכלען, ביז זיי פאַרשווינדן,
פון לופט קאַלטער מאַכן פייער;
פון זיי העלער נאָך די אויגן,
וואָס ווער נאָר אין זיי טוט שטאַרן
בלייבט אָן אָטעם, אַריינגעצויגן
אין דעם בלענד פון ליכט־ווירוואַרן.

קינד פון ליכט! דיינע גלידער ברענען
דורך דעם מאַנטל וואָס וויל זיי באַהאַלטן,
ווי די פיילן פון באַגינען
דורך דער כמאַרע וואָס קען זיי ניט האַלטן;
און ווו נאָר דו טוסט אויפשיינען
די ליכט־אַטמאָספערע דיינע,
די געטלעכע, באַלעבנדע,
הילט איין דיך און אַלץ לעבן דיר.

שיין די אַנדערע. דיך מען זעט ניט,
און דיין שטים די צאַרטע רעדט ניט,
נאָר זי זינגט, און זי פאַרשטעלט דיך

פון דעם בליק, באַשאָטנס, באַהעלט דיך;
און כאָטש מ'זעט ניט, מע פילט דיין קראַפט,
ווי איך איצט בין פאַרלוירן, פאַרגאַפט.

לאָמפּ פון ערד! ווו נאָר דו קערסט זיך
אַלץ וואָס טונקל ווערט באַלויכטן,
און די זעלן וואָס דו באַגערסט זיך
שלייכן־אום מיט גאַנג מיט לייכטן
אויף די ווינטן — אָט געבוירן,
אָט פאַרגאַנגען — ווי איך פאַרגיי אָט,
קאָפּ פאַרשווינדלט און פאַרלוירן,
דאָך לחלוטין נישט באַדויערט.

אַזיע

מיין זעל איז אַ פאַרכישופט שיפל,
וואָס ווי אין שלאָף אַ שוואַן זיך שיפלט
אויף זילבער־וועלן פון געזאַנג דיין זיסן;
און דיינע, ווי אַ מלאך, זיצט
ביים רודער, אויער אָנגעשפּיצט,
בעת אַלע ווינטן מיט מעלאָדיע פליסן.
עס שיינט צו שווימען אָן אַן אויפהער
אויף יענעם טייך, דעם קרומען שרויפער,
פאַרביי בערג, וועלדער און אָפּגרונטן,
דורך אַ גן־עדן ווילדן, בונטן;
ביז, ווי איינער שלאָף־פאַרוויגלט
צום ים געטראָגן, כ'שווים אין שטראָם געוויקלט
אין ים אַריין פון קלאַנגען ברייטער אַלץ געציקלט.

בשעת דיין גייסט די פליגל הייבט,
אין שטילן לאַנד פון טאָן ער שוועבט,
כאַפּט אויף די ווינטן וואָס ווייען הימלש גליק.
אַזוי מיר זעגלען ווייט אַוועק,
אָן שיין פון שטערן, אָן אַ וועג,
געטריבן בלינד פון אינסטינקט פון מוזיק;
ביז עליזייער אינדזלען־גאָרטנס,
פון דיר, אָ. שענסטער פון פילאָטן,
ווו קיין מענטשנס זעגל האָט נישט קורסירט,

באַגער מיינס שיפֿל ווערט געפירט;
דאָרט וואו די לופט פון אָטעם איז — ליבע,
ווו ווינטן און וועלן שפּילן אייביק ליבע,
און ס׳פּאָרט זיך ערד מיט הימל אין בונד פון הייליק ליבע.

פאַרביי מיר זיינען עלטערס אייז,
און מאַנהייטס ווילדן שטורעם־קרייז,
און יוגנטס ים דעם גלאַטן, וואָס שמייכלט צו פאַרראַטן;
פאַריבער אָפּגרונטן פון גלאָז,
פון קינדהייטס שאָטנדיק רשות,
דורך טויט, געבורט, צו טאָג צו נייעם און געראָטן;
צו אַ גן־עדן גרין־געפלאָכטן,
מיט בלומען־אויגן פיל באַלויכטן,
און סטעזשקעס, וועלכע שלענגלען זיך צווישן
באַוואַסערט שטילע, גרינע ווילדערנישן;
געשטאַלטן העלן דאָרט, ווי דו,
מיט ליכט מיט בלענדנדיק — קוק אָן, און רו;
זיי גייען־אום אויפן ים, און שירה זינגען־צו.

דריטער אַקט

ערשטע סצענע

— יופּיטער אויף זיין טראָן —

טעטיס און די אַנדערע געטינס פֿאַרזאַמלט.

יופּיטער

איר כוחות פֿון דעם הימל פֿאַרזאַמלטע,
איר וועלכע טיילט די מאַכט און רום פֿון דעם
וועמען איר דינט — זיך פֿרייט! פֿון איצטער אָן
בין איך אַלמעכטיק. ס'איז שוין אַלץ באַזיגט
און אונטערוואָרפֿן אונטער מיר; חוץ איינס —
די זעל פֿון מענטשן בלויז נאָך פֿלאַקערט אַלץ,
ווי פֿייער אומפֿאַרלאָשן, אַנטקעגן הימל,
מיט טענות מיך דערצערנדיק, און ספֿקות,
און קלאָג, און תּפֿילה ווידערווילִיקע,
און שליידערט אויפֿשטאַנד הויך אַנטקעגן אונדז,
און אונדזער מלכות אַלט־פֿאַרפֿונדעוועט
טוט אונטערגראָבן, טרייסלענדיק איר יסוד
פֿון אור־אמונה און איר זיווג — פֿאָרכט;
און כאָטש מיין קללה פֿאַלט אַדורך דער לופֿט,
ווי ס'פֿאַלט אַ שניי, אַ פֿליאַקע אויף אַ פֿליאַקע,
אויף פֿעלדזן גראָזלאָזע, און קלעפּט צו איר;
און כאָטש זי קלעטערט אין מיין צאָרנס נאַכט
אויף לעבנס שאַרפֿע פֿעלדזן טראָט נאָך טראָט,
וואָס טוען זי צעוווּנדיקן, ווי אייז
צעוווּנדיקט פֿיס אַנטבלויזטע, דאָך זי בלייבט
די הערשערין איבער פּיין, און זוכט און שטרעבט

אומאונטערדריקט — און פּאַרט זי'ט פּאַלן באַלד!
אַט האָב איך ערשט אַ וווּנדער ניי באַשאַפן,
ס'פּאַטאַליע קינד, דער פּחד פון דער ערד,
וואָס אויף דער גורלדיקער שעה נאָך וואַרט,
וועלכע פון דעמאַגאָרגאָנס שאָטן־טראָן
צו טראָגן ברענגט די מאַוימדיקע מאַכט
פון אייביק־לעבנדיקע איברים
וואָס האָבן יענעם אימה־גייסט באַגופט,
צו גיין אַרונטער ווידער און דעם פונק
אינגאַנצן אויסצוטרעטן. גיס־אָן דעם וויין
פון הימל, גאַנימעד אידאַעזער,
און זאָלן די דעדאַלע כוסות ווערן
ווי פייער פול, און ס'זועלן שטייגן שוין
פון בלום־געוועבטן באָדן דעם געטלעכן
האַרמאָניעס אַל־ניצחונדיק, ווי טוי
וואָס שטייגט פון ערד אַנטקעגן אָוונט־שטערן.
טרינקט! זאָל דער נעקטאַר צירקולירנדיק
אין אייך, איר געטער אייביק לעבנדע,
פון פרייד די נשמה זיין, ביז אויסשאַלן וועט
פון אייך די שמחה אין איין מעכטיק קול,
ווי די מוזיק פון עליזייער ווינטן.

און דו מיין טעטיס, בילד פון אייביקייט!
אַרויף קום ביי מיין זייט, געהילט אין ליכט
פון תאווה, וועלכע מאַכט דיך איינס מיט מיר!
ווען דו האָסט אויסגעשריען: „גאָט מיר העלף!
איך האַלט נישט אויס דיין אומדערטרעגלעך מאַכט";
ווען ד'וסט געשריען: „אומדערטרעגלעכער!
אָ, לאָז מיך גאָט! איך האַלט נישט אויס דעם פלאַם,
דיין אַל־דורכדרינגלעכקייט; מיין וועזן ווערט
אינגאַנצן אויפגעלייזט, ווי יענער וואָס
פון גיפט פון נחש דעם נומידישן
געוואָרן איז צעלאָזט אויף טוי אינגאַנצן,
און זינקט אַדורך איר פונדאַמענט"; און דאָן,
צוויי גייסטער מעכטיקע צונויפגעמישט,
זיי האָבן געמאַכט אַ דריטן, וועלכער איז
נאָך מעכטיקער פון ביידע, און ער שוועבט

איצט צווישן אונז, נאָך אַן אַ גוף, געפּילט
כאַטש נישט געזען, און אַט ער וואַרט אויף זיין
פאַרקערפּערונג, וואָס הויבט זיך איצטער אויף
(צי הערסטו נישט דאָס דונערדיק געקלאַפּ
פון פייער־רעדער רייבנדיק די ווינטן?)
פון דעמאָגאָרגאָנס טראָן. ניצחון! זיג!
צי פילסטו נישט, אַ וועלט, ווי ס׳טרייסלט ערד
פון רייטוואָגן זיינעם דורכגערנדיק אַרויף
אויף דעם אָלימפּוס?

(ס׳קומט אָן די קאַרעטע פון דער שעה. ד ע מ אָ ג אָ ר ג אָ ן
נידערט אַראָפּ און באַוועגט זיך צום טראָן פון יופּיטערן).

אימהדיק געשטאַלט, וואָס ביסטו? זאָג! נישט שוויג, דו שאָטן שוואַרץ!

דעמאָגאָרגאָן

די אייביקייט. נישטאָ קיין ערגער וואָרט.
אַרונטער קום. איך אָפּגרונט פאָלג מיר נאָך.
איך בין דיין קינד, ווי דו סאַטורנס ביסט,
און מעכטיקער פון דיר. פון היינט אָן מיר
צוזאַמען מוזן זיין אין פינצטערניש.
אומזיסט דיין בליצן. קיינער קען נישט מער
דערהאַלטן, אונטערהאַלטן, און באַנייען
די טיראַניי פון הימל נאָך דיין פאַל.
און דאָך, אויב דו באַשטייסט, ווייל די נאַטור
פון ווערים פון צעטראָטענע איז לאַנג
צו ראַנגלען זיך ביזן טויט, באַווייז דיין מאַכט.

יופּיטער

פאַרהאַסטע נאָכקומשאַפט! אַזוי, אַזוי —
אַט אונטער טורמעס טיף, טיטאַנישע,
איך טרעט דיך, טרעט! דו האַלסט נאָך אויס?

דערבאַרעמקייט! דערבאַרעמקייט! אַ, הילף!
קיין הילף, קיין אָפּלאָז, קיין דערבאַרעמקייט!
אַך, זאָל מיין שונא כאַטש מיין שופט זיין,
דאָרט ווו ער הענגט און ליידט, דאָרט אויף קאַווקאַז!

ער וואָלט מיך נישט אַזוי געמשפּט, ניין!
ער איז אַן אײדלמאַן, גערעכט, אַן שרעק —
איז ער דען נישט דער מושל פון דער וועלט?
וואָס ביסטו פאַרט?
קיין רעטונג! קיין אַפּעל!
טאָ זינק אַרונטער דו מיט מיר אינאיינעם,
זאָל אומקום־כוואַליע איינשלינגען אונדז ביידן,
ווי אַ וווּלטור מיט שלאַנג, געקלאַמערטע
אין אַ געפעכט אַ טויטלעך־ביטערן,
צוזאַמען פאַלן אין גרונטלאָזן ים אַריין.
זאָל דער גיהנום שוין אַן עפן טאָן
דעם סלוזש פון זיינע שטראָמען פלאַמענברויז,
און אין זיין גרונטלאָז תהום פאַרשווינדן זאָל
די גאַנצע וויסטע וועלט, און דו, און איך,
דער זיגער מיט באַזיגטן ביידע גלייך,
און ס׳ברוכוואַרג וואָס געבליבן איז פון אַלץ
פאַר וואָס זיי האָבן קריג געפירט.
אַיי! אַיי!
די עלעמענטן פאָלגן מיך שוין נישט.
איך זינק אַראָפּ, אַראָפּ אין תהום אָן סוף;
און ווי אַ וואָלקן מיין שונא אויבן דאָרט
מיין פאַל פאַרפינצטערט מיר מיט זיג — אַיי! אַיי!

צווייטע סצענע

אויסגוס פון אַ גרויסן טייך אויפֿן אינדזל אַטלאַנטיס,
אַ ק ע אַ ן גענעזן ליגנדיק אָנגעליינט נאָענט
פֿון ברעג. אַ פּ אָ ל אָ שטייט לעבן אים.

אָקעאַן

ער איז געפֿאַלן, זאָגסטו, אונטערן קוק
פֿון זיין באַזיגער?

אַפּאָלאָ

ריכטיק, ווען דער שטרייט
האָט זיך געענדיקט, וואָס פֿאַרפֿינצטערט האָט
דעם ספֿער פֿון ליכט אויף וועלכן איך רעגיר,
און שטערן איינגעפֿעסטיקטע געטרייסלט,
האָט דאָן דער פּחד פֿון זיין אויג דעם הימל
באַלויכטן מיט אַ בלוט רויט ליכט אַדורך
געדיכטע פֿלאַכטעס, אָפּגעריסענע
פֿון דער ניצחונדיקער פֿינצטערניש,
ווען ער געפֿאַלן איז; ווי לעצטער שיין
פֿון טאָגס־בלוט־רויטער גסיסה דורך אַ ריס
צווישן די פֿייערדיקע וואָלקנס צינדט
פֿאַנאַנדער ווייט דעם שטורם־געקנייטשטן ים.

אָקעאַן

ער איז געזונקען ביז צום סאַמע תהום?
אין תהו־בהו פֿינצטערן אַריין?

אַפּאָלאָ

אַן אָדלער איז אַמאָל געכאַפּט געוואָרן

אַזוי אין וואָלקנבראָך אויף בערג קאַווקאַזער,
מיט דונער־געפּלעפּטע פליגל פאַרפּענטעטע,
און זיינע אויגן, צו דער זון געווינט,
פאַרבלענדעטע דאַן פון פלאַמיק־ווייסן בליץ,
און שווערער האָגל קלאַפּנדיק אויף זיין
זיך מאַטערנדער פאָרם, ביז ער געזונקן איז
פאַרשטייפט אַראָפּ, אַרומגעוויקלט מיט אייז.

אַפּאָלאָ

די שטרעקעס הימל־שפּיגלענדע פון ים,
מיין קיניגרייך, זיי וועלן פון היינט אָן
זיך וויגן פריי, מער נישט געמישט מיט בלוט,
ווי שטרעקעס קאָרן געוויגט פון זומער־לופט;
די שטראָמען מיינע וועלן פליסן איצט
אַרום פיל־פעלקערדיקע קאָנטינענטן
און שווענקען ברעגן פון געבענטשטע אינדזלען;
און פון די טראָנען זייערע פון גלאָז
פּראָטעוס וועט מיט זיינע וואַסער־נימפן
די סילועטן פון שיפן שיינע מערקן
ווי מענטשן זעען אָפּשווימען די באַרקע
די ליכט־געלאָדענע פון דער לבנה,
מיט יענעם ווייסן שטערן, איר וועגווייזער,
פאַרטראָגן פון שנעלן שטראָם פון זון־פאַרגאַנג
אַרונטער מיט זיין פאַלנדן דעמער־ים;
און מער קיין בלוט, קיין זיפצן, און קיין חורבן;
און אויס מיט קול געמישטן פון דעם שקלאַף
און זיין באַפעלער; נאָר ס׳וועט זייער וועג
געפלאַסטערט זיין מיט רעפלעקטירטן שיין
פון וואַסער־בלומען אייביק פרילינגדיק,
און מילדע, פרייע שטימען אומעטום,
און זיס מוזיק, ווי נאָר די גייסטער ליבן.

אַפּאָלאָ

און איך נישט קוקן וועל שוין מער אויף טאַטן
וואָס מאַכן פינצטער מיר מיין מוח מיט צער,
אַזוי ווי יענער ספער וואָס איך רעגיר
פון ליקוי ווערט פאַרטונקלט; נאָר אַט האָרך —

איך הער די ליוטע לויטער זילבערנע
פון יונגען גייסט פון דעם פרימאָרגן־שטערן.

אַקעאַן

דו מוזט איצט גיין; עס וועלן דיינע פערד
שוין רוען אָוונטצייט — ביז דאַן אַדיע!
מיך רופט אַהיים די שרייענדיקע טיף
איך זאָל זי קאָרמענען מיט בלויער שטיל
פון אורנעס עמעראַלדענע אַרויס,
וואָס שטייען אייביק פולע ביי מיין טראָן.
קוק אָן די נערעידעס אונטערן ים,
די גלידער מיטן שטראָם וויבטאַרטיקן
זיך בויגן כוואַליעדיק, די ווייסע אָרעמס
געהויבן איבער האָר צעפּלאָסענע,
מיט בונטן ימישן גירליאַנדן־ציר
פון שטערן־בלומען, ווי זיי איילן זיך
צו זייער גרויסער שוועסטערס יומטוב־מאָל.

(עס הערט זיך אַ גערויש פון כוואַליעס)

דאָס שרייט דער ים דער נישט געפּאַשעטער,
ער רייסט און מאָנט פון מיר זיין פאָרציע שטיל.

בלייב רואיק, מאָנסטער; כ׳קום. אַדיע.

אַפּאָלאָ

אַדיע.

דריטע סצענע

קאַווקאַז. פּראָמעטעוס, העראַקולעס, יאָנע, זײַערד, גײַסטער, אַזיע און פּאַנטעאַ קומען אָן אין דער קאַרעטע מיט דעם גײַסט פון דער שעה. העראַקולעס נעמט אַראָפּ די קײטן פון פּראָמעטעוסן, װעלכער לאָזט זיך אַראָפּ.

הערקולעס

אָ דו, דער העכסטער פון אַלע גײַסטער!
אַזוי טוט כּוח דער חכמה, העלדנמוט,
און דער ליבע פֿיל געליטענער,
און דיר אַלײן, די פאָרם פון זײ באַלעבט,
באַדינען װי אַ שקלאַף.

פּראָמעטעוס

די ליבע רײד
פון דיר זײ זײַנען זיסער מיר פון אַלץ,
אַפילו פון דער פרײַהײט לאַנג געגאַרט
און לאַנג פאַרזאַמט.

אָ, אַזיע, ליכט פון לעבן,
פון אַ שײנקײט נישט געזעענער דער שאָטן;
און שײנע נימפן־שװעסטער, איר װאָס האָט
די לאַנגע יאָרן פון פײַן מיר זיס געמאַכט
מיט אײַער ליבע שטענדיקער און זאָרג;
פון הײַנט מיר װעלן זיך נישט שײדן מער.
פאַראַן אַ הײל אַ דורכגעװאָקסענע
מיט שמעקעדיקע פלאַנצן װאָס שפרײטן זיך
און שליסן אויס דעם טאָג מיט גרינס געדיכט,
אַן אויסגעפלאַסטערטע מיט עמעראַלד,

און אַ פֿאַנטאַן אינמיטן רווישיק שפּרינגט.
פֿון דאַך געבויגענעם דעם באַרגס געטרער
געפּרווירן הענגט אַרונטער אַט ווי שניי,
צי זילבער, צי ווי לאַנגע דימענט־שפּיצן,
און ס'רעגנט מיט אַ צווייפֿלהאַפֿטיק ליכט;
דאָרט הערט מען אייביק אין גערעג די לופֿט
אינדרויסן שעפּטשענדיק פֿון בוים צו בוים.
און פֿייגל־צוויטשעריי, און בינען־זשום;
און סאַפּעס ווייכע, מאַך־געבעטע אַרום,
די ווענט געוויקלט ווילד מיט סאַמעט־גראָז;
אַ פּראָסטע דירה — זי וועט אונדזערע זיין;
ווי מיר'ן זיצן און שמועסן פֿון צייט און בייט,
ווי ס'פֿאַלט און שטייגט די גאַנצע וועלט, חוץ אונדז;
מיר בלייבן אומפֿאַרענדערטע אַליין.
וואָס קען דעם מענטש פֿון ענדערונג פֿאַרהיטן?
און אויב דו'סט זיפֿצן, איך וועל דאַן שמייכלען; און דו,
יאָנע, וועסט זינגען ים־מוזיק פֿראַגמענטן,
ביז איך וועל וויינען, און דו די טרערן וועסט
פֿאַרשמייכלען מיר, וואָס וועלן זיס דאַן ווערן.
מיר וועלן וויקלען קנאָספּן, בלומען, שטראַלן,
און מאַכן קאָמבינאַציעס זעלטענע
פֿון פּשוטע זאַכן, ווי קינדער ניי־געבוירן
אין זייער ערשטער אומשולד; און מיר וועלן
אין אונדזערע גייסטער אומדערשעפּלעכע
מיט בליק און וואָרט פֿון ליבע רק געפֿינען
פֿאַרבאָרגענע געדאַנקען, יעדער נייער
פֿון אַלטן פּרעכטיקער; און מיר'ן וועבן,
ווי ליוטעס פֿון פֿאַרליבטן ווינט באַרירט,
האַרמאָניעס געטלעכע, כסדר ניי,
פֿון זיסע אונטערשיידן, ווו ס'קאָן נישט זיין
קיין ווידערשפּרוך; און ס'קומען אָן אַהער,
געטראָגן פֿון כּישוף־ווינטן וואָס טרעפֿן זיך
צוזאַמען דאָ פֿון אַלע פּונקטן פֿון הימל —
ווי בינען פֿון בלומען געטלעכע געשפּייזט —
פֿון געטין ענאַס אינדזל אין כימעראַ,
די עכאָס פֿון דער מענטשן־וועלט, וואָס ריידן
פֿון קליינער שטים פֿון ליבע, קוים געהערט,

און טויבן־אויגיק מיטליידס מורמל פון ווײ,
און פון מוזיק, דער ווידערקלאַנג פון האַרץ,
און אַלץ וואָס מילדערט אָדער בעסערט אויס
דאָס מענטשלעכע לעבן, וואָס איצט איז פריי;
און וווּנדער־זעוונגען, — אין אָנהויב טונקל,
דערנאָך צעשטראַלט, ווײל ס׳וואַרפט אויף זײ דער שכל
דער העל געשטיגענער פון שיינקייטס קוש
(דערפון די פאָרמען נעמען זיך, וואָס זײ
פאַנטאָם־געשטאַלטן זײנען בלויז פון זײ)
די שטראַלן זײנע די געזאַמלטע,
וואָס זײנען אונדזער גאָרע ווירקלעכקייט —
צו אונדז ווען קומען, ס׳אומשטערבלעך נאָכקומשאַפט
פון מאַלעריי, סקולפּטור, פּאָעזיע,
און קונסטן שפּעטערע, נאָך נישט געאַנט.
די שטימען קיין מאָל מער נישט בלאָנדזשענדע.
צייכנס פון אַלץ וואָס מענטש באַשערט איז צו זײן,
פאַרמיטלערס פון דער העכסטער דינסט — פון ליבע,
וואָס ער און מיר זיך גיבן און קריגן צוריק;
געשטאַלטן פרעכטיקע און קלאַנגען זיס,
וואָס ווערן שענער, צאַרטער אַלץ, וואָס מער
דער מענטש אין חכמה וואַקסט און בעסער ווערט,
און, שלייער נאָך שלייער, ס׳פאַלן אָפּ
פון אים דאָס בייז, די פאַלשקייט: אַזאַ קראַפט
באַזיצט די וווּנדער־הייל און איר אַרום.
(ווענדט זיך צו דעם גייסט פון דער שעה.)

פאַר דיר, דו שיינער גייסט, נאָך בלייבט איין מי.
גיב, יאָנע, אים דאָס קרום געדרייטע מושל,
וואָס ס׳האָט פראָמעטעוס אַזיען אַלס געשאַנק
צו חופּה־נאַכט געמאַכט, אַריינבלאָזנדיק
אין דעם אַ שטים, כּדי פולקום צו ווערן,
און דו׳סט עס באַהאַלטן אונטער הוילן פעלדז.

יאָנע

דו העכסט געגאַרטע שעה, באַליבטסטע דו
און פרעכטיקסטע פון אַלע דײנע שוועסטער!
אָט גיב איך דיר דאָס מושל דאָס מיסטישע;

זע ווי עס מיניעט זיך דער בלאָסער בלוי
און זילבערט זיך און ס׳שלאָגט זיך אָפּ דערפון
אַ ווייך, נאָר גליאיק ליכט, זעט עס נישט אויס,
ווי ס׳וואָלט מוזיק פאַרוויגט געשלאָפן דאָרט?

גייסט

יאָ, עס זעט אויס דאָס שענסטע מושל פון ים;
דער טאָן דערפון מוז זיין אי זיס אי פרעמד.

פראָמעטעוס

גיי, טראָג זיך איבער מענטשהייטס שטעט אויף פערד
געשווינט וויווירבלווינט; און נאָכאַמאָל
די זון יאָג איבער אום־אַרום דער ערד ;
און ווען דיין רייטוואָגן שפּאַלט די ברענענדע לופט,
אָטעם אַריין אין פאַלבן פון דעם מושל
און לאָז די מעכטיקע מוזיק אַרויס;
ס׳וועט זיין ווי דונער שטאַרקער אויסגעמישט
מיט קלאָרע עכאָס — קום דערנאָך צוריק;
און דו וועסט וואוינען לעבן אונדזער הייל.
און דו, אָ, מוטער־ערד! —

די ערד

איך הער, איך פיל;
די ליפּן דיינע כ׳פיל אויף זיך, און זייער ריר
לויפט דורך די מירמלנע נערוון מיינע ביז
מיין סאַמע דימענט־האַרטער חשכות־מיט;
ס׳איז לעבן, ס׳איז פרייד, און דורך מיין גאַנצן גוף
דער ברען פון יוגנט אייביקער בליצט אויף
און צירקולירט. פון היינט, די קינדער פיל
וואָס ליגן אין מיינע אַלץ דערהאַלטנדיקע אָרעמס:
די פלאַנצן אַלע מינים, שרצים־וואָרג,
אינזעקטן רעגנבויגן־פליגלדיק,
די פייגל, חיות, פיש, און מינים מענטש,
וואָס האָבן חולאת און וויטיק רק געזויגן
פון מיין פאַרדאַרטער, יאוש־געסמטער ברוסט —
זיי וועלן קריגן און טוישן צווישן זיך
זיס שפּייז; זיי וועלן אַלע ווערן ביי מיר

ווי יונגע הירשן־שוועסטער צאַרט און שיין,
שניי־ווייסינקע און פלינקע ווי דער ווינט,
וואָס זויגן צווישן ליליעס ביי אַ שטראָם.
די טוי־טומאַנען פון מיין נאַכטיק שלאָף,
זיי וועלן אונטער שטערן אומשוועבן
אַט ווי באַלזאַם; די נאַכט־פאַרוויקלטע בלומען
קאַלירן וועלן זויגן וואָס וועלקן נישט;
און מענטש און חיה טרוימען וועלן גליק
און שעפן קראַפט און פרייד פאַר טאָג וואָס קומט;
און טויט וועט זיין דער לעצטער ליבע־קוש
פון איר וואָס נעמט אָפּ דאָס לעבן וואָס זי'ט געגעבן,
גלייך ווי אַ מוטער טוליעט־צו איר קינד
און זאָגט: „פאַרלאָז מיך מער שוין קיינמאָל נישט".

אַזיע

אַ מוטער! זאָג וואָס מיינט דער נאָמען טויט?
הערן־אויף צו ליבן, באַוועגן זיך, אַטעמען
די וועלכע שטאַרבן?

די ערד

וואָס העלפט מיין ענטפערן דיר?
דו ביסט אומשטערבלעך און דער לשון איז בלויז
צו נישט קאָמוניקירנדע מתים באַוווסט.
טויט איז דער שלייער וואָס די לעבעדיקע
רופן לעבן; זיי שלאָפן איין — דער שלייער פאַלט.
דערווייל איין מילדן אומבייט פון סעזאָנען,
מיט מילדע, רעגנבויגן־געזוימטע רעגנס,
און פערפומירטע ווינטן, און מעטעאָרן
לאַנג־בלויע שייערן די מוטנע נאַכט,
און לעבן־צינדנדע פיילן פון דער זונס
אַלץ־טרעפנדן בויגן, און דער טוי־געמישטער
געפלייץ פון דער לבנה'ס שטילע שטראַלן,
אַן איינפלוס וויך, וועט קליידן וואַלד און פעלד,
און אויך די פעלדז־געבויטע מדבר־וויסט,
מיט בלעטער אייביק גרין, און פרוכט און צווייט.
און דו! ס'איז דאָ אַ הייל דאָרט ווו מיין גייסט
אַרויסגעשפרונגען איז אין צער בשעת

דיין ווי האָט וואַנזיניק געמאַכט מיין האַרץ,
און אַנדערע האָבן איינגעאָטעמט אים
און זיינען אויך געוואָרן וואַנזיניק,
און דאָרט אַ טעמפּל אויסגעבויט, גערעדט,
געוואָרן וואַרזאָגער, און האָבן פאַרפירט
די בלודנע פעלקער צו קעגנזייטיק קריג
און גלויבן פאַראַטן, ווי יאָוו ט'געטאָן צו דיר.
דער גייסט גייט איצטער אויף, ווי אין ווילדגראָז
אין הויכן דער אָטעם פון אַ פיאָלעט,
און מיט אַ ליכט אַ שטילן און רויט לופט
פילט אָן די וועלדער און די פעלדזן אַרום;
דאָס טרייבט דעם וווקס פון וויינשטאָק אין געפלעכט,
און טונקל־געקייטלט וויינריב פלאָנטערדיק,
און פלאַנצן, קנאָספּנדיק צי אָפּגעבליט,
וואָס שטערנען־אויס די ווינטן מיט קאָלירטע
ליכט־פינטלעך ווען זיי רעגענען אַראָפּ,
און זונען גאָלדן־ליכטיקע פון פרוכטן
אין אייגענע גרינע הימלען הענגענדיק,
און אין געוועב פון בלעטער און פון צווייגן
עס שטייען שטענדיק בלומען־בעכערס פול
מיט הימליש טוי פורפור־באַלויכטענעם,
געטראַנק פון געטער, וואָס דורך גלידער גייט
ווי אַ געפלאַטער פון אַ מיטאָג־חלום
וואָס וועקט געפילן פון רו און גליק, ווי די
וואָס איך פיל איצט ביים אומקער פון דיין גליק.
די הייל איז דיינע איצט. שטייג אויף! אַהער!

(אַ גייסט שטייגט אויף אין געשטאַלט פון אַ באַפליגלט קינד.)

דאָס איז מיין פאַקל־טרעגער, וואָס זיין לאָמפּ
געלאָזט האָט אויסגיין אין די אַלטע צייטן,
ווייל ער ט'געשטאַרט אין אויגן, וואָס פון זיי
ער האָט אויפסניי אים אָנגעצונדן מיט ליבע,
וואָס איז ווי פייער, טאָכטער זיסע מיינע,
און דאָס איז דיינע אויך. לויף, חברה־מאַן
און פיר די גרופע ווייט אַריבער שפּיץ
פון וואַקכיש ניזאַ, דעם מענאַדן־באַרג,
אַריבער אינדוס־טייך און זיינע טייכלעך,

טרעטנדיק איבער קאָכיקע שטראָמען פיל
און אָזעריס גלאַט מיט אומבאַנעצטע פיס,
אוממידיקע און אומגעשטרויכלטע,
און אויף ראַווינע גרינער דאָרט אַרויף,
אַריבערן טאָל, ביי סאַזשלקע קרישטאָלענער,
ווו אייביק ליגט, אויף ניט־פאַרווישנדע כוואַליעס,
דאָס אָפּבילד פון אַ טעמפּל, געבויט פון אויבן,
פּולקום מיט זייל און בויגיקן סופּיט,
און בויגן־טויערן, און פּאַלם־קופּאָל,
מיט שניצערייען פּרעכטיקע, וואָס לעבן
אויף ווענט, פיגורן פּראַקסיטעלישע,
מיט שמייכלען מירמלנע וואָס פּילן אָן
די שטילע לופט מיט ליבע אייביקער.
ער שטייט פאַרלאָזט היינט, נאָר אַמאָל ער האָט
געטראָגן דיין נאָמען, פּראָמעטעוס; דאָרט
עס האָבן אייפערדיקע יונגען אַמאָל
דורך חשכות געטלעכער לכבוד דיר
דעם לאָמפּ געטראָגן וואָס דיין עמבלעם ער איז;
אַזוי ווי יענע וואָס פאַרלאָזן נישט
דעם פאַקל פון האָפענונג און טראָגן אים
דורך נאַכט פון לעבן ביז אין קבר אַריין,
ווי דו האָסט אים געטראָגן מיט טריומף
ביז איצט, צום ציל פון צייט. קענסט גיין, אַדיע.
ביי יענעם טעמפּל איז די הייל פון גורל.

פערטע סצענע

וואַלד. אין הינטערגרונט אַ הייל. פּראָמעטעוס, אַזיע פּאַנטעאַ, יאָנע, און דער גייסט פון דער ערד.

יאָנע

שוועסטער, ער איז נישט ערדיש! זע, ווי ר'גליטשט
זיך אונטער בלעטער! ווי ביי אים אויפן קאָפּ
עס ברענט אַ ליכט — אַ גרינער שטערן מיט שטראַלן
פון עמעראַלד, צונויפגעפלאָכטענע
מיט זיינע בלאָנדע האָר! ווי אין זיין גאַנג
די שיינקייט טריפט אַרונטער אויפן גראָז,
ווי פליאַקעס צוויבער־ליכט! דו קענסט אים, שוועסטער?

פּאַנטעאַ

דאָס איז דער גייסט דער אײדעלער וואָס ווייזט
דער ערד איר וועג דורך הימלען. פון דער ווייט
די קאָנסטעלאַציעס די באַפּעלקערטע
אים רופן פרעכטיקסטער פון די פּלאַנעטן;
ער שווימט אַמאָל דורך ים'ס געזאַלצן שפּריץ,
אַמאָל אַ וואָלקנדל ווייך זיין רייטוואָגן ווערט,
צי ער שפּאַצירט ביינאַכט דורך פעלדער, שטעט,
אָדער אַריבער העכסטע שפּיצן בערג,
צי מיט די טייכן אַרונטער, אָדער דורך
דער גרינער וויסטער ווילדערניש, ווי איצט,
און ס'וווּנדערט אַלץ אים וואָס ער זעט. ער איז,
נאָך איידער יאָוו געקומען האָט רעגירן,
אין אונדזער אַזיען געווען פאַרליבט,
און איז געקומען יעדע פרייע שעה
צו טרינקען ס'פליסיק ליכט פון אירע אויגן;

ס׳האָט אים נאָך דעם געדאַרשט, האָט ער געזאָגט,
ווי ס׳וואָלט געביסן אים אַ דיפּסאָס־שלאַנג,
און ווי אַ קינד זיך צוגעלאָזט צו איר,
דערציילט פון אַלץ וואָס ער׳ט געזען, געוווּסט,
און ער האָט פיל געזען, נאָר נישט געוווּסט
דעם מיין דערפון; און ער האָט זי גערופן —
זיין אָפּשטאַם ווייסט ער נישט, און אויך נישט איך —
מיין ליבע מוטער.

דער גייסט פון דער ערד
(צולויפנדיק צו אַזיען.)

מוטער, ליבסטע מוטער!
קען איך מיט דיר איצט רעדן ווי אַמאָל?
קען איך די אויגן אין דיינע אָרעמס באַהאַלטן
ווען דיינע בליקן מאַכן זיי מיד פון פרייד?
און קען איך ווידער לאַנגע מיטאָג־שעהן
זיך שפּילן לעבן דיר ווען ס׳לאָזט מיך אָפּ
די אַרבעט אין דער העלער שטילער לופט?

אַזיע
איך האָב דיך ליב, צאַרט וועזן! פון איצטער אָן
איך קען דיך טייער האַלטן, פריי פון קנאה,
איך בעט דיך, רייד! עס פלעגן דיינע רייד
די פראָסטע טרייסטן אַמאָל — זיי פרייען היינט.

גייסט פון דער ערד
מוטער, איך בין געוואָרן קליגער היינט,
כאָטש ס׳קען אַ קינד נישט ווערן קלוג ווי דו
אין היינטיקן טאָג; איך בין אויך גליקלעכער —
אי גליקלעכער, אי קליגער מיטאַמאָל:
דו ווייסט, אַז ראַצן, שלאַנגען, שפּינען, פליי,
און ווערים עקלהאַפטע אַלערליי,
און חיות בייזע, דאָרשטיקע נאָך בלוט,
און וווּקסן וואָס גיבן סם־המות פרוכט,
דאָס אַלץ האָט תמיד מיך געמאַטערט שטאַרק
אין מיין שפּאַצירן איבער גרינער וועלט;

און צווישן מענטשן וואַנדערנדיק, איך האָב
באַגעגנט פּנימער פֿאַרהאַרטעוועט,
און שטייפֿע גאווה־בליקן, בייז און קאַלט,
און טעמפּ און זעלבסט־פֿאַרליבט אומוויסנהייט,
און מיאוסע מאַסקעס נאָך אַזעלכע פֿיל,
וואָס די מחשבות בייזע דעקן צו
מיט זיי דאָס, ווען וואָס מיר רופֿן מאַן;
און אויך די פֿרוי, וואָס מיאוסער איז פֿון מיאוס
ווען פֿאַלש פֿאַרקרימט (כאָטש שיין ווען גוט און ליב,
און פֿריי, ווי דו); און ווען כ׳בין זיי פֿאַרביי,
ס׳איז מיר נישט־גוט געוואָרן, כאָטש זיי זיינען
געשלאָפֿן, און איך געווען בין אומגעזען.
אָט ערשט נישט לאַנג מיין וועג האָט מיך געפֿירט
דורך גרויסער שטאָט צו בערגלעך וואלדיקע
וואָס רינגלען זי אַרום; אַ שומר איז
ביים טויער דאָרט געשלאָפֿן; מיטאַמאָל
האָט זיך אַ הויכער קלאַנג אַזאַ צעקלונגען,
אַזש טורעמס האָבן זיך געטרייסלט אין ליכט
פֿון דער לבֿנה, דאָך איז עס געווען
פֿון אַלע קולות זיסער, חוץ פֿון דיינעם;
אַ לאַנגער, לאַנגער קלאַנג האָט זיך געצויגן
ווי אָן אַ סוף; און אַלע איינוואוינער,
זיי זיינען אויפֿגעשפּרונגען מיטאַמאָל
פֿון זייער שלאָף, אין גאַסן זיך פֿאַרזאַמלט,
פֿאַרוואונדערטע צום הימל אַרויפֿגעקוקט,
בעת די מוזיק האָט אַלץ זיך נאָך געצויגן.
כ׳האָב זיך באַהאַלטן אין אַ פֿאָנטאַן אויפֿן סקווער,
ווו כ׳בין געלעגן ווי אַן אָפּשיין בלייך
פֿון דער לבֿנה ווען זי קוקט אַרויף
פֿון זילבער־פֿאַליע אונטער גרינער בלאַט;
און באַלד פֿאַרביי מיר האָבן אָפּגעשוועבט
די אַלע מיאוסע פּנימער פֿון מענטש,
וואָס האָבן מיך געמאַטערט, ווי געזאָגט,
און זיינען שטיל פֿאַרגאַנגען אין די ווינטן
וואָס האָבן זיי צעשפּרייט; און יענע וואָס
פֿון זיי די מיאוסקייט האָט זיך אָפּגעטאָן
געבליבן מילדע, ליבע זיינען שטיין,

און אַלע פּנימער געענדערטע,
און נאָך אַ ווײַל אַנטציקונג און גערויש
פון אַלגעמיינער פרייד, זיי האָבן אַלע
צו זייער שלאָף צוריק זיך אומגעקערט;
און ווען דער מזרח האָט געגומען טאָגן —
וואָלסטו געגלויבט, אַז זשאַבעס, יאַשטשערקעס,
און שלאַנגען זאָלן קענען ווערן שיין?
זיי זיינען שיין געוואָרן, הגם קנאַפּ־וואָס
געענדערטע אין פאָרם און אין קאָליר;
אַלצדינג האָט אויסגעטאָן די שלעכטע נאַטור
פון זיך. איך קען נישט אויסדערציילן מיין פרייד,
ווען איבער אַזערע איך האָב געזען,
ווי אויף אַ צווייג פון ברעג אַראָפּגעהאַנגען,
מיט נאַכט נאָך דורכגעפלאָכטן, עס שטייען צוויי
העל־בלויע קיניגפישער־פייגל און פּיקן
אַ בינטל בורשטין־קאָלירטע יאַגעדעס,
און אין דער טיף די צוויי געשטאַלטן שיין
זיך האָבן אָפּגעשפּיגלט ווי אין אַ הימל;
אַזוי, פון אַלע פריילעכע בייטן דערפרייט,
מיר טרעפן זיך — דער פריילעכסטער בייט פון אַלץ.

אַזיע

און מער שוין נישט צעשיידן זיך, ביז וואַנען
דיין לויטער־ריינע שוועסטער, וועלכע פירט
ןיי פראַסטיקע, ניט־שטאַנדהאַפטע לבנה,
וועט אויף דיין ליכט, מער גלייך און ווארעם, קוקן
און ס'וועט צעגיין איר האַרץ ווי אין אַפּריל
גר שניי, און זיך אין דיר פאַרליבן.

גייסט פון דער ערד

וואָס!

אַזוי ווי אַ ז י ע אין פ ר אָ מ ע ט ע ו ס ן ?

אַזיע

שווייג, שטיפער! דו ביסט נאָך נישט אַלט גענוג.
מיינסטו דורך שטאַרן איינס אין אַנדערנס אויגן
צו טאָפּלען אייערע שיינע איכן, ביז

איר׳ט מאַכן פול די צווישן־לבנה לופט
מיט פייערן ספערישע?

גייסט פון דער ערד

ניין, מוטער, בעת
מיין שוועסטער פוצט איר לאָמפּ, ווי קען איך טונקלען?

אַזיע

האָרך, זע!

(דער גייסט פון דער שעה קומט אָן.)

פראָמעטעוס

מיר פילן וואָס דו ווילסט זאָגן: דאָך, רייד.

גייסט פון דער שעה

באַלד ווי ס׳האָט אויפגעהערט דאָס קול וואָס האָט
מיט זיין געדונער פול געמאַכט די תהומען
פון הימל און אום־אַרום דער גאַנצער ערד,
געוואָרן איז אַ בייט; די שיטערע לופט
די אָן־ממשותדיקע און דאָס ליכט
דאָס אַל־אַרומרינגלענדיקע פון דער זון
זיך האָבן לחלוטין טראַנספאָרמירט, ווי ס׳וואָלט
די ליבע, וואָס אין זיי איז אויפגעלייזט,
אַרומגעוויקלט די וועלט די ספערישע.
עס איז מיין וויזיע מיר געוואָרן קלאָר,
און כ׳האָב גענומען בליקן אין דער טיף,
אַריינגעקוקט אין סודות קאָסמישע;
מיט קאָפּ פאַרשווינדלט ווי פון פרייד איך האָב
געגליטשט זיך שנעל אַרונטער, שניידנדיק
מיט פליגל שטיל־שטייענדע די רירלאָזע לופט;
די פערד די פייערדיגע מיינע האָבן
געזוכט ס׳געבורט־אָרט זייערס אין דער זון,
ווו פון היינט אָן זיי וועלן פריי פון מי
זיך פאַשען אויף די קווייטן פון גרינוואַרג־פייער;
ווו מיין קאַרעטע די לבנה־אַרטיקע
וועט אין אַ טעמפל שטיין, אַרומגערינגלט
מיט פיל פיגורן פידישע — פון דיר,
פון אַזיען, פון דער ערד, און אויך פון מיר,
און פון איך שיינע נימפן וואָס קוקט אויס

די ליבע וועלכע מיר אין הארצן פילן —
דענקמאלן צו די גליקן וואס זי ט׳געגעבן —
מיט א קופאל פון אויבן אויסגעשניצט
מיט פוץ געבלומטן און אַוועקגעשטעלט
אויף זיילן צוועלף פון פראכט־געטאַקטן שטיין,
און אָפן צו דעם ליכטיק־נאסן הימל.
צו אים געשפאנט מיט שלאַנג צוויי־קעפיקן,
פיגורן פון יענע פערד געפליגלטע
מאכן שפּאַט פונם פלי פון וועלכן זיי רוען־אפ.
אך! כ׳האב מיין צונג־בישט־צונג פארלוירן שוין,
איידער כ׳האב איך דערציילט וואס אירווילט הערן.
ווי שוין געזאגט, כ׳האב צו דער ערד געשוועבט;
ס׳האט ווי געטאן דאס גליק, ווי ס׳טוט אויך איצט,
פון זיך באוועגן, אטעמען און זיין;
כ׳האב צווישן מענטשן וואנדערן דאן גענומען
און כ׳בין אַנטוישט געווען צוערשט דערפון
וואס איך האב נישט געזען דעם גרויסן בייט,
ווי יענער בייט וואס כ׳האב אין זיך געפילט,
אין זאכן דרויסנדיקע אויסגעדריקט;
נאר כ׳האב זיך צוגעקוקט און באלד געזען:
די טראנען קיניגלאַז, און ס׳גייען אום
די מענטשן ווי גייסטער, צווישן זיך;
מען חנפהט נישט, מען טרעט אויף קיינעם נישט;
קיין האס, פאראכטונג, גאווה אדער שרעק,
קיין אייגן־ליבע אדער אייגן־שאנד
אויף מענטשנס פנימער נישט אויסגעקריצט,
ווי היינט ווען אויסגעקריצט אויף זיי ס׳שטייט,
ווי איבער דעם גיהנום־טויער דארט;
„קיין האפנונג מער פאר איך וואס קומט אהער״;
קיין קרומער פנים נישט, קיין ציטערן,
און קיינער קוקט מיט אַנגסטיק שרעק מער נישט
אין צווייטנס אויג פון הערשעריש באפעל,
ביז דער טיראן פון ווילן אייגענעם
ווערט אונטערוואַרפן מער ווי זיין אונטערטאַן,
און ס׳יאָגט אים ווי א פערד דערשעפּט צום טויט.
און קיינער מער די ליפּן קרימט שוין נישט
אין שטריכן פאַלשע, וועלכע שמייכלען אויס

דעם ליגן, וואָס דער צונג זיך שעמט צו זאָגן;
און קיינער מער אין האַרץ אין אייגענעם
נישט טראַמפּלט אויס דעם לעצטן פונק פון ליבע ,
ביז ס׳בלייבט אים בלויז דאָס אַש דאָס ביטערע,
אַ זעלבסט־פאַרצערטע זעל, און ס׳קריכט אַרום
אַ שאַרבן, צווישן מענטשן אַ וואַמפּיר,
פאַרפּעסטנדיק די וועלט מיט קרענקלעכקייט;
ס׳רעדט קיינער נישט די פּוסטע, פאַלשע רייד,
וואָס מאַכט דאָס האַרץ צו לייקענען דעם יאָ
וואָס ס׳האָט געזאָגט אַליין, און דאָך צו צווייפלען
די נישט־געמיינטע היפּאָקריטישקייט
מיט אַ זעלבסט־אומגלויב וואָס האָט קיין נאָמען נישט.
אויך פרויען — אָפנהאַרציק, שיין, און ליב,
אַט ווי דער הימל וואָס רעגנט פריי זיין ליכט
און טוי אַרום דער גאַנצער ברייטער ערד;
געשטאַלטן ליבלעכע און שטראַלנדע,
פון הרגלס בייזן פלעק באַפרייט און ריין;
מיט רייד פון חכמה נישט געדענקט אַמאָל,
געפילן נישט געוואָגט צו פילן אַמאָל,
און אַלץ וואָס זיי אַמאָל געשראָקן האָט
צו זיין, דאָס זיינען זיי געוואָרן איצט, —
זיי האָבן דערמיט פון ערד אַ הימל געמאַכט:
קיין גאווה, אייפערזיכט, און קנאה נישט,
קיין בייזע שאַנד, דער טראָפּן ביטערסטער
פון לאַנג־געזאַמלט גאַליק ביטערניש,
וואָס סמען פלעגט דעם זיסן כוס פון ליבע.

טראָנען, אַלטאַרן, משפּט־שטולן, תפיסות,
אין וועלכע מענטשן אָרעמע אַמאָל
געטראָגן האָבן סצעפּטערס, טיאַראַס, קייטן,
און טאָמען פול מיט שקר אויסגעשכלט,
און צוגעגלעטיקט מיט אומוויסנהייט,
געוואָרן זיינען שוין ווי די געשטאַלטן
די מאָנסטערהאַפטע און באַרבאַרישע,
געשפּענסטער פון עפּאָכן פאַרגעסענע,
וואָס קוקן מיט טריומף אַרונטער היינט
פון אָבעליסקן אַלט אויף די פּאַלאַצן

די חרובע און אויף די קבֿרים טיף
פון די וואָס האָבן זיי באַהערשט אַמאָל;
צעפוילנדיק, געשטאַלטונגען געמאַכט
צום שטאָלץ פון מלכים און כּוהנים הויך,
אַ פינסטערע נאָר מעכטיקע אמונה,
אַ מאַכט אַ גרויסע, ווי די גרויסע וועלט
וואָס זי האָט וויסט געמאַכט, זיי זיינען איצטער
צו שאַנד און צו דערשטוינונג בלויז געבליבן;
נאָך שטייען די געציג און די עמבלעמען
פון איר געפאַנגענשאַפט דער לעצטער שוין
צווישן ישובֿים פון באַוואוינטער ערד,
נישט אומגעוואָרפן, נאָר שוין נישט געאַכט.
און יענע העסלעכע געשטאַלטן נאָך,
פאַרהאַסט פון גאָט און מענטש — מיט נעמען פיל
און פאַרמען פיל, און אַלע גרוילִיק, ווילד,
אָפּשוילעך, עקלהאַפט, נאָר מיט איין מיין:
יופּיטער, אונטערדריקער פון דער וועלט;
דער וועמען פעלקער האָבן פון שרעק געדינט
מיט בלוט, און הערצער קראַנק פון לאַנגן האָפן,
און ליבע, אומרייניק און אומבאַקראַנצט
געשלעפּט צו זיין אַלטאַר, און דאָרט געשאָכטן
אין מיט פון טרערן עלנטע פון מענטשן,
חנפענענדיק דאָס וואָס זיי שרעקט, און האַסן —
זיי ליגן פוילנדיק, אין ווייסע טעמפּלען.
דער שלייער דער געפאַרבטער פון אַמאָל,
וואָס מ'האָט גערופן לעבן, וואָס ט'נאַכגעקרימט,
פונקט ווי מיט פאַרבן בלינד פאַנאַנדערגעשמירט,
דעם מענטשנס גלויבן און האָפן, איצט איז צוריסן;
די מיאוסע מאַסקע איז געפאַלן, דער מענטש
איז סצעפּטערלאָז, פריי, אומבאַפעלט — בלויז מענטש;
גלייך, קלאַסנלאָז, אָן שבֿט, אָן אַ פאָלק,
קיין אויבערמאַכט, דער מושל איבער זיך;
גערעכט, מיט חכמה, איידלקייט — אַ מענטש:
אָן ליידנשאַפט? — דאָס ניין, פונדעסטוועגן,
ער איז פון שולד און ווייטיק פריי, כאָטש אַלץ
נישט פריי, ווייל פון זיין ווילן געמאַכט, געדולדעט,
הגם ער פירט זיי אונטער זיין קאָנטראָל,

פון צופאַל, טויט, און פון פאַרענדערלעכקייט,
די וואָגן וואָס פאַראַנקערן אים, ער זאָל
נישט פליען העט אַריבער העכסטן שטערן
אין הימל־הויך נאָך נישט באַשטיגענער,
אין איבער־קאָסמיש תהו אויפגעשפּיצט.

פערטער אַקט

סצענע 1. — אַ טייל פון וואַלד, ביי דער הייל פון פּראָמעטעוסן. פאַנטאַ און יאָנע שלאָפן. זיי וואַכן אויף ביסלעכווייז אין צייט ווען דאָס ערשטע ליד ווערט געזונגען

כאָר פון אומגעזעענע גייסטער
שוין נישטאָ קיין שטערן גאָר —
ווייל די זון, זייער פּאַסטעך,
זיי פאַרטריבן האָט האַסטיק
אין דער טיף פון קאַיאָר,
איילנדיק אין איר פלאַמיק געשפּאַן, און פאַר איר
פון הימל זיי פאַרשווינדן,
ווי פאַרן לעמפּערט די אינדן,
נאָר ווו זיינט איר?
אַ צוג פינסטערע געשטאַלטן און שאָטנס פאַרט טומלענדיק פאַרביי, זינגענדיק:
דאָ! מיר פאָרן
און פירן דעם אָרון
פון דעם פאָטער פון פילע פאַרפאַלענע יאָרן;
מיר פירן געבונדן
אַלע טויטע שטונדן,
מיר טראָגן צייט אין איר אייביקייט־קבר דעם רונדן.

צעזיי, צעזיי,
נישט גרינס, נאָר שטרוי!
נעץ דעם שטויביקן אָרון מיט טרערן, נישט טוי!
זאָל ס׳פאַרוועלקטע געקווייט
פון טויטס טרוקענער בייט
אויף דעם קיניג פון שעהן ווערן געשפּרייט!

שנעל, אַ, שנעל!
ווי שאָטנס אין פעלד
געטריבן בייטאָג פון בלויען הימל־צעלט.
מיר גייען אויס
ווי שפריי־געברויז
פאַרן אָנקום פון אַ טאָג געטלעך גרויס,
צוגעזונגען, איינגעוויגט
פון ווינטן שטאַרבנדיק
אויפן בוזעם פון זייער אייגן מוזיק.

יאַנע

ווער די שאָטנס, ווער?

פאַנטאַ

שעה'ן שוואַך, שעה'ן שווער —
אין דעם עבר אַוועק
מיטן רויב פולע זעק,
אָנגעפלינדערט אין זיג,
וואָס בלויז איינער ע ר
קען אָפּשלאָגן צוריק.

יאַנע

זיינען זיי שוין נישטאָ?

פאַנטאַ

איבערגעיאָגט דעם שטורמווינט —
אָט געווען, שוין אַהין.

יאַנע

וואוהין, אַ וואוהין?

פאַנטאַ

צו דער פינצטער, צום עבר, צום טויט.

כאָר פון אומגעזעענע גייסטער

אויפן הימל וואָלקנס העלן,
ראָסע־שימער אויף ד'ערד,

אויפן ים די וועלן
אַנגעבאַרגט, אַנגעקערט
פונם שטורעם פון פרייד, פון פּאַניק פון שיר!
זיי צאַפּלען אַנטציקט,
זיי טאַנצן פון גליק,
נאָר ווו זיינט איר?

סאַסנע־צווייגן שאַלן
אַלט געזאַנג פון ניי גליק,
די וועלן און קוואַלן
וואַרפן ניי מוזיק,
ווי ס׳געזאַנג פון אַ גייסט פון ים און פון לאַנד;
פון די בערג שטורעמס לאַכן,
מיט פרייד דונערן קראַכן,
נאָר איר ווו זיינט?

עכאָס

ווער די רייטערס, ווער?

פאַנטעאַ

ווו די רייטוואָגנס, ווו?

האַלב כאָר פון שעהן

דאָס קול פון די גייסטער פון לופט און פון ערד
האָט צעעפנט דעם שלאָפס טיף פאַרהאַנג פון בילד,
וואָס פאַרדעקט אונדזער זיין און אונדזער געבערט
אין דער טיף פאַרהילט.

אַ קול

אין דער טיף?

ערשטער האַלבכאָר

אַ, אונטער דער טיף.

ערשטער האַלבכאָר

מיר זיינען געשלאָפן דור נאָך דור
פאַרוויגט אין וויזיעס פון האַס און פון בראָך,
און ווער ס׳איז אויפגעשטאַנען נאָר

ווען זיין ברודער איז געשלאָפֿן נאָך,
געפֿונען האָט די וואָר —

צווייטער האַלבכאָר

פֿון די וויזיעס ערגער נאָך!

ערשטער האַלבכאָר

מיר'ן געהערט אין שלאָף דער האָפֿנונגס ליוט,
מיר'ן געקוקט אין טרוים דער ליבעס זונג,
מיר'ן געפֿילט אין האַנט פֿון מאַכט די רוט,
און שפּרונג —

צווייטער האַלבכאָר

ווי די וועלן אין פֿרימאָרגן יונג!

כאָר

וועבט דעם טאַנץ אויפֿן דעק פֿונם ווינט,
לעכערט־דורך מיט געזאַנג ס'ליכט פֿון הימל פֿאַרטראַכט,
פֿאַרכישופֿט דעם טאָג וואָס צו־גיך פֿאַרשווינדט,
צו פֿאַרהאַלטן זיין געלאַף פֿאַר דער הייל פֿון דער נאַכט.

אַמאָל פֿלעגן די הונגעריקע שעהן
דעם טאָג אַזוי ווי יאָג־הינט באַפֿאַלן,
און דער טאָג, ווי אַ הירש מיט בלוטנדע טלאָען,
פֿלעגט הינקען, זיפֿצן, זיך שטרויכלען און פֿאַלן
דורכן מדבר־יאָרס יעדענאַכטיקע טאָלן.

נאָר איצט, אָ, וועבט די מיסטישע קייט
פֿון מוזיק, און טאַנץ, און געשטאַלטן פֿון ווינט!
קומט שעהן און גייסטער פֿון מאַכט און פֿון פֿרייד —
ווי די וואָלקנס און שטראַלן זיך פֿאַרבינדט.

אַ קול

זיך פֿאַרבינדט!

פֿאַנטעאַ

זע, ווו די גייסטער פֿון דעם מענטשנס מוח,
אין קלאַנגען זיס געשלייערט, קומען אָן.

גייסטער־כאָר

מיר קומען אין קאָן
פונם טאַנץ, פונם טאָן,
ווו דער ווירבלווינט פון פרייד אונדז טראָגט אָן:
ווי די פלי־פיש אין שטיף
פון דער אינדישער טיף
זיך שפילן מיט פייגל אין לופטיקן ליפט.

כאָר פון שעהן

פונוואַנען קומט איר אין ווילדן פליס,
מיט סאַנדאַלן פון בליץ אויף אײַערע פיס,
אײַערע פליגל צאַרט און ווי בליצן שנעל,
און די אויגן ווי ליבע אָפן און העל?

כאָר פון גייסטער

מיר קומען פונם זין
פון מענטשלעכן מין,
וואָס געוועזן איז טונקל, אומריין, בלינד;
איצט איז ער ווי אַ ים
פון לויטערן שטראָם,
אַ הימל שטיל און מעכטיק און טיף ווי דער תהום.

פון תהומיש־טיפן טאָל
מיט וואונדער אָן צאָל,
מיט היילן — פּאַלאַצן פון פרעכטיק קרישטאָל;
פון טורעמס הימל־הויך,
וואו געקרוינטע פון מוח
קוקן־צו אייער טאַנץ, אָ, שעהן רייך.

פון טונקעלע סטעזשקעס
פון ליבע און לאַסקעס,
וואו געליבטע אייך כאַפּן ביי האָריקע פּאַסמעס;
פון לאַזורנע אינדזלעך
וואו חכמה לאַכט זיסלעך
און פאַרהאַלט אייערע שיפן מיט סירענע־שפּיצלעך.

פון די טעמפּלען אויבן

פון אויערן, אויגן,
וואָס סקולפּטור און פּאָעזיע באַדאַכן, באַשויבעז;
פון רוישן און פּראַלן
פון אויפגעזיגלטע קוואַלן
ווו ווייסנשאַפט באַטויט אירע פליגלען דעדאַלע.

און יאָרן נאָך יאָרן
דורך בלוט און דורך טרערן,
אַ גיהנום פון האַסן, און האָפן, און צאָרן;
געבלאָנדזשעט, געלאָפן,
און קוים־ווו אַ האָפן,
ווו שנעל־וועלקנדע פריידן באַרועז, פאַרשלעפן.

איצט אונדזערע פיס
פון רו שוין געשיצט,
און פון פליגל דער טוי ווי באַלזאַם פליסט;
און איבער דעם שכל
איז ליבע דער צייכן,
און ס׳ווערט אַ גן־עדן ווו ס׳פאַלט נאָר איר שמייכל.

כאָר פון גייסטער און שעהן

לאָמיר וועבן ס׳געוועב פון דעם מיסטישן תיקון
פון די עקן פון דער ערד און טיפן פון הימל,
קומט, פלינקע גייסטער פון מאַכט, פאַרגעניגן,
פילט־אָן דעם טאַנץ, די מוזיק, דעם געווימל,
ווי טויזנט שטרעמלעך לויפן פאַרביי מיט געדראַנג
צו איין ים פון פּרעכטיק האַרמאָנישן קלאַנג.

כאָר פון גייסטער

אונדזער רויב איז געמאַכט,
אָפּגעטאָן אונדזער זאַך,
זיינען פריי מיר צו שוועבן הויך, טיף צי פלאַך;
אַריבער דעם רוים,
אָדער אין דער צוים,
וואָס מיט חושך דעם קאָסמאָס פעסטיקט אַרום.

אַריבער די שטערן

און הימל דעם לערן
אונדזער היים די פּראַקטיקע טיף וועט ווערן;
טויט, כאַאָס, און נאַכט
וועלן לויפן אָן שלאַכט
פון אונדז, ווי נעפּל פון שטורעמס מאַכט.

לופט, ליכט, און די קראַפט
וואָס איבער שטערן שאַפט
און טרייבט זיי אַרום אין פלאַמיק געלאַף;
שכל, ליבע, נשמה,
קעגן טויט אין מלחמה,
זיי וועלן געווינען ווו נאָר מיר קומען.

און אונדזער זינגען וועט בויען
אין דעם תהו דעם גרויען
אַ וועלט ווו דער גייסט פון חכמה וועט רוען;
מיר׳ן אונדזער געצעלט
מאַכן אין מענטשנס נייער וועלט,
און אין שלימות וועט שטיין פּראָמעטעוסעס ווערק.

כאָר פון שעהן
ברעכט דעם טאַנץ, צעשטרייט דעם שיר;
אַ טייל זאָל גיין, אַ טייל בלייבט דאָ.

האַלבכאָר 1
אַריבער דעם הימל געטריבן ווערן מיר;

האַלבכאָר 2
ערדס צויבער אונדז פאַרהאַלט אָט־דאָ.

האַלבכאָר 1
אָן אויפהער, און פלינק, און פייער־פלאַם,
מיט די גייסטער וואָס בויען ניי ערד און ים,
און אַ הימל ווו מ׳האָט פריער פון הימל נישט געאַנט.

האַלבכאָר 2
געלאַסן און שטיל, ליכטיק, באַזאַכט,

פירנדיק דעם טאָג, איבעריאָגנדיק די נאַכט,
מיטן כּוח פון אַ וועלט פון פּערפעקטער פּראַכט.

האַלבכאָר 1

מיט ציקצאַקיש געדריי אַרום ווערנדער קויל,
ביז דיביימער, און חיות, און וואָלקן־געקנויל
דעם כאַאָס שטילן איין מיט ליבע, נישט גרויל.

האַלבכאָר 2

אום־אַרום אָקעאַן און די בערג פון דער ערד,
און ס'גליקלעך געבײַט פון איר טויט און געבערט
די מוזיק פון זיס פרייד ביי אונדז עס ווערט.

כאָר פון גייסטער און שעהן

ברעכט זעם טאַנץ, צעשטרייט דעם שיר,
אַ טייל זאָל גיין, אַ טייל בלייבט איבער,
ווו נאָר מיר פליען, אַהין פירן מיר
אויף לייצעס צאַרט, ווי שטראַלן־געשפיר,
די וואָלקנס וואָס טראָגן מיט רעגן פון ליבע.

פּאַנטעאַ

האַ! שוין נישטאָ זיי!

יאָנע

דאַך, צי פילסטו נישט
דעם תענוג פון מתיקות וואָס פאַרגאַן?

פּאַנטעאַ

פּונקט ווי דאָס נאַקעט גרינע בערגל דאָרט,
ווען ווייכער וואָלקן לייזט זיך אויף אין רעגן,
לאַכט מיט טויזנט טראָפּנס זוניקע
אַנטקעגן אָפּגעדעקטן בלויען הימל!

יאָנע

אָט ווי מיר ריידן שטייגן טענער ניי.
וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאַנג משונהדיק?

פֿאַנטעאַ
ס'איז טיף מוזיק פֿון ראַלנדיקער וועלט,
וואָס אין די סטרונעס כוואַליקע פֿון לופֿט
צינדט־אָן עאָלישע מאַדולאַציעס.

יאַנע
און הער זיך צו, ווי יעדע פּויזע ז'פֿול
מיט אונטערטענער קלאַרע, זילבערנע,
און שאַרפֿע, אייזיקע, און וועקנדע,
וואָס די עמפּינדונג דרינגען דורך, און לעבן
אין זעל, פּונקט ווי די שטערן שטעכן דורך
די ווינטער־לופֿט די לויטערע ווי גלאָז,
און זיי דערזעען זיך אַליין אין ים.

פֿאַנטעאַ
נאָר זע ווו דורך צוויי עפֿנונגען אין וואַלד,
וואָס צווייגן, ווי חופּות גרינע, דעקן איבער,
דאָרט רינעס צוויי פֿון טייכעלע פֿון איינס,
אין מאָך געדיכטן מיט פּיאַלעט פֿאַרוועבט,
האָבן פֿון מעלאַדיע זיך אַ וועג געמאַכט,
ווי שוועסטער צוויי וואָס שיידן זיך מיט זיפֿץ,
כּדי מיט שמייכל זיך צו געגענען,
זיך מאַכנדיק פֿון זייער שיידונג באַנג
אַן אינדזועלע פֿון צער מחיהדיק,
אַ וואַלד פֿון זיס און אומעטיק געדאַנק.
צוויי וויזיעס פֿון פֿאַנטאַסטיש שטראַליק ליכט
צוזאַמען שוועבן איבערן קלאַנגען־שטראָם
וואָס פֿליסט אַלץ העפּטיקער, און שאַרף און טיף,
אונטער דער ערד און דורך דער ווינטלאָזער לופֿט.

יאַנע
איך זע אַ רייטוואָגן, ווי דאָס דינע שיפֿל
וואָס טראָגט די מוטער פֿון חדשים אַוועק
אין ליכט אין פֿאַלנדן צו איר מערבֿ־הייל,
ווען זי אַנטשטייט פֿון ליקוי־לבֿנה טרוים;
און איבער דעם אַ חופּה איז געשפּרייט
אַ ספֿערישע ווי לייכטע פֿינצטערניש,

און בערג און וועלדער קלאָר־געזעענע
אַדורך איר שלייער טונקל־לופטיקן
זעען־אויס געשטאַלטן אין אַ מכשפֿס גלאָז;
ס'האָט רעדער — וואָלקן מאַסיוו, לאַזור און גאָלד,
ווי די וואָס דונער־גייסטער וואַרפֿן־אָן
אויף גרונט פֿון ים אויף דעם באַלויכטענעם
בשעת די זון זיך לאָזט אַרונטער אונטן;
זיי דרייען און באַוועגן זיך און וואַקסן
ווי פֿון אַ ווינט אַן אינעווייניקסטן;
אין דעם אַ פּיצל קינד באַפֿליגלט זיצט,
דאָס פּנים ווייס, ווי בליאַסקעדיקער שניי,
די פֿליגל — פֿעדערן פֿון זוניק פֿראָסט,
די גלידער בליאַסקען ווייס אַדורך די פֿאַלדן
געוועבט פֿון פּערל פֿון עפּירישן;
מיט האָר מיט ווייסע, פּונקט ווי ווייסע ליכט,
צעפּאַטלטע אין פּאַסמעס; נאָר די אויגן —
צוויי הימלען פֿון אַ פֿליסיק פֿינצטערניש,
ווי ס'וואָלט די גאָטהייט וואָס אין זיי געגאָסן,
ווי שטורם פֿון וואָלקנס פֿון צעריסענע,
די חשכות פֿון די ברעמען זייערע,
לעשנדיק דערמיט די שטראַליק קאַלטע לופֿט
אַרום, מיט פֿייער וואָס קיין ליכט איז נישט;
אין האַנט ער האַלט אַ צאַפּלדיקן שטראַל
פֿון דער לבֿנה, וואָס זיין שפּיץ פֿאַרמאָגט
די קראַפֿט זיין רייטוואָגן צו דירעקטירן
און טרייבן, טרייבן זיינע וואָלקן־רעדער,
וואָס דרייען זיך כּסדר איבער גראָז,
און איבער בלומען, איבער כוואַליעס, און
ווי רעגן זינגענדער פֿון זילבער־טוי.

פֿאַנטעאַ

און פֿון דער צווייטער עפֿענונג אין וואַלד
מיט ראַשיק, ווירבלדיק האַרמאָניע גייט
אַ ספֿער, ווי טויזנט טויזנט ספֿערן גרויס,
האַרט ווי קרישטאָל, נאָר דורך איר מאַסע פֿליסט,
ווי דורך אַ לערן רוים, מוזיק און ליכט;
צען טויזנט וועלטן ווירבלענדיק פֿאַרוויקלט,

פורפור, לאַזור, און ווייס, און גרין, און גאָלד,
איין ספער אין צווייטן; און יעדער רוים אינצווישן
באַפּעלקערט איז מיט אומגעדאַכטע וועזנס,
ווי גייסטער נאָר אין חלום קענען זען
באַוווינענדיק די טיף די לאַמפּלאָזע,
דאָך צווישן זיך אָנזיכטיק, מיט טויזנטער
באַוועגונגען זיך דרייענדיק אַרום
אויף טויזנט אַקסן אומגעזעענע,
זיך יאָגנדיק מיט זעלבסט־פאַרניכטנד אייל,
אָן אויפהער, העפּטיק, העפּטיקער פאָרויס.
און ציבדן אָן מיט קלאַנגען אַלערליי,
און טענער פיל, געשפּרעך פאַרשטענדלעכן
און ווילד מוזיק. מיט מעכטיקן געדריי
דער פיל־פילפאַכיקער וועלט־אַל צעמאָלט
דעם גאַנצן העלן שטראָם אויף בלוי געדאַמף
פון עלעמענטישן סובטיל, ווי ליכט;
און ווילדער ריח פון בלומען וואַלדיקע,
און די מוזיק פון לעבעדיק גראָז און לופט,
דאָס עמעראַלדיש ליכט וואָס קומט פון שטראַלן
אין בלעטער גרין פאַרפלאָנטערטע — דאָס אַלץ
אַרום איר העפּטיקן און שטענדיקן,
און דאָך זעלבסט־סתירותדיקן געיעג זעט אויס
צונויפגעקנאָטן אין איין געלייטערט מיש
פון הימלשער מאַסע וואָס דערטרינקט דעם זין.
און אין דער מיט פון דעם וועלט־אַל עס ליגט,
געבעט אויף ווייכע אַלאַבאַסטער הענט,
אויף זיינע אייגענע פאַרלייגטע פליגל,
און אויף די אייגענע געלאָקטע האָר,
גלייך ווי אַ קינד פון מי פון זיסער מיד,
דער גייסט פון ערד, ער ליגט און שלאָפט אַזוי,
און דו קענסט זען ווי עס באַוועגן זיך
די ליפּעלעך אין ליכט פון זיינע שמייכלען,
וואָס בייטן, מיניען זיך, ווי איינער רעדט
פון שלאָף ווען חלום ברענגט אים וואָס ער ליבט.

יאַנטע

דאָס שפּאָט בלויז נאָך די ספערישע האַרמאָניע.

און פון אַ שטערן פאַלן אויף זיין שטערן,
ווי שווערדן פון פייער בלוי, צי גאָלדענע שפּיזן
מיט מירט טיראַנען־טויטנדיקן באַפלאָכטן —
עמבלעם פון הימל און ערד פאַראייניקט איצט —
אָן אויפהער שטראַלן אומגעהויערע,
ווי שפּיצעס פון אַן אומגעזעען ראָד,
וואָס דרייען זיך ווי ס'דרייט זיך דער וועלט־אַל,
נאָך שנעלער פון געדאַנק, און פילן אָן
דעם תהום מיט בליצן צו זונען ענלעכע,
אָט פּערפּנדיקולער און אָט טראַנסווערז,
זיי שטעכן דורך דעם באָדן דעם פינצטערן,
און ווי זיי דרינגען דורך און דורך אַלצדינג,
זיי דעקן אויף די סודות פון דער ערד;
די אוצרות אָן אַ צאָל פון גאָלד און שטיין,
און איידלשטיינער סאַמע זעלטנסטע,
און היילן הענגענדיק אויף קרישטאָל־זיילן
מיט זילבער גרינענדיקן איבערשפּרייט;
און פייער־קוואַלן נישט דערגרונטעוועט,
און וואַסער־קוואַלן וועלכע שפּייזן דעם ים,
ווי מ'קאָרמעט אָן אַ פּיצל קינד צו זעט,
דעם ים וואָס זיינע דאַמפן קליידן אויס
דער ערדס געקרוינטע שפּיצן־בערג מיט שניי.
די שטראַלן וואַרפן ווייטער זייער ליכט
און ווייזן אונדז די קלאָגעדיקע חורבות
פון צייטן־ציקלען עבר־בטלע;
געשניצטע שיפן־שפּיצן, אַנקאָר־האַקנס;
ברעטער פאַרוואַנדלטע אין מירמלשטיין;
און פיילן־שיידן, און שפּיזן אַלערליי,
און פאַנצער־שילדן גאָרגאָן־קעפּיקע,
און רעדער פון שניידמעסער־רייטוואָגנס,
און בלאַזאָנירונג פון טראָפּייען רייך,
שטאַנדאַרטן, העלמס, און פאַנצער־חיות ווילד.
וואָס טויט אַרום זיי האָט אַמאָל געלאַכט,
עמבלעמעז פון פאַרוויסטונג און פון טויט,
אַ חורבה אויף אַ חורבה! אַלע די
רואינעס אויפן אָרט פון גרויסע שטעט,

וועמעס באַוואוינער ערד האָט איבערוואַקסן,
זיי זיינען שטערבלעך דאָרט געווען, נישט מענטשלעך:
זע ווי זיי ליגן — זייער מאָנסטער־ווערק,
זייערע אומגעלומפּערטע סקעלעטן,
און זייערע סטאַטועס, הײמען, טעמפּלען:
געשטאַלטן שטײנלעכע אין גרויען שטויב
פון פוילונג אָנגעהורבעט, דורכגעשפּאָלטן,
צונויפגעקוועטשט אין טיפער פינצטערניש;
און איבער זיי אַזויפיל אַנאַטאָמיעס
פון אומבאַקאַנטע ברואים פליגלדיק,
און פיש וואָס האָבן אויסגעזען אַמאָל
ווי אינדזעלעך פון לעבעדיקע שופּן,
און שלאַנגען קייטנגופיקע אַרום
די סקאָלעס אייזערנע אַרומגעדרייט,
אָדער אין קופּעס שטויב צעמאָלענע,
וואָס זיינען פון די סקאָלעס בלויז פאַרבליבן,
ווען זיי אין זייער לעצטער גסיסה־פּיין
מיט גבורה האָבן זיי צונויפגעדריקט;
און איבער זיי דער עקדיש קאַרביקער,
דער שור־הבר מיט גבורה מעכטיקער
וואָס האָט די ערד צו ציטערן געמאַכט,
און נאָך מאָנאַרכן־חיות פון אַמאָל,
וואָס האָבן זיך געפּרוכפּערט און געמערט
אויף ברעגן שליימיקע און קאָנטינענטן
געדיכט מיט ווילד־גראָז איבערוואַקסענע,
ווי ווערים אויף אַ פּגר זומער־צייט,
ביז וואַנען ס׳האָט דער הימל אַרומגעוויקלט
די גאַנצע ערד מיט מבול ווי מיט אַ מאַנטל,
און זיי האָבן בלויז געטאָן אַ געשריי, אַ שלוכץ,
און זיינען אונטערגעגאַנגען; אָדער ס׳איז
פאַרביי אַ גאָט וואָס זיצט אויף אַ קאָמעט
און ער האָט אויסגעשריען: „זייט מער נישט!״
און זיי, ווי מיינע רייד, געוואָרן זיינען נישט.

די ערד

ס׳איז גליק, ניצחון איבער אַלע מאָסן!
ס׳איז פרייד אָן צוים צעפּלייצט און איבערפלאָסן,

עקסטאַז צעברויזט, וואָס קיין זאַך קען נישט בינדן!
כאַ! כאַ! דער גלי פון שמחה אין מיר שפּילט
און ווי אַן אַטמאָספער פון ליכט מיך הילט,
און טראָגט מיך ווי אַ וואָלקן געטראָגן פון ווינטן.

די לבנה

ברודער מיין, אין וואָגל ביינאַנד,
גליקלעך גלאָב פון לופט און לאַנד,
אַזאַ גייסט איז אַרויס ווי אַ שטראַל פון דיר,
און ער דרינגט דורך מיין פּראַסטיקייט,
און צירקולירט מיט פלאַמיקייט,
מיט ליבע, דופט, און מיט מעלאָדיש שיר,
דורך מיר, דורך מיר!

די ערד

כאַ! כאַ! פון מיינע בערג די היילן און סקאַלן,
און זייערע קלאַנגען־קוליענדיקע קוואַלן,
זיי לאַכן מיט אַ ריזיק, אומגעצאַמט געלעכטער.
די ימען, די מדבריות, און די תהומען,
און פון דער לופט די נישט געמאָסטענע רוימען,
דורך זייערע וואָלקנס און כוואַליעס ענטפערן דעם געלעכטער.

זיי שרייען הויך, אַזוי ווי איך שריי אַט:
אָ, קללה סצעפּטערדיק, האָסט וועלט באַדראָט
מיט שוואַרצן חורבן צו דערשטיקן, אָפּצווישן,
מיט האָגל פון פייערדיקע דונערשטיינער
צו קרישלען, קנעטן מיינע קינדערס ביינער,
אין פּאַרמלאַזער מאַסע זיי צושטויסן, מישן.
ביז יעדער טורעם ווי אַ סקאַלנשפּיץ,
פּאַלאַץ און טעמפּל, זייל און אָבעליסק,
האָט מיינע בערג געקרוינט מיט פּייער, וואָלקן, שניי;
די ים־גלייכע וועלדער, יעדער גראָז און קוסט
וואָס שטאַרבט און ווערט געבוירן אין מיין ברוסט,
דיין האַס צעטראַמפּלט האָט אויף לעבנסלאָזן קליי.

ווי דו געזונקען ביסט, פאַרשלעפּט, פאַרדעקט,
פון גאַרנישט דאַרשטיקן גיריק אויסגעלעקט,

ווי אַ געזאַלצן כוס וואָס מדבר־לייט לעקן־אויס;
און באַלד פון אונטן, אויבן, אַרום, אַריבער,
עס שפּאַרט אַריין, ווי ליכט אין היילן, די ליבע,
און זי פּילט אויס פון דיין פאַרניכטונג דעם לערן בלויז.

די לבנה

אויף מיינע בערג די אומבאַלעבטע
דער שניי גייט אָפּ אין קוואַלן ראַפּטום;
די האַרטע ימען מיינע פליסן, שיינען;
אַ גייסט איז אויפגעגאַנגען איצט
אין מיין געפרוירן קאַלטער ברוסט
מיט אומגעריכט געבורט: אָ! ס׳מוז זיין דיינער
אויף מיינע, אויף מיינע!

בליקנדיק אויף דיר איך זע, איך פיל
גרין שפּראָץ, און בלומען בונטע פיל,
און לעבנספאַרמען אויף מיין בוזעם שוויבלען;
אין ים, אין לופט — געזאַנג, געזשום,
געפליגלט וואָלקנס שוועבן אום,
מיט רעגן גרייט פאַר בלימלעך ערשטע, דריבנע:
ס׳איז ליבע, אַלץ ליבע!

די ערד

זי דרינגט אַדורך מיין מאַסע פון גראַניט,
דורך וואָרצלען פלאַנטערנדיק, דורך ליימיק קיט,
און ביז מיין סאַמע העכסטער בלאַט און צאַרטסטער בלום;
אויף ווינטן, צווישן וואָלקנס זי שפּרייט זיך,
וועקט לעבן צווישן פאַרגעסענע אין טויט,
זי אָטעמט־אויף אַ גייסט אין אַלץ וואָס טויט און שטום.
און ווי אַ שטורם רייסט אויף די וואָלקן־צאַמען
מיט ווירבלווינט און דונער, זי ז׳אַנטשטאַנען
פון היילן לאַמפּלאָזע פון אומבאַוווסטן זיין,
מיט ערדקראַך קלאַפּ, און בליציק שנעל זי בלאָזט
אַוועק געדאַנק פאַרגליווערט און כאַאָס,
ביז האַס, און שרעק, און פּיין אַנטלויפן, ווי שאָטנס — פון שיין.

לאָז מענטש — געוועז איז ער אַ קרומער שפּיגל,

וואָס האָט פֿאַרדרייט אויף מינים פֿיל פֿון ליגן
די וואָרע וועלט פֿון זאַכן, אַ ים וואָס שפּיגלט ליבע,
און שפּרייט זיך איבער אים, ווי העלער הימל
וואָס גליטשט זיך איבער ים אין רו פֿאַרדרימלט
און שיקט פֿון שטערן־ווייטן שטראַלונג און לעבן אַריבער.

לאָז מענטש, אָט ווי מען לאָזט אַ קרעציק קינד,
וואָס וואַנדערט נאָך אַ קראַנקער חיה בלינד
ביז צו אַ פֿעלדזן־שפּאַלט, וווּ היילנדיק וואַסער קוועלט;
און ווען עס קומט אַהיים צוריק גערייניט,
באַוווּסטלאָז, שרעקט די מאַמע זיך, זי מיינט —
אַ גייסט, דערנאָך זי וויינט פֿון גליק אויף קינד געהיילט.

מענטש, אָ, נישט מענטשן! פֿון געדאַנק אַ קייט,
פֿון ליבע און מאַכט מער קיינמאָל נישט צעשיידט,
באַצווינגענדיק די עלעמענטען מיט אײַזן־צוים,
גלייך ווי די זון מיט אַ טיראַניש בליק
באַהערשט די אומבאַרוטע רעפּובליק
פֿון די פּלאַנעטן, וואָס רייסן זיך אין לויזן רוים.

מענטש, איין האַרמאָניש זעל פֿון זעלן אָן צאָל,
וואָס איר נאַטור ז׳איר אייגן געטלעך קאָנטראָל,
וווּ אַלע זאַכן פֿליסן צו אַלץ, ווי טייכן צום ים;
דורך ליבע פֿאַמיליאַרער אַקט איז שיין;
מי, יסורים, צער אין לעבנס גרינגע אַלייען
זיך שפּילן מילדע אום, ווי חיות אונטער צאַם.

זײַן ווילן, מיט אַלע תּאוות שלעכט, געמיין,
און אַלע דאגות זעלבסטזיכטיק און קליין —
אַ גײַסט, צו פֿירן קלייך, צו פֿאָלגן אַ גיגאַנט —
איז ווי אַ שטורם־געפֿליגלטע שיף, געטריבן
פֿון ליבע, וואָס כוואַליעס זינקען נישט נאָר וויגן,
און לעבנס ווילדסטע ברעגעס קומען איר צו האַנט.

אַלצדינג זאָגט־אויס זײַן כּוח. דורך קאַלטן חומר
פֿון שטיין און פֿאַרבן פֿליסן זײַנע טרוימען;
די פּעדים העל, וואָס באַבעס פֿאַר קינדס קינדער וועבן;

שפראַך איז אַן אייביק אָרפּיש ליד־געזאַנג,
וואָס רעגולירט האַרמאָניש דעם געדראַנג
פון געדאַנק און פאָרם, וואָס אַן איר וואָלט כאַאָס בלויז געבן.

דער בליץ אים דינט; דער הימל ביזן סוף
גיט אָפּ די שטערן אים, און ווי די שאָף
זיי גייען פאַרביי אים, יעדערער אויף זיין אָרביט;
דער שטורם זיין פערד איז, ער באַרייט די לופט;
און פון צעעפנט תהום דער אָפּגרונט רופט:
—הימל, האָסט נאָך סודות? איך בין אָפּגעדעקט; כ'האָב ניט . . .

די לבנה

דער שרעק־שאָטן פון ווייסן טויט
פון מיין וועג איז אָפּגעשיידט —
אַראָפּ דער קיטל פון האַרטן פראָסט און גליוועך;
דורך מיינע סעדער גרין־געוועבטע
שפּאַצירן גליקלעכע געליבטע,
נישט שטאַרק אַזוי, נאָר ליב אַזוי ווי די ווער
דיינע טאָלן מאַכן טיפער.

די ערד

ווי ס'וואַרעמט דער קאַיאָר אַ קיילעכל טוי
אַ האַלב געפרוירנס — גאָלד, און גרין, און גרוי,
ביז ס'ווערט, מיט אַלע אירע, אַ געפליגלטע פאַרע,
און וואַנדערט ביז צום בלויען הימל סופית,
און ווען די זון איר לעצטע שטראַלונג גיט,
ס'הענגט איבערן ים, פון פייער און סאַפיר אַ כמאַרע.

די לבנה

ליגסט געוויקלט, ווי דו ביסט גרויס,
אין דעם ליכט, וואָס גייט נישט אויס,
פון דיין אייגן פרייד, און הימלס שמייכל־שיין;
ווי נאָר אַ זון, אַ שטערנשאַפט,
אויף דיר שיקט ליכט, און לעבן, און קראַפט,
וואָס פוצט דיין ספערע אויס; און דו שיקסט דיין
אויף מיין, אויף מיין!

די ערד

איך דריי זיך אונטער מיין פּיראַמיד פון נאַכט
וואָס שפּיצט זיך איין אין הימלס פאַרחלומט פּראַכט,
און אין פאַרכישופט שלאָף איך פּלאַפּל זיגרייך פרייד;
ווי אין זיין ליבע־טרוים אַ בחור זיפצט,
אין שאָטן פון זיין שיינקייט איינגעשיצט,
זיין שלאָף באַוואַכנדיק מיט ליכט און וואַרעמקייט.

די לבנה

ווי אין דעם דעמער לינד און זיס,
ווען זעל טרעפט זעל אין הייסן קוש,
ראַש האַרץ איז שטיל, און טונקל — אויג וואָס העל;
אַזוי ווען ס'פאַלט אויף מיר דיין שאָטן,
כ'בין שטום און שטיל, און איבערלאָדן
מיט דיר, מיין שענסטער ספער! מיט דיר מיין זעל
איז פול, צו פול!

דרייסט זיך שנעל אַרום, אַרום,
יאָגסט זיך אַרום דער זון,
גרין־בלוי ספער, מיט ליכט דיין רייכן,
צויבערפולן, אָן אַ גלייכן
צווישן הימלס אַלע לאָמפּן
וואָס מיט ליכט און לעבן באַשאַנקן.
איך, דיין שפּיגלשיין געליבטע,
פון אַ קראַפט אַ מיטגעשלעפּטע —
ווער ווייסט וואָס און ווי דאָס איז —
ווי פאַלאַרער פּאַראַדיז,
אַ מאַגנעט פון אויגן זיס;
איך, ראָמאַנטישסטע פון בתולות,
וועמעס שוואַכער מוח דול איז
פון איר ליבע קאַראַהאַד
אַרום דיר, אויף דיין באַראַט
כ'גיב זיך אָפּ, די אויגן רק
כ'גלאָץ און גלאָץ ווי אַ מאַניאַק
פון אַלע זייטן אויף דיין געשטאַלט,
ווי אין וויסט קדמוניש וואַלד
אַ מענאַד אַרום דעם בעכער,

וואָס אַגאַוועי ט׳געהויבן העכער.
ווי נאַר, ברודער, דו טוסט שוועבן,
איך מוז דרייען זיך דערלעבן
אין דיין ציקל אַהין, אַהער,
דורכן הימל ברייט און לער,
פון דעם רוים דעם לאַרנס שלונג
דורך דיין שטאַרקן ליבע־דרונג
געשיצט, שעפנדיק פון דיין שײַן
מאַיעסטעט, און מאַכט, און חן;
אַ פאַרליבטער, אַ כאַמעלעאָן,
ווערט ווי דאָס וואָס ער קוקט אָן,
ווי דאָס אויג פון אַ פיאַלעט
אַזוי לאַנג בלויען הימל זעט,
ביז איר פאַרב ווערט מיט דעם הימלס גלייך;
ווי אַ וואַסער־וואָלקן פליסט,
ביז ער ווערט ווי אַמעטיסט
ווי האַרטער אויפן באַרג פורפור און רייך,
ווען די שקיעה שלאָפט
אויף זיין שנייאיק קאַרק —

זי ערד

און דער טאָג אָן האָפט
אויף דעם ווינט שטאַרק.
אָ, צאַרטע לבנה, פון דיין פרייד די שטים
זי פאַלט אויף מיר ווי ס׳ליכט דיינס ווייך, אינטים,
פאַלט אויף דעם זעגלמאַן וואָס בלאַנקעט אום
ביינאַכט אויף ווינטלאָז ים;
אָ צאַרטע לבנה, דיין קרישטאָלן קול
שטעכט דורך די טיפן פון מיין שטאָלצס וועלט־אַל.
און צאַמט מיין ווילדן טיגער, פרייד, אין עול,
און ס׳היילט מיך דיין באַלזאַם.

פאַנטעא

ווי פון אַ באַד פון פינקלדיקע וואַסער
איך שטייג אַרויף, אַ באַד פון הימלבלוי ליכט,
פון צווישן פעלדזן טונקעלע אַרויס,
פון מיט פון טענער־שטראָם.

יאַנע

וויי, שוועסטער מיין!

דער טענער־שטראָם פון אונדז איז אָפּגעפּלאָסן;
דו מיינסט, אַז פון זיין גאַס דו קומסט אַרויס,
ווייל דיינע ווערטער פאַלן ווי לויטער טוי
פון וואַלד־נימפס האָר און גלידער אָפּגעטרייסלט.

פֿאַנטאַ

שטיל! שטיל! אַ מעכטיקייט, ווי פינצטערניש,
שטייגט אויף פון טיף פון ערד, און פון דעם הימל
זיך גיסט ווי נאַכט, און פון דעם אינגעווייד
פון לופט עס פּלאַצט, ווי ליקוי אויפגעזאַמלט
אין זונליכט־לעכעלעך; די וויזיעס העל,
אין וועלכע ס׳האָבן געריטן און געשיינט
די זינגענדיקע גייסטער, לייכטן איצט
ווי בלייכע מעטעאָרן דורך דער נאַכט.

יאַנע

איך פיל אַ זין פון ווערטער אויף מיין אויער.

פֿאַנטאַ

אַ קלאַנג אוניווערסאַל, ווי ווערטער: האָרך!

דעמאָגאָרגאָן

דו, ערד, באַגליקטער גבול פון זעל באַפרייט,
ספער פון געשטאַלטן און האַרמאָניעס גרויס, —
אין דיין געקויל קלייבסט אויף די ליבע־פרייד,
וואָס דיין וועג אַרום דער זון זי פּלאַסטערט אויס.

די לבנה

איך הער: איך בין אַ טראָפּן טוי וואָס גייט אויס.

דעמאָגאָרגאָן

דו, לבנה, וואָס די ערד קוקסט אָן מיט גלי
און וווּנדער, פונקט ווי זי קוקט אויף אויף דיר;
און איר צו חיה, מענטש, און פויגל אין פלי,
זייט שיינקייט, ליבע, רו, האַרמאָניע־שיר:

די לבנה

איך הער: איך בין אַ בלאַט געטרייסלט פון דיר!

דעמאָגאָרגאָן

איר הערן פון זונען, שטערן — געטער, דעמאָנען,
פּמליות אויבערשטע, געקרוינטע, געבענטשטע,
וואָס זיצט אויף אייביקע, געשיצטע טראָנען
אין שמי־שמים און קיניגט איבער מענטשן:

אַ קול פון אויבן

ס'הערט אונדזער רעפּובליק — געבענטשטע, מיר בענטשן.

דעמאָגאָרגאָן

איר מתים גרויס, וואָס ליכט פון העלסטן פערז
פאַרוואָלקנט בלויז דעם גלאַנץ פון אייערע פאַרבן,
צי אייער נאַטור איז יענער אוניווערז,
וואָס איר אַמאָל האָט דורכגעלעבט, דערוואָרבן —

אַ קול פון אונטן

אָדער ווי אַלע, מיר פאַרגייען און שטאַרבן.

דעמאָגאָרגאָן

זשעניען סטיכישע, וואָס אייער היים איז
פון מענטשנס הויכן שכל ביז צענטער־אָפּזעץ
פון דומם בליי; פון דעם וואָס הימלס קרוין איז,
ביז גרוי געמויז, וואָס בלויז דער ים־וואָרים עסט:

אַ צעטומלט קול

מיר הערן: דיין וואָרט וועקט אָפּגרונט פון פאַרגעס.

דעמאָגאָרגאָן

איר גייסטער וואָס אין פליייש; איר חיות ווילד;
איר פייגל, פיש; און בלאָט וואָס לעבט און פאַלט;
איר בליצן און ווינטן, און כמאַרעס אומגעשטילט;
איר מעטעאָרן וואָס די הימלען שפּאַלט: —

אַ קול

דיין קול פאַר אונדז איז ווינט אין שטילן וואַלד.

דעמאָגאָרגאָן

מענטש, ביסט אַמאָל געווען דעספּאָט און שקלאַף;

אַליין פֿאַרפֿירט, דעם אַנדערן געגאַרט;
אַ דורכפֿאַרער פֿון וויג צום קבר בלויז,
דורך נאַכט אויף טאָג אויף דעם געוואַרט, געוואַרט:

אַלע
אַ, רייד! זאָל נישט פֿאַרגיין דיין מעכטיק וואָרט.

דעמאָגאָרגאָן
דאָס איז דער טאָג, ווען תהודיקער שאול
פֿאַר רשעות־מאַכט פֿון הימל עפֿנט ס׳מויל,
און מאַכט פֿון רשעות זינקט אַראָפּ צום תהום;
ווען ליבע, פֿון איר מוראדיקן היכל
פֿון דולדזאַם קראַפֿט אין האַרץ געפֿירט פֿון שכל,
פֿון לעצטן גרויל־אויסדויער, פֿון דעם שמאָלן זוים
פֿון סקאַלע־שאַרף אַגאָניע, קומט אַרויס
און היילנדע פֿליגל אויף דער וועלט שפּרייט אויס.

איידלקייט, טוגנט, חכמה און אויסדויער —
דאָס זיינען ציגל פֿון דעם פֿעסטן מויער,
וואָס ער שליסט צו דעם תהו־תהום פֿון חורבן און גרויל;
און אויב, מיט שוואַכער האַנט, די אייביקייט,
מוטער פֿון שעהן, און צופֿאַלן, זאָל אָפּלאָזן פֿון קייט
די שלאַנג וואָס וויל זי ווידער כאַפּן אין איר קנויל,
דאָס זיינען די שפּרוכן, וועלכע קערן אום
ממשלה איבער פֿרייגעלאָזט אומקום.

צו ליידן פּיין אָן סוף, ווי האָפֿנונג טראַכט;
פֿאַרגעבן עוולות פֿינצטערער פֿון נאַכט;
פֿאַראַכטן איבערמאַכט, וואָס זעט אַלמעכטיק אויס;
צו ליבן, דולדן; צו האָפֿן, ביז האָפֿנונג שאַפֿט
פֿון חורבן אירן — דאָס נאָך וואָס זי גאַפֿט;
און אָן קיין שום חרטה, וואַקלעניש, געטויש;
דאָס, ווי דיין גרויסקייט, פּראָמעטעוס, מיינט
זיין גרויס און גליקלעך, גוט און פֿריי, און שיין;
דאָס איז אימפּעריע, זיג — דאָס לעבן אַליין.

שעליס דריי פּאָעמעס:

1. דער וואָלקן
2. צו אַ הימל־לאַרך
3. אָדע צו דעם מעריב־ווינט.

דער וואָלקן

איך ברענג פרישן רעגן פאַר די בלומען וועגן,
פון די שטראָמען און ימען ווײַט;
איך טראָג שאָטן קילן די בלעטער צו הילן,
ווען זיי דרימלען מיטאָגצייט.
פון די פליגל ביי מיר טרישען טראָפּנס טוי וואָס דערפרישן
יעדע שלאָפנדע קוויַיט און בלום,
אַ פאַרוויגטע אין שויס פון איר מוטער גרויס,
בעת זי טאַנצט אַרום דער זון.
איך סוויסטש און איך שמײַס מיט דער האָגלבײַטש
און מאַך ווײַס די טאָלן גרינע,
און באַלד שוין ווידער אויף רעגן איך גיי איבער,
און איך קײַקל זיך און לאַך אין דונער.

איך זיפּ שניי אויף די בערג און בעט־אויס זיי די קערק,
און באַווײַס זיי׳רע סאָסנעס גרין;
און איך האָב מיר ביינאַכט אַ געלעגער פון פּראַכט,
ווו איך שלאָף אין די אָרעמס פון ווינט.
אין דער הויך אויף דער קרוין פון מיין הימלשן וואוין
דער בליץ, מיין פּילאָט, זיצט געהילט;
אין אַ היִיל פון אונטן ליגט דער דונער געבונדן,
און ער רייסט זיך און שרייט און ברילט.
איבער ערד און ימען, מיט אַ שוווּנג אַ געראַמען,
דער פּילאָט מיך פירט אָן אַ צאַם, —
פון דער ליבע געטריבן פון די גייסטער וואָס ליבן
אין דער טיף פונם פורפלנעם ים;
איבער פעלדזן און שטראָמען, איבער בערג און תהומען,
איבער אָזערעס, פעלדער, וועגן;

אומעטום ער שפּרייט זיין חלום פון פרייד,
דעם גייסט וואָס ער ליבט אַנטקעגן, —
און איך זיך וואַרעם אין הימלס בלויע אָרעמס,
בשעת ער לייזט זיך אויף אין רעגן.

דער בלוטרויטער קאַיאַר, מיט אויג־מעטעאָר,
און פלאַמפליגל פאַנאַנדערגעשפּרייט,
ער שפּרינגט אויף מיין פלייצע מיט גאָלדענער לייצע,
ווען דער מאָרגנשטערן פאַרגייט;
דאַן אויף קאַרביקן קאַנט פון פעלדזנבאַרג־ראַנד,
וואָס ערד־ציטער טוט הוידען און וויגען,
אַן אָדלער באַרוט קען זיצן אַ מינוט
אינעם גאָלד פון קאַיאַרישע פליגל.
און ווען שקיעה נעמט צינדן איבער ערד איר בלינדן
גלוסט נאָך רו און נאָך ליבע פון ליבּ,
און דער פאַרפלנער דעמער נעמט שפּרייטן זיין קומער
און לופט ווערט אַ פאַרטונקלטע שויב,
מיט פאַרלייגטע פליגל אין מיין לופטיק וויגל
איך ליג שטיל, ווי אַ בריענדע טויב.

יענע ספערישע דאַמע אין איר ווייספייער ראַמע,
וואָס הייסט לבנה אויף מענטשן־שפּראַך,
גליטשט זיך לויכטנדיק בלאָס דורך מיין וואָל־קנוילן גאָס,
געשפּרייט פון די ווינטלעך פון נאַכט;
און זאָל עס געשען, אַז איר פוס אומגעזען
— בלויז אַ מלאך איר טראָט קען הערן —
זאָל צערייסן דאָס געשפּינס פון מיין ביידל דאָס דינס,
און ס'קוקן אַדורך די שטערן;
איך לאַך ווען איך זע זייער אייל און געדריי,
ווי גאָלדענע בינען אין זשום;
און כ'מאַך ברייטער דעם פּראַל אין מיין ווינט־געבויטן זאַל,
ביז די אָזערעס און טייכן אָרום,
ווי פון הימל פאַסן בלוי דורכגעפאַלן דורך מיין גרוי,
ברוקירט ווערן מיט לבנה און שטערן.

איך בינד דער זונס קרוין מיט אַ ברענענדער צוים,

און די לבנה איך גאַרטל מיט פּערל אָן;
די וואָלקאַנען צערינען און די שטערן פאַרשווימען
ווען די ווינטן צעפּלאַטערן מיין פאָן.
פון ברעג־ראַנד צו ברעג־ראַנד, ווי אַ בריק געשפּאַנט
איבער אַ שטראָמיקן ים,
איך הענג ווי אַ דאַך, פאַר זונשטראַלן פאַרמאַכט,
די בערג — זײַלן אונטער אים.
דער טויער פון גלי דורך וועלכן איך צי
מיט שטורעם, בליץ און שלאַקסרעגן,
ווען פון לופט די קרעפטן צו מיר זיך באַהעפטן,
איז דער פיל־קאָלירטער בויגן;
די קויל פײַער פון אויבן זיינע פאַרבן טוט וועבן,
ווען ערד לאַכט מיט פײַכטע אויגן.

איך בין דאָס קינד פון ערד־וואַסער אין בינד,
און דאָס זויגקינד פון הימל;
איך קום פון גערעג פון דעם ים און דעם ברעג,
כ'וועך פאַרוואַנדלט, נאָר כ'שטאַרב נישט קיינמ'ל;
ווען דער רעגן איז אויס און דער הימל בלייבט בלויז,
אָן אַ סימן פון אַ פלעק צומאָל,
און די ווינטן און ליכט־קוואַלן מיט געבויגענע שטראַלן
שטעלן צוריק דער לופטס בלויען קופּאָל, —
איך לאַך אין דער שטיל אויף מיין אייגן קבורה־שפּיל,
ווען פון היילן פון רעגן אַרויס,
ווי אַ קינד פון דער טראַכט, ווי אַ מת אין דער נאַכט,
איך שטיי אויף און צעוואַרף ווידער איר הויז.

צו אַ הימל־לאַרך

זיי געגריסט, הימל־שטים!
נישט קיין פֿויגל דו ביסט,
וואָס פֿון הימל, שיר פֿון אים,
דיין פֿול האַרץ דו צעגיסט
אין טענער־שטראָמען פֿון נישט־צוגעטראַכטער קונסט.

הויך, הויך אומגעהייער
פֿון דער ערד דו שפּרינגסט,
ווי אַ וואָלקנדל פֿון פֿײַער;
אין בלוי טיף דו שווינגסט,
און זינגנדיק דו שטײַגסט אַלץ העכער, שטײַגסט און זינגסט.

אין דעם גאָלדענעם בליצן
פֿון פֿאַרגייענדער זון,
וואָס באַגילדט וואָלקן־שפּיצן,
דו שוועבסט לײַכט אַרום,
גלײַך ווי אַ גליק אָן גוף, וואָס הײבט זיין יעג ערשט אָן.

שאַרף אַזוי ווי די פֿײַלן
פֿון דעם זילבערנעם האָרן,
וואָס זיין לאָמפּ טוט ווײַלן
אין באַגינען אין קלאָרן,
ביז מ'זעט אים קוים, נאָר מ'פֿילט אים אויבן דאָרט פֿאַרלאָרן.

ערד און לופֿט דו פֿאַרגיסט
מיט דיין זינגענדיק לשון,
ווי, ווען נאַכט איז וויסט,

פון איין וואָלקנדל פאַרלאָשן
די לבנה ליכט נעמט גיסן, און הימל ווערט איבערפלאָסן.

וואָס דו ביסט מיר ווייסן נישט;
וואָס צו דיר איז גלײַך?
אין רעגנבויגן פלייצן נישט
קיין טראָפּנס אַזוי רײַך,
ווי פון דיין ווען דער שטראָם פון טענער זיס און לײַכט.

ווי אַ פּאָעט אין שאָטן
פון געדאַנקען אומגעדאַכט,
זינגענדיק הימנס אומגעבאָטן,
ביז די וועלט ווערט געבראַכט
צו זוכן דאָס וואָס זי האָט פריער נישט געאַכט.

ווי אַ מיידל הויך־געבוירן
אין אַ פּאַלאַץ־טורעם,
וואָס איר האַרץ, ליבע־פאַרלוירן,
שטילט אין שעה פון שטורעם,
וועבנדיק טרוים פון גליק אין דעם געליבטנס אָרעמס.

ווי אַ גלי־ווערימל גאָלדן
אין אַ טאָלעכל פון טויען,
צינדנדיק דאָ און דאָרטן
איר לאָמטערנדל גאָלד־בלויען,
ווי שטילע בליצעלעך אין סאַמעט־גראָז פאַרטײַעט.

ווי אַ רויז אײַנגעצוויקט
אין איר גרין בלעטערטום,
פון ווינטן אָפּגעפליקט,
ביז איר זיסער פּערפום
די נאַשנדע ווינטן מאַכט שווער־פליגלדיק און שטום.

פרי־יאָר רעגנס פליאַך־פליאַך
אויפן פינקלענדן גראָז,
בלומען פריש, ערשט דערוואַכט,

אַלץ וואָס זינגט, אַלצדינג וואָס
איז פריידיק, לויטער — דײַן מוזיק דאָס אַלץ מאַכט בלאָס.

פײַע צי פויגל, לערן אונדז, לערן
וועלכן הויכן רעיון
דײַן ליד לאָזט אונדז הערן;
ליד פון ליבע און ווײַן
נאָך נישט געשאַלט האָט ווען מיט אַן עקסטאַז ווי דײַן.

ליבעס שיר־השירים,
טריומפאַלער כאָר, —
ווען כ׳פאַרגלייך מיט דיר אים,
איז ווײַט נישט קיין פּאָר;
מיר פילן עפּעס וואָס אין אים נישט גאַנץ, נישט קלאָר.

וואָס זיינען זיי, די קוואַלן
פון דיין טענער־שטראָם?
פעלדער, בערגער, טאָלן?
הימל־געשטאַלטן, צי ים?
ניט ליבע דיר דײַן געמיט אַן ווײ, אַן צאַם?

מיט דיין לויטער געפרײ
קען נישט זײַן קיין אומעט;
יעדער שאָטן פון ווײ
פון דיר ווײַכט, צוריק טרעט;
דו ליבסט, נאָר קענסט נישט מ׳טרויער פון ליבעס איבערזעט.

מיר בליקן צוריק און דערנאָך,
זוכן דאָס וואָס איז נישט;
אונדזער עכטסטער געלאַך
איז מיט ווייטיק געמישט;
דאָס זיסטע ליד ביי אונדז איז דאָס וואָס טרער פאַרגיסט.

ווען מיר וואָלטן פאַרלוירן
קנאה, שנאה, צער,
און געווען געבוירן

נישט צו גיסן קיין טרער,
צו פרייד צו דײַנער גרײַכן וואָלט געוועזן שווער.

שענער פון שענסטן אַקאָרד
פון וואוילקלאַנג געפליטער,
און פון פערלדיקסטן וואָרט
פון געדיכטן און לידער —
דיין קונסט פּאָעט זיך ווינטשט, דו ווײַכער פון דער נידער!

לערן מיך העלפט פון די פריידן,
וואָס דײַן האַרץ מוז וויסן,
אַזאַ וואָן פון גן־עדן
דורך מײַן ליד וואָלט פליסן,
אַז ס׳וואָלט די וועלט זיך צוגעהערט, ווי איך הער איצטער.

אָדע צו דעם מערב־ווינט*

.1

אַ ווילדער מערב־ווינט, געווי!! פון האַרבסטיק האַפט!
ווי רוחות — פון אַ כישוף־שפּרוך, די בלעטער טויט
געטריבן ווערן פון דיין אומגעזען קראַפט,

געל, ברוין און שוואַרץ, און אַשיק בלאַס, און שווינדזוכט־רויט,
ווי פון מגפה אָנגעפאַלענע; אָ דו,
וואָס שפּאַרסט אַריַין אין פינצטער ווינטער־בעט פון קויט,

די זאָמען די געפליגלטע, אין קאַלטער רו

*) שעליס באַמערקונג צו דער פּאָעמע:

די פּאָעמע איז פאַרטראַכט און אין גרעסטן טייל געשריבן געוואָרן אין אַ וואַלד וואָס זוימט דעם טייך אַרנאָ, לעבן פלאָרענץ, און אין אַ טאָג ווען יענער שטורמדיקער ווינט, מיט אַ טעמפּעראַטור וואָס איז געווען גלייכצייטיק מילד און באַלעבנדיק, האָט געקליבן די דאַמפן וואָס גיסן אַרונטער די האַרבסטיקע רעגנס. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן ווי איך האָב פאָראויסגעזען, אין שקיעה־צייט מיט אַ שטורעם פון האָגל און רעגן, באַגלייט פון יענעם אימפּאָזאַנטן מין דונער און בליץ וואָס איז אייגנאַרטיק פאַר די ציס־אַלפּישע געגנטן.

די דערשיינונג דערמאָנט אין שלוס פון דער דריטער סטראָפע איז גוט באַקאַנט צו נאַטוראַליסטן. די געוויקסן אויפן גרונט פון ים, פון טייכן און פון אָזערעס סימפּאַטיזירן מיט די געוויקסן פון לאַנד אין דעם אומבייט פון די סעזאָנען, און זיי ווערן פאָלגלעך באַאַיינפלוסט פון די ווינטן, וועלכע זאָגן דאָס אָן.

צו פוילן, יעדע ווי אַ מת אין אייגן גרוב,
ביז לינדע שוועסטער דיינע, ווינט פון פרילינג בלאָ,

וועט בלאָזן איבער שלאָפנדער ערד איר שופר־רוף
פון ווידערוואַך, און פאַרבן בונט די טאָלן און די בערג,
און שיקן פרישע קנאָספּן אויף פּאַשע אין דער לופט;

דו ווילדער גײַסט, וואָס טראָגסט אַרום זיך איבער ערד,
פאַרדאַרבער און דערהאַלטער — הער זיך צו, אָ, הער!

2.

דו וואָס אין דיין געשטראָם מיט שטורעמדיק געווימל,
ווי בלעטער פּוילע, לויזע וואָלקנס גייען אָפּ,
אַראָפּגעטרישעט פון געצווײַג פון ים מיט הימל,

מלאָכים פון געבליץ און רעגן; אָט שטייען אָפּ
אויף בלויען ליַילעך פון דיין לופטיקן געשפּאַן,
ווי העלע האָר ווילד אויפגעשטעלטע אויפן קאָפּ

פון אַ מענאַד, פון מאָטן ברעג פון האָריזאָנט
ביז דעם זעניט אין סאַמע הויך פון הימלדאַך,
די לאָקן פון דעם שטורעם וואָס די נאַכט קומט אָן.

דו, לוויה־קלאָג פון שטאַרבנדן יאָר, פאַר דיר די נאַכט
וועט זיין אַ שוואַרצער דאָם איבער קבר אומגעהויער,
באַבאַלקנט מיט דיין גאַרער אָנגעזאַמלטער מאַכט,

פון דאַמפן, וואָס פון זייער אַטמאָספערייש לויער
וועט פּלאַצן שוואַרץ רעגן, בראַנד און האָגל: לייג־צו דיין אויער!

3.

דו וואָס האָסט אויפגעוועקט פון זיסע זומער־טרוימען
דעם בלויען מיטלאַנד־ים, ווען ער איז דאָרט געלעגן

פֿאַרשלעפּערט אין דעם וויקל פֿון קרישטאָלענע שטראָמען

אַרום אַ פּימסנשטיין אינדזל אין באַיאַ אײַנגוס געגנט
און אין זיין שלאָף געזען פּאַלאַצן פֿון עלפֿנביין,
ציטערנדיק אין דעם שטראָמס אַמאָל ברויזנדע וועגן,

פֿאַרוואָקסן מיט הימלבלוי מאָך און בלומען אַזוי שײן,
אַז ס׳נעמט דעם זינען אָפּ די פּראַכט צו מאָלן אַצינד;
דו וואָס די פֿלאַך פֿון דעם אַטלאַנטיק ברעכט זיך אײַן

אין טיפֿענישן אויף דײַן וועג, בעת אויפֿן גרונט
די ים־געוויקסן און וועלדער שלײַמיקע אַזוי,
מיט בלעטער זאַפּטלאָזע, דערקענען דאַן געשווינט

דײַן קול, און פֿון דעם פּחד ווערן פֿלוצים גרוי,
און ציטערנדיק זיי טוען זיך באַקעט אויס: הער, אוי!

4.

וואָלט איך געווען אַ טויט בלעטל געטראָגן פֿון דיר;
וואָלט איך אַ פֿלינק וואָלקנדל געווען מיט דיר אין פֿלי;
אַ כוואַליע אונטער דיר צעברויזט, און טײלן מיט גיר

דעם אימפּעט פֿון דײַן גבורה, ברענען מיט דײַן גלי,
הגם נישט פֿרײַ אַזוי ווי דו און אומגעצאַמט!
וואָלט איך געווען בלויז, ווי אין מיין יוגנט פֿרי,

דער חבר פֿון דיין וואַנדער איבער הימלראַנד,
ווי דאַן ווען מיטצומאַכן דיין הימלשן מאַרשרוט
האָט קוים פֿאַנטאַזיע אויסגעזען, כ׳וואָלט נישט געאַנט

צו שטיין ווי איצט אין תּפֿילה מיט געבראָכן מוט.
אָ, הויב מיך ווי דו הויבסט אַ בלעטל, אַ וואָלקן, אַ וועל!
איבער די דערנער פֿון לעבן איך פֿאַל, איך בלוט.

אַ שווערע לאַסט פֿון שטונדן האַלט ווי אין אַ צעל
איינעם וואָס איז ווי דו אומצוימבאַר, שטאָלץ און שנעל!

5.

אָ, מאַך מיך פאַר דײַן לירע, ווי עס איז דער וואַלד!
און וואָס, אויב מײַנע בלעטער פאַלן אויך אַראָפּ?
פון דײַן האַרמאָניע דער באַרוישנדער געוואַלט

וועט פון אונדז בײדן נעמען אַ טיפן האַרבסטיקן טראָפּ,
אַ זיסן טאָן פון אומעט. זײַ־זשע דו, גײַסט ווילד,
מײַן גײַסט! זײַ דו מײַן איך, מײַן אימפּעט און מיין גאָב!

טרײַב מײַנע טויטע געדאַנקען איבער גאָרער וועלט,
ווי וויאַלע בלעטער צו באַלעבן שפּראָצן נײַ!
און, דורך דער מאַגיק פון די פערזן פון דיר באַזעלט,

ווי פונקען פון אַ פײַער אומפאַרלאָשן, צעזײ
די ווערטער מײַנע צווישן מענטשן און צעצינד!
פאַר אומדערוואַכטער ערד דורך מיינע ליפּן זײַ

דער שאַל־טראָמפּייט פון אַ נבואה גרויס! זאָג, ווינט,
אויב ווינטער קומט, קען פרילינג זיין נאָך וויט אַצינד?